STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12090

# KARL MARKS

Benzion Hoffman

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# קאַרל מאַרקס

## זיין לעבען, זיין ווירקען און זיינע לעהרען

1818 — 1918.

רעדאגירט פון

**צ ב י ו ן**

ארויסגעגעבען פון די

פעראייניגטע אידישע ארבייטער אָרגאַניזאַציאָנען

צו דעם הונדערט יעהריגען יובילעאום פון קארל מאַרקס.

ניו יאָרק.

Copyright 1918
by
The Jewish Socialist Federation

אָפּ־טו־דייט פּרינטינג קאָ., יוניאָן פּרינטערס.

קארל מארקס

# פאָרוואָרט.

דאָס פאָרליעגענדע בוך איז ארויסגעגעבען פון דער פעראייניגטער אידישער ארבייטער בעוועגונג. עס האָבען זיך פערבונדען די וויכטיגסטע אידישע ארביטער אָרגאניזאציאנען, ווי די פעראייניגטע אידישע געווערקשאפטען, דער ארבייטער רינג, די אינטערנעשאָנאל ליידיס גארמענט װאירקערס, די אמאלגאמייטעד קלאָדהינג וואירקערס יוניאן, די אידישע סאציאליסטישע פעדעראציע, די „פארווערטס" אסאסיאיישאָן, די קעפּ מייקערס יוניאן, די פאריערס יוניאן, די נעקווער מייקערס יוניאן און אנדערע, צו פייערען דעם הונדערט־יעהריגען געבורטס־טאג פון דעם גרויסען לעהרער און בעגרינדער פון וויסענשאפטליכען סאציאליזם, קארל מארקס, און ארויסצוגעבען ביי דער געלעגענהייט א בוך, וואָס זאָל דעם אידישען לעזער נעהנטער בעקאנט מאכען מיט דעם לעבען, מיט דעם ווירקען און מיט דער לעהרע פון דיעזען גרויסען גאון, וועלכער האָט דער מענשהייט א נייע תורה געגעבען, א תורה פון גערעכטיגקייט, פון פרייהייט און גלייכהייט, א תורה וואס האָט בעצוואונגען די מוחות און די הערצער פון מיליאנען און האָט זיי בעגייסטערט צום קאמפּף פאר א בעסערע, שעהנערע און גערעכטערע מענשליכע געזעלשאפט.

דאָס בוך ענטהאלט אין זיך א רייה ארטיקלען פון די בעסטע און בעקאנטעסטע אידישע סאציאליסטישע שרייבער אין אמעריקא. יעדער ארטיקעל איז א ספּעציעלער קאפּיטעל פון דעם לעבען, ווירקען און פון די לעהרען פון קארל מארקס; און אלע צוזאמען גיבען מיט זיך א בילד פון דער גרויסקייט פון דעם געניאלען סאציאליסטישען לעהרער און א בעגריף פון זיינע אויפטהואונגען און פון זיינע לעהרען. דאָס בוך שטעלט דעריבער מיט זיך פאָר ניט קיין זאמלונג פון ארטיקלען פון פערשיעדענע שרייבער אָהן א צוזאמענהאנג צווישען זיך. אין געגענטייל. אלע ארטיקלען האָבען א לאָגישע פערבינדונג צווישען זיך. אלע ארטיקלען האָבען דעם געמיינשאפטליכען צוועק ארויסצוברינגען א קלאָרען בילד פון

קאַרל מאַרקס, פון זיין גרויסער פערזענליכקייט, פון זיין טהעטיג־קייט און צו געבען אַ בעגריף וועגען דער פערשיעדענאַרטיגקייט און פיעלזייטיגקייט פון זיין שאַפען און ווירקען. יעדער אַרטיקעל איז אַ טייל פון אַ גאַנצער איינהייט און אַלע אַרטיקלען צוזאַמען שטעלען מיט זיך צונויף אַן איינהייטליכעס גאַנצעס — אַ בילד פון דעם לעבען און ווירקען פון קאַרל מאַרקס. לויט זיין אינ־האַלט און לויט זיין צוזאַמענשטעלונג איז עס ניט קיין זאַמעל־בוך, נאָר אַן איינהייטליך ווערק, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס עס איז געשריבען געוואָרען פון מעהרערע שרייבער.

כדי דאָס בוך זאָל טראָגען דעם כאַראַקטער פון אַן איינהייט־ליך גאַנצעס, האָט די רעדאַקציע זיך געגעבען אַלע מיה צו פער־מיידען, אַז עס זאָלען אין די אַרטיקלען פון די מיטאַרבייטער ניט פאָרקומען קיין ווידערהאָלונגען, אַז עס זאָל ניט אין דער אָדער יענער פאָרם איבערגעזאָגט ווערען פון איין שרייבער דאָס, וואָס עס איז שוין געזאָגט געוואָרען פון אַן אַנדערען. דאָס איז אָבער געווען זעהר אַ שווערע אויפגאַבע דורכצופיהרען אין איהר גאַנצער פינקטליכקייט. איינינע קליינע ווידערהאָלונגען האָבען דאָך ניט געקענט אויסגעמיעדען ווערען. און דאָס איז אויך נאַטירליך און פערשטענדליך. די פערשיעדענע צווייגען פון קאַרל מאַרקס'עס טהעטיגקייט און פון זיינע לעהרען זיינען אַזוי דורכגעפלאָכטען איי־נע מיט די אַנדערע, אַז עס איז אָפט אונמעגליך זיי אָבצוטיילען און אָבצוזונדערען איינע פון די אַנדערע. ווען מען שרייבט ווע־גען די עקאָנאָמישע לעהרען פון קאַרל מאַרקס איז עס אונפערמייד־ליך ניט צו בעריהרען דעם היסטאָרישען מאַטעריאַליזם אָדער די פילאָזאָפישע לעהרע פון קאַרל מאַרקס; ווען מען שרייבט וויע־דער וועגען דער פילאָזאָפיע פון קאַרל מאַרקס איז מען געצוואונ־גען צו בעריהרען די עקאָנאָמישע לעהרען פון קאַרל מאַרקס, דאָס זעלבע איז ווען מען שרייבט וועגען קאַרל מאַרקס און דעם קלאַסען־קאַמפף.

אַזעלכע ווידערהאָלונגען וואָלטען אָבער פאָרגעקומען אפילו, ווען דאָס בוך וואָלט געשריבען געוואָרען פון איין פּערפאַסער. זיי זיי־נען איינפאַך אונפערמיידליך, ווען מען וויל אַרויסברייננען מיט גענוג קלאָרקייט די לעהרען פון קאַרל מאַרקס און זיין פיעלזייטיגע טהעטיגקייט, וועלכע זיינען אַזוי ענג צווישען זיך פערבונדען.

אלענפאלס זיינען די ווידערהאָלונגען אזעלכע קליינע און אונ־בעדייטענדע, דאָס זיי שטערען ניט די גאנצקייט פון בוך. אין א געוויסען פּרט זיינען די אייניגע קליינע ווידערהאָלונגען א מעלה. אין דערזעלביגער צייט, וואס יעדער ארטיקעל איז בלויז א טייל פון גאנצען בוך, איז ער אָבער אויך ביז א געוויסען גראד עטוואס א גאנצעס פאר זיך. די ארטיקלען קענען געלעזען ווערען אין צו־זאמענהאנג איינע מיט די אנדערע און אויך יעדער בעזונדער.

דאָס בוך אין גאנצען גענומען איז זיכער א גרויסער בייטראג צו אונזער אידישער סאציאליסטישער ליטעראטור און עס האָט קיין בעסערע און פּאסענדערע זאך ניט געקענט געטהאָן ווערען פון די אידישע ארבייטער ארגאניזאציאנען צו עהרען דעם אָנדענקען פון קארל מארקס, ווי ארויסצוגעבען דאָס דאָזיגע בוך, וואס וועט פיעל מיטהעלפען צו בעקענען די אידישע ארבייטער מיט דעם לעבען, מיט דער טהעטיגקייט און מיט די לעהרען פון דעם שעפּפער און בעגרינדער פון דעם וויסענשאפטליכען סאציאליזם, וועלכער איז געווארען דער וועג־וויזער פון דער ארבייטער־בעוועגונג און פון דעם ארבייטער־קאמפּף אין אלע ציוויליזירטע לענדער פון דער וועלט פאר גערעכטיגקייט, פרייהייט און גלייכהייט — פאר א סאָ־ציאליסטישע געזעלשאפטליכע ארדנונג.

עס דארף דערביי אויסגעדריקט ווערען אנערקענונג צו די גענאָסען פ. געליעבטער, פון ארבייטער רינג, און מ. לולאָוו, פון דער אידישער סאציאליסטישער פעדעראציע, וועלכע האָבען פיעל מיטגעהאָלפען אין דער אויסגאבע פון דעם בוך.

בעזאָנדערס האָט גענאָסע פ. געליעבטער פיעל מיטגעהאָלפען אין צוזאמענשטעלען דאָס בוך און צו בעזאָרגען די ארטיקלען.

ניו יארק, דעם 15טען אַפּריל 1918.

ב. וולאדעק

# צום בילד פון קאַרל מאַרקס.

עס איז גרינג צו טרעפען קינדער פון אידישע סאָציאַליסטען וועמעס ערשטער נאָמען עס איז „וויליאַם מאָרים", „לאַסאַל" אדער „בעבעל".

עס איז אָבער זיכער ניטאָ קיין איינער וואס זאל זיין א נאָ־מען נאָך קאַרל מאַרקס.

מאָרים, לאַסאַל און בעבעל זיינען געווען זעהר גרויסע, זעהר וויכטיגע סאַציאַליסטישע פיהרער, זעהר טיעפע סאַציאַליסטישע דענקער. אויף דעם געביט פון סאַציאַליזם זיינען זיי געווען פּונקט אזוי וויכטיג, ווי וויכטיג עס זיינען געווען אויף דעם געביט פון לערנען די רבנים און רביים, נאָך וועלכע אונזערע עלטער־זיי־דעם האָבען גערופען ז י י ע ר ע קינדער. אָבער מיט זייער גאַנצער גרויסקייט, וויכטיגקייט און טיעפקייט זיינען זיי נור גע־ווען מענשליך. זייער לעבען און ארבייט רופט ארוים אנערקע־נונג, דאַנקבאַרקייט, אכטונג, אבער ניט קיין פערגעטערונג, קיין געמישט געפיהל פון שרעק און עקסטאַז.

גאַנץ אַנדערש איז קאַרל מאַרקס. פאַר די מאַסען וואס האָ־בען זיך געפונען אונטער דער ווירקונג פון דער סאַציאַליסטישער בעוועגונג איז מאַרקס געווען מעהר ווי א פיהרער, מעהר ווי א רבי, מעהר ווי א בראַווער פּאַרקעמפּפער פאַר א גערעכטע זאַך. די בענשונגען וואס זיין לעהרע האָט געבראַכט זיינען גרויס ווי די וועלט, טיעף ווי דער ים און הימעל. די חרפּה וואס ער האָט געבראַכט אויף די קאַפּיטאַליסטישע געלערנטע מיט זיין בעוויי־זען די וויסענשאַפטליכקייט פון סאַציאַליזם; די טיעפע קענטניס וואס ליגט אין זיינע דיקע ווערק אנגעפילט מיט געדאַנקען, פאַק־טען און ארגומענטען וואס ניט יעדער קען פערשטעהן; זיין אריינדרינגען אין די טיעפסטע טיעפענישען פון דער געשיכטע אום ארויסצוקומען פון דאָרט מיט שטאַרקערע בעווייזע פאַר דער זאַך פון די ארבייטער פון דער גאַנצער וועלט — דאָס אַלעס האָט די פאַנטאַזיע פון פאָלק אריינגעוועבט אין א פּערזענליכקייט האַלב־מיסטיש, אונרעאַל, האַלב־געטליך.

נו, מען קען געבען א נאָמען נאָך משה רבינו, אבער ניט נאָך דעם רבונו של עולם. מען קען זיין אין נאָהענטער בעריה־רונג מיט א מענשען, ווי גרויס ער זאל ניט זיין (און וואס גרע־סער אלץ גרעסער דער כבוד) אבער ניט מיט א סימבאָל, א פאָהן,

א גייסט. אפילו די בילדער וואס מיר האָבען פון די סאציאַליס־טישע פיהרער ווייזען דעם אונטערשיעד. לאסאַל שטעהט אין זיין גאנצער הויך אָנגעשפּארט מיט איין האנד אָן א טיש, און צוזאמען מיט זיין קערפּער זעהען זיך זיינע שעהנע קליידער, זיין הויכער קראגען. בעבעל זיצט ביים שרייב־טיש אויף וועלכען עס ליגען פּאפּירען און ביכער, און איהם זעהען מיר אויך א י נ ־ ג א נ צ ע ן, מיט א סביבה, ארומגערינגעלט מיט אַלטעגליכע קליינינקייטען.

אָבער פון מאַרקס'ען איז אונז נור פארבליבען א קאָפּ. א גרויסער, רונדער קאָפּ אין א ראַהם פון גראהע האָר, מיט צוויי קליינע אָבער שארפע אויגען אין מיטען. א קאָפּ וואס איז רונד ווי א זון, שטאַרק־געבויט ווי א פעלז, פערטיעפט אין עטוואס כמארנע, ווי א גרויס און אויפגעשטורעמט וואסער. מאַכט ארום אָט דעם קאָפּ א רינג פון שטראַהלען, א „האַלאָ", און עס איז אפּאָס־טאָל פּעטער, אָדער דער הייליגער קיריל...

אזוי איז דער נאָמען מארקס פון שטענדיג אָן א נאָמען מיט א כשוף, א גייסט מיט א צויבערליכען קלאַנג... וואס האָט גע־מאַכט מעגליך און אפשר נויטיג אָט די לעגענדע פון מארקס'ען? וואס האָט ארומגעוועבט ארום זיין נאָמען אזא גאָלדענעם גע־וועב? זיין שטורמיגער וואַנדער־לעבען? זיין אנטהייל נעה־מען אין רעוואָלוציאנען? זיינע קעמפּפע מיט באַקונין'ען? דער פייערדיגער סטיל פון זיינע ארטיקלען? ניין, זיין ביאגראפיע איז צו די ברייטע קרייזען כמעט ווי אונבעקאנט. פון אלע סאַ־ציאַליסטישע פיהרער קען דאָס פאָלק אמבעסטען די ביאגראַ־פיע פון לאסאַל'ן צוליעב זיין שטורמיגער ליעבע און טראַגישען טויט. וועגען בעבעל'ן האָבען אויך אלע געוואוסט, אז ער האָט אָנגעפאנגען אלס געוועהנליכער ארבייטער, אלס דרעכסלער, און אז ער האָט דערגרייכט צו זיין דער פיהרער פון די דייטשע סאַ־ציאליסטען מיט זיין געבאָרענער געניאליטעט. אָבער מארקס'עס ביאגראַפיע איז ווייניג בעקאנט.

דער ברייטער עולם ווייס אויך זעהר ווייניג וועגען זיין מעהר־ווערטה טעאָריע און זיין עקאָנאָמישען דעטערמיניזם. ניט קוּ־קענדיג אויף אלע פּערזוכען צו פּאָפּולאַריזירען מארקס'ען, צו בעקענען דעם ברייטען עולם מיט דעם גענויען אינהאַלט פון זיי־

נע עקאָנאָמישע און פילאָזאָפישע לעהרען, זיינען זיי דאָך פאַר דער גאר גרויסער מאיאריטעט פארט ניט מעהר ווי א פערזיגעלט בוך.

צוויי געדאנקען אדער פאקטען אדער לעהרען אין צוזאַ־מענהאנג מיט מארקס'עס פילאָזאָפיע, אין אן אלגעמיינער און פי־לייכט אויך ניט גענויער פארמע, זיינען, שיינט מיר, די איינציגע ערקלעהרונג פאר זיין גוואלדיגע ווירקונג, פאר זיין פאנטאסטי־שען, מען קען זאגען רעליגיעזען איינפלוס.

צוערשט זיין אפטימיזם. די וועלט געהט שטענדיג צו בע־סער און פריהער אדער שפעטער וועט זיך פון דעם בלוטיגען פלאָנטער פון דער געשיכטע אויסוויקלען אן ארדנונג פון אמת'ער פרייהייט און גליק, א סאציאליסטישע ארדנונג. זאלען זיי, די קאפיטאליסטען, די בורזשויען, מיט אלע זייערע געלערענטע און פיהרער, טאפען אין דער פינסטער. זאלען זיי זיך איינשפארען מיט אלע כחות ניט צו דערלאזען קיין פארטשריט, קיין בעסערונג — זיי וועלען ניט אויספיהרען. די געשיכטע האָט איהר אָנגע־צייכענטען וועג, איהר געזעצמעסיגען פלאן, און קיינער קען זי פון וועג ניט אראפפיהרען.

און ווי דערשלאָגען און בערויבט און אָבגעלאזען די אר־בייטער זאלען ניט זיין, און ווי שלעכט און האָפנונגסלאָז אלץ ארום זאָל ניט אויסזעהן, און ווי אונבעגרענצט און ברוטאל דער „היינט" זאל ניט הערשען — די גערעכטיגקייט, און די פרייהייט מוז ארוים טריאומפירענד, און די וועלט מוז ווערען בעפרייט.

קיין רעליגיאן האָט נאָך אזוי פיעל ניט בעפליגעלט דער־שלאָגענע, הילפלאָזע מענשען, קיין לעהרע האָט נאָך אזוי פיעל ניט בעטהויט און בעפרישט די פער'חלש'טע נשמות פון די אר־בייטער־מאסען ווי אָט דער אָפטימיזם פון דער מארקסיסטישער לעהרע.

„זייט געדולדיג און איהר וועט קריגען בעצאָהלט". קריכט אריין אין דעם טריאומף־וואגען פון דער געשיכטע, בינדט זיך אָן צו דער היסטאָרישער נויטיגקייט, — און איהר וועט זעהן ווי די נייע זון געהט אויף...

און ווי אזוי וועט די ערלייזונג קומען? ווי וועלען זיך די גאָלדענע טויערען עפענען?

דורך דעם קלאסען־קאמפף!

דאס איז די טרייב־קראפט פון די געשעהענישען, די איינ־געווייד פון דער געשיכטע. דער קאמפף פון דעם בערויבטען געגען רויבער, דעם שקלאף געגען הערשער, דעם פויער געגען פריץ, דעם ארבייטער געגען באלעבאס, כאטש פון דרויסען זיינען זיי ברוטאל און זינלאז, און אויסוועגלאז, זיינען זיי דאך די אמת'ע דאמפף פון דעם ריזיגען לאקאמאטיוו פון לעבען.

און אלע קרבנות פון דיזען קאמפף האבען געמאכט און מאכען א וועג פאר א נייער וועלט, און די פערגאנגענהייט ווערט פלוצלונג בעלויכטען מיט א געוואלדיגען לייכטענדען פלאם.

קלאסען־קאמפף! דער בונד פון די שוואכע און דער זיעג פון די שוואכע!

יעדעס מאהל וואס אן ארבייטער געהט ארוים אין א סטרייק, אדער פייערט דעם ערשטען מאי, אדער לעזט א סאציאליסטיש בוך, אדער שטיצט א פרייהייטס־בעוועגונג וואו זי זאל ניט זיין, יעדעס מאל וואס ער ענטוויקעלט אדער דריקט אוים זיין „קלאסען־בעוואוסטזיין", ווערט צוגעגעבען נאך א ציגעל, נאך א שמיר פלאסטער צו דעם טעמפעל פון דער צוקונפט, פון דער מענשהייט'ס גליק.

איך, דער גארבער פון סמארגאן, דער בערשטער פון וועלקאווישק, דער שניידער פון בזשעזין, דער וועבער פון לאדז, דער מעכאנישער שוסטער פון מינסק; איך, דער קויהלען־מינען־גרעבער פון דאנעצקי באסיין, דער „זאוואדסקאי" פון פעטערבורג, דער פליטען־ארבייטער פון דער וואלגא, דער מויערער פון מאסקווע — מיר זיינען ניט גלאט אזוי דערשלאגענע מענשען, ארימע מענשען, ווערים, איבער וועלכע יעדער איינער קען טרעטען מיט די פים, נור מיר זיינען מיטגליעדער פון דעם ארבייטער־קלאס, טיילען פון אלוועלטליכען פראלעטאריאט, סאלדאטען אין דער מענשהייט'ס בעפרייאונגס־ארמעע!

„קלאסען קאמפף" און סאציאליזם זיינען דערום ניט א טהעאריע, גלאט אזוי א געדאנק, נור א פליכט, א גאטעס־דיענסט, א בעפעהל פון דער געשיכטע. אנדערע מעגען האנדלען און האווען, וואנדלען און שמייען, פיהרען געשעפט און בויען זייער אייגענעם שיקזאל — מיר שטארקע אין אונזער אייניגקייט און קלא־

סען־סאָלידאַריטעט, וועלען בויען פאַר דער וועלט, פאַר אַלעמען, פאַר די צוקונפט. און וואָס מעהר און וואָס גלויביגער אַלץ בעסער.

די רעוואָלוציאָנערע קינדער וואָס האָבען געסטרייקט געגען זייערע אייגענע טאַטעס; די איינציגע בעל מלאכות וואָס האָבען ערקלעהרט גענעראַל־סטרייקס אין זייער פאַך, די שטילע מאַר־טירער וואָס האָבען זיך אויף אייביג צוגריקט מיט זייער אַרט לעבען אום צו קענען זיין גוטע, פרומע סאָציאַליסטען — זיי זיינען אַלע געווען בעוועגט פון דעם צויבער פון קאַרל־מאַרקס, פון דעם גאָלדענעם כשוף פון זיין קאַמפּפסלוסטיגער, אָפּטימיס־טישער לעהרע. דער סטרייק האָט פערנומען דעם פּלאַץ פון אַ תענית, די פערזאַמלונג — דעם פּלאַץ פון דאַווענען; דאָס סאָ־ציאַליסטישע ביכעל — דעם פּלאַץ פון עין יעקב...

און כאָטש פינף און דרייסיג יאהר זיינען שוין פאַריבער זינד דער גרויסער רונדער קאָפּ איז אַריינגעלעגט געוואָרען אין דער ערד, און כאָטש אַלעס וואָס איז פון מאַרקס'ען פערבליבען, איז שוועררע אָבהאַנדלונגען און נור איין בילד, קוקען דאָך זיינע אויגען נאָך אַראָב פון פיעלע טויזענדע ווענט און זיין פּאָהן וועהט נאָך אַלץ אויף די שלאַכטפעלדער פון דער וועלט.

הלל ראַנאָף

# דאָס לעבען פון קאַרל מאַרקס.

דריי יאָהר נאָכדעם ווי די לעצטע פונקען פון דער פראַנ־צויזישער רעוואָלוציאָן זיינען פערלאָשען געוואָרען אונטער דער כוואַליע פון רעאַקציאָן וואָס האָט גאַנץ אייראָפּאַ פערפלייצט, איז אין דער אַלטער שטאָדט טריער, אין דער רהיינישער פּראָווינץ פון פּרייסען, געבוירען געוואָרען אַ קינד, וועמענס שיקזאַל האָט בע־שטימט צו זיין דער גרעסטער און מעכטיגסטער גייסט אין דער נייער רעוואָלוציאָן, וואָס איז מיט דרייסיג יאָהר שפּעטער אָנגע־צונדען געוואָרען אין אַלע ציוויליזירטע לענדער אונטער דעם נאָמען סאָציאַליזם. קאַרל מאַרקס איז געבוירען געוואָרען דעם 5טען מאַי, 1818.

אויף דער וועלט איז קאַרל מאַרקס געקומען אַ איד. סאַי פון דעם פאָטער'ס צד, סאַי פון דער מוטער'ס צד איז ער געקנאָטען גע־ווען פון רבנים. אין משך פון צוויי הונדערט יאָהר אין די רבנות אין דיביידע פאַמיליעס איבערגעגאַנגען אָהן אַן אונטערברעכונג פון פאָטער צו קינד. אָבער דער גייסט פון פרייהייט און אפּיקורסות וואָס די פראַנצויזישע פיליזאָפען פון 18טען יאָהר־הונדערט האָ־בען איבער אייראָפּאַ פערשפּרייט, האָט אויך אַריינגעדרונגען אין די רבנישע הייזער, און קאַרל מאַרקס פאָטער איז פון איהם אָנ־געגריפען געוואָרען. אָנשטאָט גמרא האָט ער געלערנט וואָלטער און רוסאָ. ער האָט פערביטען דעם קלויז אויף דעם אוניווערזי־טעט, און אָנשטאָט אַ רב איז ער געוואָרען אַן אדוואָקאַט. דאָן איז ער אַ שריט ווייטער געגאַנגען, און ער האָט זיין אידישען פאַמיליע נאָמען, וועלכער איז געווען מרדכי, פער'גוי'אישט, איהם איבער־געמאַכט אויף מאַרקס.

פון דער רעאַקציאָן וואָס האָט זיך צובושעוועט, ספּעציעל אין פּרייסען, נאָכדעם ווי נאַפּאָלעאָן איז געפאַלען, האָבען פערשטעהט זיך, די אידען אַם מייסטענס געליטען. כל זמן די פראַנצויזען האָבען איבער די רהיינישע פּראָווינצען געהערשט איז עס מעגליך געווען פאַר אַ אידען מיט אַ געלעהרטע פּראָפעסיאָן צו פּראַק־טיצירען. די פּרייסישע הערשער האָבען אָבער פון די אידען דיעזע רעכט צוגענומען. העכסט וואַרשיינליך איז דאָס געווען די אורזאַכע וואָס האָט געטריבען די מאַרקס פאַמיליע צום שמד. קאַרל איז אַלט געווען זעקס יאָהר, ווען זיין פאָטער האָט זיך און זיין פרוי און קינדער איבערגעקעהרט צום קריסטענטהום.

א קינדהייט און יוגענד האָט קאַרל מאַרקס געהאַט גליקליכע. זיין קלוגער און געבילדעטער פאָטער האָט אין איהם זעהר פריה ע־טדעקט מערקווירדיגע פעהיגקייטען און איהם געמאַכט פאַר׳ן ליעבלינג אין הויז. אַלע האָבען איהם ארומגערינגעלט מיט אויסער־געוועהנליכע ליעבע און צערטליכקייט. פון פאָטער איז ער בעהאַנ־דעלט געוואָרען ניט ווי א קינד, נאָר ווי א פריינד. זיי האָבען צוזאַמען געפיהרט ערנסטע געשפּרעכען איבער פראַגען פון פילאָ־זאָפיע, רעליגיאָן און געשיכטע; און געלעזען די ווערק פון וואָלטער און רוסאָ.

און וועהרענד דער פאָטער האָט אין איהם איינגעפלאַנצט א ליעבע צו דענקען, האָט א פריינד פון דער פאַמיליע אין איהם ענט־וויקעלט א ליעבע צו פּאָעזיע און ראָמאַנטיק. באַראָן פאָן וועסט־פאַלען, א פּרייסישער טשינאָווניק, האָט זיך אין טריער בעזעצט צוויי יאָהר איידער קאַרל איז געבוירען געוואָרען; און צווישען איהם און קאַרל׳ס פאָטער האָט זיך באַלד ענטוויקעלט א שטאַרקע פריינדשאַפט, וועלכע האָט צונויפגעבונדען דיביידע פאַמיליעס אויף שטענדיג. דער באַראָן האָט ליעב געהאַט דעם קליינעם קאַרל פונקט ווי זיין אייגען קינד און דאָס האָט אויף זיין ערציהונג א גרויסען איינפלוס געהאַט. אָט דיעזער באַראָן האָט עס מיט איהם געלעזען די פּאָעטישע ווערק פון שעקספּיער, געטהע, דאַנטע און די ראָמאַנטישע ערצעהלונגען פון סערוואַנטעס, וועלכע דער קליינער קאַרל האָט געליעבט פונקט אזוי פיעל ווי די פילאָזאָפישע ווערק וואָס זיין פאָטער האָט מיט איהם געלעזען.

די פרויען און די קינדער פון די ביידע הייזער האָט דער יונגער קאַרל געוואונען מיט זיין שעהנעם פּנים און זיין לעבענס־לוסטיגקייט. אַלעס האָט ער געקענט, אַלעס האָט ער געוואוסט, און דארום האָבען זיי איהם אויך בעוואונדערט. שוין דעמאָלט האָט ער געוואונען דאָס האַרץ פון דער קליינער דזשעני וועסטפאַלען, דעם באַראָן׳ס טאָכטער, וועלכע איז שפּעטער זיין פרוי געוואָרען.

אין שול האָבען די חברים זיינע אַי איהם געליעבט אַי פאַר איהם מורא געהאַט. זיי האָבען איהם געליעבט פאַר זיין שטיפען, פאַר זיין לוסטיגקייט, פאַר זיין חבר׳שאַפט; און האָבען מורא גע־האַט פאַר די שטוקעס וואָס עס פלעגט זיי אָבטהאָן און די סאַטי־רישע ליעדלעך וואָס ער פלעגט וועגען זיי שרייבען. ביי די לעהרער

איז ער געווען ווי אַן אויג אין קאָפּ, פאַר זיין התמדה אין לערנען און זיינע אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען.

צו 16 יאָהר האָט ער געענדיגט דאָס גימנאַזיום אין טריער און איז אריינגעטראָטען אין אוניווערזיטעט אין באָנן. זיין פאָטער האָט געוואָלט ער זאָל שטודירען יוריספּרודענץ און ווערען א גרויסער אַד־וואָקאַט. איהם האָט זיך אָבער געוואָלט ווערען א פילאָזאָף און א פּאָעט; אָבער איבערטרעטען זיין פאָטער'ס וואונש האָט ער גע־האַלטען פאַר אונמעגליך. ער האָט גענומען קורסען אין יוריספּרו־דענץ, און אזוי ווי דאָס הארץ זיינס איז דערביי ניט געווען, איז איהם דער לימוד אין קאָפּ ניט געקראָכען. דערצו האָט ער זיך איינ־געפּלאָנטערט אין חובות און געמוזט בעטען ביי זיין פאָטער ער זאָל איהם ארויסהעלפען. אזוי איז דער יאָהר פאַראיבער, א יאָהר פון ביטערע ענטוישונג פאַר איהם און זיין פאָטער. ער האָט פערלאָזען דעם אוניווערזיטעט. איז אהיים געקומען און געקראָגען פון פאָטער ערלויבענים צו פאָהרען שטודירען אין בערלין.

און דאָ פאַנגען זיך אָן פאַר מארקס פינף לאַנגע יאָהרען פון גייסטיגען „שטורם און דראנג". יאָהרען פון ראָמאַנטישע בענקע־ניש, נשמה־זוכעניש, די יאָהרען, ווען אין הארץ און אין מח פון דעם יונגען מאַן איז אַלעס אונבעשטימט, אונזיכער, ווען ער טאַפּט אין דער פינסטער און קען קיין פעסטען באָדען אונטער די פיס ניט געפינען.

פאַר'ן אוועקפאָהרען קיין בערלין האָט זיך דער 18־יאָהריגער מארקס אין ליעבע ערקלערט צו דער 22־יאָהריגער דזשעני וועסט־פאַלען. א שווערען קאַמפּף האָט ער מיט זיך געמוזט דורכמאַכען איידער ער האָט דעם שריט געוואגט צו נעהמען, ווייל א טיעפער אָבגרונד האָט איהם אָבגעטהיילט פון באראָן'ס טאָכטער. זי איז געווען פון הויכען אדעל, א רייכע, די שעהנסטע מיידעל אין שטאָדט; און ער איז געווען א געבוירענער איד, דער זוהן פון אַן אָרימען אַד־וואָקאַט. אַלס קאָנקורענטען פאַר דער פריילינס האַנד האָט ער גע־האָט די זיהן פון די רייכסטע אדעל־לייט אין דער פּראָווינץ. איז דאָס מעגליך געווען אז ער וועט געגען זיי געווינען?

ער האָט אָבער געוואגט און געוואונען. אין געהיים האָבען זיי איינער דעם אנדערען זייער טריי־וואָרט געגעבען און מיט דעם גליק־

ליבען סוד איינגעשלאָסען טיעף אין זיין הארצען איז ער נאָך בערלין אוועק זיין שטודיום פאָרטזעצען.

א לאַנגער אינערליכער קאַמפף זיינען די אוניווערזיטעט־יאָהרען פאַר איהם געווען. אויף זיין פאָטער'ס פערלאַנג האָט ער ווידער גענומען קורסען אין יוריספּרודענץ, צו וועלכע ער האָט קיין שום נייגונג געהאַט. ער האָט, פערשטעהט זיך, דיעזע קורסען פערנאַכלעסיגט, און האָט זיך גאַר אָבגעגעבען מיט פילאָזאָפיע און געשיכטע. ער האָט אויך פאַר זיך געלערנט שפּראַכען און געלעזען ליטעראַטור. וואָס זיין לעבענס־ארבייט זאָל זיין האָט ער נאָך דעמאָלט אליין ניט געקענט בעשטימען. ער האָט א שטיקעל צייט געחלום'ט וועגען ווערען א פּאָעט און האָט ווירקליך פערפאַסט גאַנצע בענדער מיט גראַמען. ער האָט אויך געפּלאַנט צו ווערען א דראַמאַטורג און ראָמאַנען־שרייבער, און האָט שוין אין קאָפּ געבויט פּלענער פאַר דיעזע ווערק. ווערטה איז צו בעמערקען, דאָס פון זיין יוגענד אָן האָט מאַרקס געהאַט א מערקווירדיגען געפיהל צו פּאָעזיע און שעהנע ליטעראַטור אין אַלגעמיין. די ליטעראַטען פון זיין קרייז, צווישען וועלכע עס האָבען זיך געפונען אזוינע זשעניען ווי היינריך היינע, האָבען איהם און זיין פרוי געהאַלטען פאַר גרויסע מבינים אויף ליטעראַטור. עס איז געווען א צייט, ווען היינע האָט קיין זאַך ניט געדרוקט סיידען ער האָט פריהער געוויזען צו הערר און פרוי קאַרל מאַרקס און געקראָגען זייער צושטימונג, אז די זאַך איז גוט. פיעלע פערלען פון היינע'ס ווערק האָבען מיר מאַרקס'עס קריטיק צו פערדאַנקען.

גלייך ווי ער האָט זיין שטודירען געענדיגט איז ער אריינגעצויגען געוואָרען אין רעוואָלוציאָנערען קאַמפף. דאָס איז געווען אין יאָהר 1841, ווען אין גאַנץ אייראָפּא האָבען שוין גענומען וועהען די קליינע פרייהייטס ווינטלעך, פון וועלכע עס האָט זיך ענטוויקעלט דער רעוואָלוציאָנערער שטורם פון 1848. אין דער רהיינישער פּראָווינץ איז דאַן ערשיענען א פּראָגרעסיווע צייטונג, ארויסגעגעבען פון בורזשואזע ראַדיקאַלען. קיין בעשטימטען פּראָגראַם האָט די צייטונג ניט געהאַט. אָבער ארום איהר האָבען זיך גרופּירט אַלע פרייהייטס־ליעבענדע גייסטער, צווישען וועלכע עס האָבען זיך געפונען מאַקס שטירנער, מאָזעס העסס, ברונא באוער. אין דיעזער צייטונג איז עס מאַרקס אריינגעטראָטען אלס מיטאַרבייטער. באַטש

ער איז געווען דער אינגסטער צווישען די אַלע שרייבער, האָט ער זיך באַלד אויסגעצייכענט אַלס דער פעהיגסטער. מיט בייסענדער סאַטירע און אייזערנע לאָגיק האָט ער אָנגעפאַנגען צו אַטאַקירען פריהער די צענזור און דערנאָך די אַנדערע פינסטערע געזעצע פון דער פּרייסישער רעגירונג. אין עטליכע מאָנאַטען אַרום איז ער געוואָרען רעדאַקטאָר פון דער צייטונג און דאַן האָט ער דער רעגירונג גענומען געבען נאָך שטאַרקערע קלעפּ. די צענזור האָט געוואָרענט די אַרויסגעבער איין מאָל און אַ צווייטען מאָל, און ווען זיי האָבען ענדליך איינגעווילינגט מאַרקס׳ען צו ענטזאָגען, איז שוין געווען צו שפּעט. די צייטונג איז אָבגעשטעלט געוואָרען, נאָכדעם ווי מאַרקס האָט איהר רעדאַגירט זעקס מאָנאַטען.

אין 1843 האָט מאַרקס געהייראַטה מיט זיין געליעבטע דזשעני, און נאָך אַ קורצע האָכצייטס־רייזע איז די יונגע פּאָאַר׳ל אַוועק־געפאָהרען אין פּאַריז און האָט זיך דאָרט בעזעצט. אין פּאַריז האָט ער בעקאַנטשאַפט געשלאָסען מיט היינע, פּרודאָן, באַקונין און קאַבעט, און איז באַלד געוואָרען מיט זיי אַלעמען אינטים, איבער־הויפּט מיט היינע׳ן און פּרודאָן׳ען. גאַנצע נעכט פלעגען זיי פער־ברענגען אין דיסקוסיאָנען און דעבאַטען. היינע פלעגט זיין הויז בעזוכען יעדען טאָג.

אין אַ יאָהר אַרום איז אין פּאַריז אָנגעקומען פריעדריך ענגעלס, וועמענס נאָמען מאַרקס האָט שוין פריהער געקענט. און דאַן איז דאָס צווישען די צווי יונגע לייט געשלאָסען געוואָרען דער בונד פון פריינדשאַפט און פון גייסטיגער אחדות, וועלכען בלויז דער טויט האָט געקענט פאַנאַנדעררייסען, אַ פריינדשאַפט, וועלכע קען פער־גליכען ווערען צו דער ביבלישער לעגענדע וועגען אהבת דוד און יהונתן.

אין דיעזער צייט האָט מאַרקס אָנגעשריעבען זיין אָבהאַנדלונג איבער דער אידען־פראַגע, אין וועלכער ער האָט געזוכט צו בעווייזען, אַז די אידען־פראַגע אין הויפּטזעכליך אַן עקאָנאָמישע פראַגע. אין 1844 איז אין פּאַריז געגרינדעט געוואָרען אַ דייטשע צייטונג „פאָר־ווערטס״, אַרום וועלכער עס האָבען זיך גרופּירט אַלע יונגע רע־וואָלוציאָנערען, מאַרקס אויך צווישען זיי. אַלס זיין ספּעציאַליטעט האָט מאַרקס געמאַכט צו אַטאַקירען די פּרייסישע רעגירונג. עס פערשטעהט זיך, אַז די פּרייסישע רעגירונג האָט ניט געשוויגען.

און איהר איז שווער ניט אָנגעקומען צו ווירקען אויף דער פראַנצוי־זישער רעגיערונג, וועלכע איז אויך דעמאָלט געווען היבש רע־אַקציאָנער, זי זאָל די צייטונג צומאַכען און דעם רעדאַקציאָנס־מיט־ארבייטער פון לאַנד ארויסטרייבען. דאָס איז געשעהן אין 1845; מאַרקס איז מיט זיין פרוי און קינד ווידער אין גלות אוועק. דיעזען מאָל האָט ער זיך איבערגעפעקעלט אין ברוסעל.

די דריי יאָהר וואָס ער האָט אין דיזער שטאָדט פערבראַכט זיינען אין אַ געוויסען הינזיכט געווען די וויכטיגסטע אין זיין לע־בען. אין דיעזער צייט האָט זיך ביי איהם אין מח אויסגעארבייט דער פונדאַמענט פון זיין וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזמוס, די גרונד־געדאַנקען וועגען קלאַסען־קאַמפף, די מאַטעריעלע אויפפאַ־סונג פון דער געשיכטע און די איבערבויאונג פון דער געזעלשאַפט פון אַ קאַפּיטאַליסטישע אויף אַ סאָציאַליסטישע אָרדנונג. אין דיעזע יאָהרען איז ער פון אַ ראַדיקאַל און דעמאָקראַט געוואָרען אַ רעוואָ־לוציאָנער און סאָציאַליסט. ער האָט שוין אָנגעפאַנגען זיין טהעטיג־קייט פון אָרגאַניזירען ארבייטער און פון לערנען און פיהרען זיי אויפ'ן וועג פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן. אין ברוסעל איז דאַן געווען אַ היבשע קאָלאָניע פון דייטשע ארבייטער, און צווישען זיי איז דאָס מאַרקס געוואָרען דער הערשענדער גייסט.

צוויי וויכטיגע ווערק האָט קאַרל מאַרקס אין דיעזער עפּאָכע אויפגעשריעבען, און איןביידע האָט ער ענטוויקעלט די גרונד־לאַגען פון סאָציאַליזמוס. די ערשטע איז געווען אַ פּאָלעמישע, אַן ענטפער אויף פּרודאָן'ס אַנאַרכיסטישע ווערק. „די פילאָזאָפיע פון אָרימקייט". איידער דער בוך איז נאָך ערשיענען האָט פּרודאָן מאַרקס'ן וועגען איהם געשריעבען און וויציג בעמערקט, „איך וואַרט אויף דיין קרישיטע רוט". פון דעם וויץ האָט זיך אויסגעלאָזען אַ שרעקליכער אמת. ניט מיט אַ רוט האָט איהם מאַרקס געשמיסען, נאָר מיט אַ כפול שמונה'דיגען קאַנטשיק. „די אָרימקייט פון פי־לאָזאָפיע" האָט מאַרקס זיין ענטפער גערופען. אויסער אייזערנע ארגומענטען און שטאָהלענע לאָגיק ענטהאַלט דער בוך אַ שניידענדע סאַטירע. (פּרודאָן האָט דיעזע קריטיק איהם קיינמאָל ניט מוחל געווען. פון פריינד זיינען זיי געוואָרען געגנער און שונאים).

דעם צווייטען וויכטיגען ווערק האָט מאַרקס געשאַפען דעם לעצ־טען יאָהר פון זיין וואָהנען אין ברוסעל, אין 1847. דאָס איז זיין

בעריהמטער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט“, אין וועלכען ענגעלס איז איהם טהיילוויז בעהילפיג געווען. געשריבען האָט ער דעם מאַני־פעסט אלס א פּרינציפּען־ערקלערונג פון א מין אינטערנאציאָנאַלען ארבייטער־קאָנגרעס וואָס איז אָבגעהאלטען געוואָרען אין לאָנדאָן. מארקס אליין האָט איהם פאר׳ן קאָנגרעס פאָרגעלעזען אין דייטש. דאָס איז געווען אין מאָנאַט נאָוועמבער. צום דרוק האָט מען איהם איבערגעגעבען אין אָנפאַנג פון נעקסטען יאָהר, און אינטערעסאַנט איז, אז די ערשטע קאָפּיעס פון דיזען קאמפּפס־רוף פון מאָדערנעם סאָציאַליזמוס זיינען פון דרוק ארויס דעם 24טען פעברואר, 1848, דעם זעלבען טאָג ווען די נייע כוואַליע פון רעוואָלוציאָן האָט זיך אויפגעהויבען אין פּאַריז.

אין דעם זעלבען מאָנאַט האָט די פּרייסישע רעגיערונג געווירקט אויף דער בעלגישער רעגיערונג זי זאָל מארקס׳ען פון איהר לאַנד ארויסטרייבען. די אַלטע פראַנצויזישע רעגיערונג, וועלכע האָט איהם מיט דריי יאָהר צוריק פון פּאַריז ארויסגעשיקט, איז שוין אָבער איצטער געשטירצט געוואָרען און מארקס איז פון די רעוואָלוציאָנערען איינגעלאַדען געוואָרען צוריקצוקומען.

מארקס איז נאָך קיין פולע דרייסיג יאָהר ניט אַלט געווען, ווען דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט האָט איהם געמאַכט פאר׳ן גייסטי־גען און פּראַקטישען פיהרער פון דער נייער סאָציאַליסטישער בעווע־גונג, א בעוועגונג וויסענשאַפטליך בעגרינדעט אין דער טהעאָריע און לאָגיש אויסגעהאַלטען אין דער פּראַקטיק. אלס אזוינער איז ער איצטער אָנגעקומען אין דעם שטורם־צענטער פון דער רעוואָלוציאָן וואָס האָט זיך גענומען פערשפּרייטען מיט א מערקווירדיגע שנעל־קייט איבער גאַנץ אייראָפּא. דאָרטען האָט מען איהם מיט פרייד בעגריסט. ער האָט זיך באַלד אָבער אריינגעדרעהט אין א ביטערען קריעג מיט א גרופּע דייטשע רעוואָלוציאָנערען, וועלכע האָבען גע־פּלאַנעוועט צו פיהרען א רעוואָלוציאָנערע ארמעע פון פראַנקרייך אומצושטירצען די פּרייסישע מאָנארכיע. מארקס האָט דיזען פּלאַן בעטראַכט אלס ווילד אונפּראַקטיש און איהם מיט אַלע כחות בעקעמפּפט. ניט ער און ניט זיינע געגנער האָבען זיך איינע די אנדערע געשאָנעוועט. אויסגעפיהרט האָט ער אָבער.

די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע האָט איהם באַלד אריינגעשליי־דערט אין פּרייסען, וואו די רעגיערונג האָט איהם בעטראַכט פאר

דער גרעסטער געפאהר. דאָרטען האָט ער ווידער אָנגעפאַנגען צו רעדאַקטירען די „נייע רהיינישע צייטונג", וועלכע האָט געהאַט דעם זעלבען כאַראַקטער וואָס די אַלטע רהיינישע צייטונג וואָס ער האָט רעדאַקטירט מיט זעקס יאָהר פריהער. ער האָט זיך אויך בעטהייליגט אין רעוואָלוציאָנערע פערזאַמלונגען, קאָנגרעסען, און געשריעבען און גערעדט וועגען דער פרייסישער טיראַניי. כל זמן די רעוואָ־לוציאָנערע כוואַליע איז געשטאַנען הויך אין פראַנקרייך און האָט אָבגעהילכט שטאַרק אין פרייסען, האָט די רעגיערונג מאַרקס'ען ניט געטשעפעט. אָבער ווען זי האָט גענומען פאַלען אין אָנפאַנג פון 1849, האָט די רעגיערונג איהר מוטה צוריקגעקראָגען. ניט נור איז די צייטונג אונטערדריקט געוואָרען, נאָר מאַרקס און זיינע העלפערס זיינען אַרעסטירט געוואָרען אויף דער שווערער קלאַגע פון פערראַטה, פון העצען דאָס פאָלק געגען קעניג.

מאַרקס האָט זיין פערטהיידיגונג אַליין געפיהרט. זיין רעדע פאַר די ריכטער איז געווען אַ מייסטערווערק פון רעוואָלוציאָנערען העלדענמוטה, שאַרפע לאָגיק און טיעפע געזעץ־וויסענשאַפט. דאָס געריכט האָט איהם פרייגעשפראָכען. אָבער קורץ נאָכדעם האָט די רעגיערונג איהם אָהן דין ומשפט בעפוילען דאָס לאַנד צו פער־לאָזען.

ער איז צוריק אוועק אין פאַריז, איבערלאָזענדיג זיין פרוי און דריי קליינע קינדער אין דייטשלאַנד. ער האָט זיי אַריבערגענומען צו זיך אין אַ קורצע צייט שפּעטער. אַזוי שנעל ווי ער האָט פאַר זיי אַ שטיקעל הויז איינגעאָרדענט. דערווייל איז די רעוואָלוציאָן אין פראַנקרייך אויך צוזאַמענגעבראָכען; און די רעגיערונג פון נאַפּאָלעאָן דעם דריטען האָט בעפוילען מאַרקס'ען ער זאָל אין 24 שטונדען דאָס לאַנד פערלאָזען. אויפ'ן קאָנטינענט איז פאַר איהם מעהר קיין אָרט ניט געווען. אָן אָרימער אַ פערפאָלגטער, אָן ענט־טוישטער איז ער מיט זיין פרוי, וועלכע האָ אין אַ מאָנאַט אַרום געדאַרפט ווערען מוטער צום פערטען מאָל, און מיט זיינע דריי קליינע קינדער גענומען אַ שיף קיין ענגלאַנד — די איינציגע לאַנד אין אייראָפּא, וואו רעוואָלוציאָנערען האָבען דאַן געקענט אַ קאָפּ אויפהויבען. און איז מיטען זומער פון יאָהר 1849 איז ער אָנגעקומען אין לאָנדאָן.

א טרויעריגע, שווערע צוקונפט האָט דער מאַרקס פאַמיליע

ערוואַרטעט אין דיעזער גרעסטער רייכסטער וועלט־שטאָדט. אָנ־
געקומען אַהין איז זי אָרים און עלענד. און וואָס ווייטער איז די
אָרימקייט געוואָרען שרעקליכער. און באַלד האָבען זיך אונטערגע־
רוקט די געוועהנליכע בעגלייטער פון הונגער און נויטה, קראַנק־
הייט און טויט. עס האָט אויסגעוויזען, אז דער שיקזאַל האָט אַ
בונד געשלאָסען מיט מארקס׳עס טויטליכע שונאים, די געקרוינטע
קעפּ און אָנגעלאָדענע געלד־זעק פון איירָאָפּא איהם צו פערניכטען.

פריהער האָט זיך די פאַמיליע בעזעצט אין אַ ניש־קשה׳דיגע
וואָהנונג. אין אַ מעבלירטען צימער, פאַר וועלכען ער האָט געצאָהט
זיעבען און אַ האלב דאָלאר אַ וואָך. אָבער מעהר ווי עטליכע מאָנאַ־
טען האָט ער דאָרט ניט געקענט וואָהנען. אָנגעקומען איז ער אין
לאָנדאָן מיט דריי קליינע קינדער און אין קורצען איז צוגעקומען אַ
פערטע. פאַרדיענען האָט ער פערדיענט זעהר ווענוג. פאַר רייכע
צייטונגען שרייבען האָט ער ניט געקענט, ווייל זיינע געדאַנקען און
מיינונגען זיינען ניט געווען קיין סחורה פאַר זיי. די ראַדיקאַלע און
ארבייטער־צייטונגען האָבען דעמאָלט זעהר וועניג געקענט צאָהלען.
ער האָט געהאַלטען לעקציעס און קורסען אין פּאָליטישע עקאָנאָמיע,
אָבער אַזוי ווי דאָס האָט ער געטהאָן פאַר ארבייטער־אָרגאַניזאַציאָ־
נען, האָט ער זיך ענטזאָגט געלד צו נעהמען.

פון זיין וואָהנונג האָט מען איהם ארויסגעשטעלט און ער
האָט זיך איבערגעקליבען אין צוויי צימערען אין איינס פון די
אָרימסטע קוואַרטאַלען פון לאָנדאָן. גאַנץ אָפט איז אין הויז קיין
ברויט ניט געווען און מארקס פלעגט דעם טאָג אָבפאַסטען. דער־
צעהלען פאַר פריינד דעם שרעקליכען אמת, אויף דעם איז ער גע־
ווען צו שטאָלץ. די פרוי זיינע פלעגט אין אַזוינע קריטישע צייטען
זיך ווענדען צו אימיצען אין געהיים און פלעגט קריגען געבאָרגט
אביסעל געלד. די ערשטע צייט, כל זמן זי האָט נאָך געהאַט די ביסעל
ציערונג און דרשה־געשאַנק, וואָס איהרע רייכע עלטערען האָבען
איהר צו דער חתונה געגעבען, פלעגט מען דאָס פערקויפען אָדער
פערזעצען. ווען דיעזע קוועלע האָט זיך אויסגעשעפּט איז קיין אַנ־
דער ברירה ניט געבליבען ווי צו באָרגען און לייהען. מארקס אַליין
פלעגט אָבער אפילו פאַר הלואות צו פריינד ניט געהן. איהם איז עס
ניט אָנגעשטאַנען. ער פלעגט בעסער באָרגען אויף פּראָצענט, און

משכנות האָט ער ניט געהאַט, פלעגט ער מוזען צאָהלען וויפיעל מען האָט פון איהם געפאָדערט, 20, 30 און אמאָל 50 פראָצענט אויך.

דריי קינדער זיינען איהם געבאָרען געוואָרען אין דיזע הונגער־יאָהרען און צוויי פון זיי זיינען געשטאָרבען עופה'לעך. ער האָט זאָגאָר ניט פערמאָגט פאַר זיי אַ וויעגעלע צו קויפען. דער מלאך המות האָט זיך מיט דער געלעגענהייט בענוצט און דאַן אוועקגערויבט איינעם פון די עלטערע קינדער, אַ אינגעל פון ניין יאָהר, אַ מערק־ווירדיג גראַטען קינד, אויף וועמען די עלטערען האָבען זייער גאַנצע האָפנונג געלעגט, אַז ער וועט זיין זייער נחת און טרייסט אין די שפּעטערע יאָהרען.

אָט זיינען איינינע אויסציגע פון אַ בריעף וואָס פרוי מאַרקס האָט געשריעבען צו איהרען אַ פריינד אין דייטשלאַנד, אַ יאָהר נאָכ־דעם ווי זי האָט זיך אַזוי אָבגעמוטשעט אין לאָנדאָן.

„איך וועל דיר בעשרייבען איין טאָג פון מיין איצטיגען לעבען און דו וועסט זעהן, אַז זעהר ווענינ פון די חברים אונזערע ליידען ווי מיר. אַן אַם דינגען פאַר מיין קינד איז מיר אונמעגליך געווען, האָב איך איהר געמוזט אַליין זויגען, טראָץ די שרעקליכע ווערהטאָגען אין מיין ברוסט און רוקען. די אָרימע עופה'לע האָט איינגעזאַפּט פון מיר אַזוי פיעל ליידען, אַז ער איז קראַנק געווען פון ערשטען טאָג אָן וואָס ער איז אויף דער וועלט געקומען. ער האָט געליטען שמער־צען טאָג און נאַכט. מעהר ווי צוויי־דריי שטונדען אַ נאַכט שלאָפט ער קיינמאָל ניט. מיין ברוסט איז געוואָרען אַזוי אָנגעווערהטאָגט, אַז ער פלעגט אָפט פון מיר ציהען ניט מילך נאָר בלוט.

„איין טאָג בין איך אַזוי געזעסען מיט מיין קינד אין מיינע אָרימס, אונערוואַרטעט איז אריין די הויז־ווירטין און גענומען פאָ־דערען דירה־געלד. אַזוי ווי איך האָב קיין געלד ניט געהאַט. האָט זי אריינגערופען צוויי פּאָליציסטען און זיי האָבען פערזיעגעלט אַלעס וואָס אין שטוב איז געווען: די בעטען, די בעט־געוואַנד, די קליידער און זאָגאָר די שפּיעלצייג פון די קינדער. איך בין געלעגען אויף דער הוילער פּאָדלאָגע מיט מיינע פערפראָרענע קינדער.

„אויף מאָרגען האָבען מיר געמוזט אַרויסציהען. מיין מאַן איז אַרומגעלאָפען זוכען אַ וואָהנונג. אָבער קיינער האָט אונז ניט גע־וואָלט אריינגעהמען מיט פיער קינדער. פריינד זיינען אונז צו הילף געקומען. איך האָב פערקויפט מיין בעט־געוואַנד צו בעצאָהלען דעם

אפּטייקער, דעם בעקער, דעם קצב און דעם מילך־מאַן. זיי האָבען זיך אַלע דערשראָקען און געקומען צו לויפען פאָדערן וואָס מיר האָבען זיי געקומט. נאָכדעם ווי מיר האָבען כמעט אַלעם פערקויפט, איז אונז געבליעבען אַלעמען צו בעצאָהלען ביז 5 סענט. מיר האָבען זיך אריינגעקליעבען אין צוויי קליינע צימערען".

מארקס איז בערייט געווען אַלעס צו טהאָן, אבי זיין פאַמיליע צו ערנעהרען. ער האָט געוואָלט אָנפאַנגען האַנדלען, אָבער די פרוי האָט איהם ניט געלאָזען. ער האָט געוואָלט אָננעהמען א שטעלע אַלס שרייבער ביי אן אייזענבאהן קאָמפּאַניע, איז אָבער זיין האַנדשריפט געווען א שלעכטע, האָט מען איהם ניט געוואָלט אָננעהמען. אין יענער צייט האָט מען איהם שיעור ניט ארעסטירט אַלס גנב. ער האָט געבראַכט צו א מלוה אַלטע זילבער וואָס זיין פרוי האָט גע־קראָגען צו דער חתונה פון איהר פאָטער. אזוי ווי אויף די לעפעל איז געווען אויסגעקריצט דעם עמבלעם פון די אַריסטאָקראַטישע פאַ־מיליע, האָט דער מלוה חושד געווען, אז מארקס האָט זיי ערגעץ צוגע־גנב'עט און ער האָט שטילערהייט גערופען א פּאָליציסט. ניט גרינג איז דעם אָרימען מארקס'ען אָנגעקומען ביז וואַנען ער האָט דעם געזעץ־היטער איבערצייגט, אז די זילבער איז זיינע.

הארצרייסענד איז די פאָלגענדע בילד אין פרוי מארקס'עס טאָגעבוך, אין וועלכען זי שילדערט דעם טויט פון איהר צווייטען קינד אין 1852:

„אונזער קליינע פראַנציסקא איז געשטאָרבען פון בראָנכיטיס. דריי טעג האָט זיך דאָס אָרימע קינד געראַנגעלט מיט'ן טויט, אך ווי עס האָט געליטען! זיין קליינער טויטער קערפּער איז געלעגען אין דעם הינטער־צימער; מיר אַלע זיינען געזעסען אין פאָדער־צימער. ביינאַכט האָבען מיר זיך צוגעלעגט אויפ'ן פאָדלאָגע און מיר האָבען געוויינט איבער דעם קליינעם מלאך אין צווייטען צימער. דער טויט פון דעם ליעבען קינד איז געקומען גראָדע דאַן, ווען מיר זיינען געווען אין די לעצטע שטופען פון אָרימקייט.

„איך בין אוועק צו א פראַנצויזישען רעוואָלוציאָנער וואָס האָט געוואָהנט לעבען אונז, און וועלכער פלעגט אונז צייטענווייז בעזוכען, איך האָב איהם אַלעס דערצעהלט. מיט די פריינדליכסטע גוט־הער־ציגקייט האָט ער מיר גלייך געגעבען צוויי פונט. מיט די געלד האָב איך בעצאָהלט פאַר א טרונע, אין וועלכע דאָס אָרימע קינד שלאָפט

איצטער אין פריעדען. קיין וויעגעלע האָב איך פאַר איהם ניט גע־האַט, ווען עס האָט געלעבט. אָך, ווי מיר האָבען געליטען, ווען מען האָט איהם פון הויז אַרויסגעטראָגען".

און אין דיעזע שווערע צייטען האָט מאַרקס אויפגעשריעבען מאַנכע פון זיינע בעריהמטע ווערק, און האָט אָנגעפאַנגען צו קלייבען מאַטעריאַל פאַר זיין מייסטערווערק, „דאָס קאַפּיטאַל". ער פלעגט זיצען גאַנצע נעכט אין ביבליאָטהעקען און פלעגט ביינאַכט שרייבען אין דער היים, ענדליך האָט ער בעקומען אַ בעשעפטיגונג. ער איז געוואָרען דער לאָנדאָנער קאָרעספּאָנדענט פון דער ניו יאָרקער גרויסער צייטונג „טריביון", וועלכע איז דעמאָלט רעדאַקטירט געוואָרען פון דעם ראַדיקאַל, האָרעס גרילי. פאַר אַ לאַנגען אַרטיקעל, וואָס ער פלעגט יעדע וואָך צושיקען, פלעגט ער קריעגען פינף דאָלאַר אַ וואָך. אויף דעם האָט ער עטליכע יאָהר געלעבט. ווען דער בירגער־קריעג האָט אויסגעבראָכען אין אַמעריקאַ, איז 1860, איז דיעזער קליינער איינקונפט זיינער אויך אָבגעשניטען געוואָרען, און די וואָלקענס פון הונגער האָבען זיך וויעדער פערצויגען אויף דער מאַרקס פאַמיליע.

אויב דיעזע היימישע צרות זיינען נאָך פאַר מאַרקס'ען ווייניג געווען, האָבען איהם ניט געפעהלט אַלערליי יסורים אין דער בעוועגונג. די רעאַקציאָן האָט חוצפה'דיג געבושעוועט אין אייראָפּאַ. נאָכדעם ווי די רעוואָלוציאָנען פון 1848 זיינען דערשטיקט געוואָרען, האָט אַריינגעבראַכט מחלוקות אין די רייהען פון די סאָציאַליסטען און ראַדיקאַלען. איבעראַל האָבען זיך געגומען בעווייזען טעראָריסטישע בעוועגונגען, וועלכע מאַרקס האָט בעקעמפפט. עס פערשטעהט זיך, אַז ער איז דערפאַר פערדאַמט געוואָרען אַלס אַ פייגלינג און פעררעטהער; און זיינע שונאים האָבען זיך ניט אָבגעשטעלט פון מאַכען די שענדליכסטע בלבולים אויף איהם. און וועהרענד ער האָט געקעמפפט מיט הונגער און נויט, האָבען זיינע פערלוימדער פערשפּרייט מעשיות, אַז ער לעבט פון דער בעוועגונג, אַז ער באָדט זיך אין לוקסוס, געשאָפּען פון די בלוט פון די אַרבייטער.

טראָץ די אַלע זאַכען איז מאַרקס' איינפלוס און נאָמען אין דער אַרבייטער בעוועגונג געוואַקסען פון יאָהר צו יאָהר. די בעוועגונג אין ענגלאַנד איז שוין דאַן געווען קאָנסערוואַטיוו, אַבער אויך זי האָט ניט געקאָנט ביישטעהן מאַרקס'עס רעוואָלוציאָנערען גייסט. ער האָט געווירקט אויף איהר, צו נעהמען אַ שטעלונג פאַר יעדע

פּראָגרעסיווע און ראַדיקאַלע פּאַסירונג אין פרעמדע לענדער. דורך זיין מיה האָבען די ענגלישע ארבייטער אויפגעהויבען א מעכטיגע בעוועגונג פון סימפּאַטיע פאַר'ן פּוילישען אויפשטאַנד אין 1863, דורך זיין מיה, זיינען די ענגלישע ארבייטער ארויסגעטראָטען געגען די פּאָליטיקער פון די בורזשואזע פּאַרטייען, וועלכע האָבען געוואָלט שטיצען די שקלאַפען־הענדלער פון די זיד געגען דער נאָרד, אין דעם קריעג אין אַמעריקאַ.

אין 1862 האָט מארקס געענדיגט דעם ערשטען באַנד פון דאָס אייביגע ווערק „דאָס קאַפּיטאַל". די ביבעל פון דעם ארבייטער־קלאַס. ער האָט געהאָפט, אז איהם וועט געלינגען מיט'ן מאַנוס־קריפּט באַלד אָבצופאָהרען קיין דייטשלאַנד און קריעגען א פערלע־גער. איידער דיעזע האָפנונג איז מקוים געוואָרען זיינען פערלאָפען נאָך פינף יאָהר. זיינע אומשטענדען זיינען געווען אַזוינע, אז ער האָט זיך ניט געקענט פערגינען א רייזע, ווען זאָגאר דער צוועק איז געווען אַזוי וויכטיג.

די אַלע צרות און די שווערע ארבייט האָבען געווירקט אויף זיין געזונד און כמעט דעם גאַנצען יאָהר פון 1864 איז ער געווען קראַנק. דאָקטוירים האָבען איהם פערבאָטען צו ארבייטען ביינאַכט און צו רויכערען. אָבער די ביידע בעפעהלען איז איהם אונמעגליך געווען צו פאָלגען. יאָהרען לאַנג האָט ער זיך איינגעוואוינט צו טהאָן די וויכטיגסטע ארבייט פון שרייבען נאָך האַלבע נאַכט ווען אַלע פלע־גען זיך צולעגען שלאָפען. זיין הויז איז געווען דער מיטינג־פּלאַץ פון אַלע רעוואָלוציאָנערען. און איהם איז ביי־טאָג און אין אבענד אונמעגליך געווען עפּעס צו טהאָן. דערצו איז ער אימער געווען פערנומען מיט בעוועגונגס־ארבייט. ערשט נאָכדעם ווי אַלע פלעגען זיך צוגעהן און די קינדער פלעגען אנשלאָפען ווערען פלעגט ער זיך נעהמען שרייבען. ער פלעגט ארבייטען 18 שעה אין מעת לעת, שלאָפען פלעגט ער ניט מעהר ווי א דריי שטונדען.

אין 1864 איז געגרינדעט געוואָרען דער „אינטערנאַציאָנאַל" פאַר וועלכען מארקס האָט אויפגעשריעבען דעם פּראָגראַם און די פּרינציפּען ערקלעהרונג; און גלייך האָט אויסגעבראָכען דער אַלטער קריעג צווישען די ביידע ריכטונגען אין דער רעוואָלוציאָנערער בע־וועגונג, צווישען דער סאָציאַליסטישער ריכטונג פון קאַרל מארקס און די אַנאַרכיסטישע ריכטונג פון באַקונין. אין דיעזען קאַמפּף

האָט זיך מאַרקס אַריינגעוואָרפען מיט לייב און לעבען און איהם איז געלונגען צו האַלטען דעם „אינטערנאַציאָנאַל" טריי צו זיינע פּרינ־ציפּען. געקאָסט האָט איהם דער קאַמפּף פיעלע פריינד און פיעלע אַנהענגער. א חוץ צייט, ענערגיע און געזונד. אין פּאַרטיי־קעמפּפע, איז מאַרקס געווען ביטער און אונבאַרמהערציג. קיין וואָפען איז פאַר איהם ניט געווען צו גרויזאַם. די געגנער זיינע האָבען אויך ניט גע־שאַנעוועט און פערשפּרייט וועגען איהם די עקעלהאַפסטע און סקאַנ־דאַליעזעסטע מעשיות. זיי האָבען איהם געשילדערט פאַר אַן אכזר, פאַר א טיראַן, פאַר א מענש אָהן א ברעקעל האַרץ און אָהן א שטיקעל געוויסען, וועלכער האָט ניט געקענט פערטראָגען, אַז אימיצער זאָל איהם ווידערשפּרעכען אָדער זאָל מיט איהם קאָנקורירען אין איינפלוס.

אין זיין פאַמיליען לעבען איז מאַרקס געווען א מוסטער פון א מאַן און פאָטער. זיין איבערגעגעבענהייט און טריישאַפט צו זיין פרוי און זיין ליעבע צו זיינע קינדער איז אונמעגליך איבערצוטריי־בען. ער האָט זיין פרוי איינפאַך פערגעטערט און די קינדער זיינען ביי איהם געווען טייערער ווי זיין אייגענער לעבען. וועגען זיין ליעבע צו די קינדער אין אַלגעמיין, ווערען די שעהנסטע מעשיות דערצעהלט, מעשיות וואָס קלינגען כמעט ווי לעגענדען. אין דעם געגענד וואו ער האָט געוואָהנט האָבען אַלע קינדער איהם גערופען „טאַטע מאַרקס". אין זיין אייגענע הויז פלעגט ער מיט די קינדער און שפּעטער מיט די אייניקלעך שטונדען לאַנג זיך שפּיעלען ווי זייער גלייכען.

אָט זיינען איינינע שורות פון אַן אָבשאַצונג פון מאַרקס'ען אַלס פאָטער פון זיין אינגסטער טאָכטער:

„קאַרל מאַרקס איז געווען דער ליעבליכסטער, דער בעסטער פאָטער, ער האָט געהאַט א רייכע און ברייטע נאַטור, א וואַרימע און פריינדליכע בענעהמונג, וועלכע ווערט אַזוי גוט אָבגעשאַצט פון יונגוואַרג. איך האָב איהם קיינמאָל ניט געזעהן אָנגעכמורעט אָדער אומעדיג. וויפיעל זאָרג ער האָט אויפ'ן קאָפּ ניט געהאַט איז ער מיט אונז, קינדער, געווען פריינדליך און פרעהליך. אימער גרייט אונז צו אונטערהאַלטען. ער איז געוועי אונזער קאַמעראַד און שפּיעל־חבר".

די מענשען וואָס זיינען מיט איהם אין בעריהרונג געקומען

אין די שטורמישע יאָהרען פון זיין פּאַרטיי־טהעטיגקייט האָבען פון איהם געהאט פערשיעדענע מיינונגען. די אָנהענגער זיינע, האָבען איהם פערגעטערט, איהם געלויבט ביז'ן הימעל, אַלס קעמפּפער און אַלס מענש. די געגנער ווידער, האָבען איהם פעראַכטעט און אין איהם געזעהן אַ שלעכטע אָבשטויסענדע פּערזאָן. אַט זיינען אויס־ציגע פון צוויי אָבשאַצונגען, איינע געשריעבען פון אַ שונא און איינע פון אַ פריינד. ביידע האָבען זייערע איינדריקע בעקומען אויף דער זעלבער פערזאַמלונג, ביי אַ קאָנגרעס פון דייטשע ראַדיקאַלען אין 48טען יאָהר, וואו מאַרקס האָט געשפּיעלט די הויפּט־ראָלע.

אָט וואָס קאַרל שורץ, מאַרקס אַ געגנער שרייבט:

„ער איז אַ שטאַרק געבויטער מענש, מיט ברייטע שולטערען, זעהר שוואַרצע האָר און אַ שוואַרצע באָרד. ער האָט אַ נאָמען פאַר אַ גרויסען געלעהרטען, ער רעדט בעדייטונגספאָל, לאָגיש און קלאָר, אָבער איך האָב קיינמאָל ניט געזעהן אַ מענשען וועמענס האַלטונג איז אַזוי אונערטרעגליך. יעדען וואָס ווידערשפּרעכט איהם בע־האַנדעלט ער מיט פעראַכטונג; אויף יעדען אַרגומענט וואָס איהם געפעהלט ניט, ענטפערט ער מיט בייסענדען חוזק, ער פערדאַמט יעדען וואָס וואַגט זיך צו שטעלען געגען זיין מיינונג. דורך זיין פיה־רונג שטויסט ער אָב מענשען וואָס וואָלטען געוואָרען זיינע אָנ־הענגער".

און אָט איז אַ צווייטע בילד געשריעבען פון אַ פריינד, פון דעם אַמעריקאַנער זשורנאַליסט, אַלבערט בריסביין:

„איך האָב געטראָפען קאַרל מאַרקס אַלס דעם פיהרער פון פאָלקס בעוועגונג. ער האָט דאַן ערשט אָנגעפאַנגען ווערען פּראָמי־נענט; אַ מאַן פון אַ יאָהר דרייסיג, ניעדעריג, סאָליד געבויט, מיט אַ פיינעם פּנים און געדיכטע שוואַרצע האָר. זיין אויסדריק איז גע־ווען פון איינעם וואָס האָט אַ סך ענערגיע און זיין איינגעהאַלטענע אויפפיהרונג האָט זיך געשפּירט אַ פייער און אַ ליידענשאַפט פון אַ פעסטע ענטשלאָסענע נשמה. מאַרקס'עס הערשענדער געפיהל איז געוועזן האַס געגען די מאַכט פון קאַפּיטאַל און איהרע רויבערייען און זעלבסטזיכטיגקייט אין איהר פערשקלאַפונג פון דעם אַרבייטער־קלאַס".

די נאָהענטע פריינד פון מאַרקס שילדערען איהם אַלס אַ טרייען קאַמעראַד, אַ גאַסט־פריינדליכען מענש, אַ ברייטע האַרץ

און ווארימע נשמה. ער איז געווען פול מיט פּאָעזיע און הומאָר און ליידענשאַפט. אין די עלטערע יאָהרען זאָגאַר פלעגט ער צווישען פריינד זיך אַמוזירען און שטיפען ווי אַ קינד. די געגנער זיינע שיל־דערען איהם פערקעהרט, אַלס אַ בייזען, הארטען, טרוקענעם מענש, אָהן אַ האָר ווארימקייט, אָהן הומאָר, אָהן סימפּאַטיע. ער האָט אַ גרויסע ראָליע אין לעבען געשפּיעלט, ער האָט צו שטאַרק געווירקט אויף זיינע ארומיגע קרייזען, אַז די מענשען וואָס האָבען איהם גע־קענט זאָלען איהם קענען אָבשאַצען אונפּאַרטייאיש, אָהן שום פאָר־אורטהיילען.

אָן עלטער האָט קאַרל מאַרקס געהאַט זעהר אַ שלעכטע, אויב מען קען די יאָהרען פון עטליכע און פופציג ביז פינף און זעכציג אָנרופען עלטער. די לעצטע 13 יאָהר פון זיין לעבען איז ער געווען שטענדיג קראַנק. אין די לעצטע פּאָר יאָהר האָט דער טויט ווידער אָבגעשטאַטעט אַ וויזיט אין זיין פאַמיליע און פון דאָרטען אוועק־גערויבט זיינע געליעבסטע און טייערסטע.

זיין אַרבייט אַלס שרייבער און אַלס פיהרער פון דער סאָציאַ־ליסטישער בעוועגונג האָט ער פאָרטגעזעצט כמעט ביז׳ן לעצטען טאָג פון זיין לעבען. צווישען די יאָהרען 1870 און 1880 האָט דער סאָציאַליזמוס געמאַכט ריעזיגען פאָרטשריט אין אַלע אייראָפּעאישע לענדער און קיין וויכטיגער שריט איז אין ערגעץ ניט געמאַכט גע־וואָרען אָהן קאַרל מאַרקס וויסען און גוט־הייסונג. ליעגענדיג אויפ׳ן קראַנקען בעט האָט ער געשריעבען די לעצטע בענדער פון זיין „קאַפּיטאַל”, האָפענדיג אַז ער וועט נאָך דערלעבען זיי צו דרוקען געווידמעט צו זיין פרוי. ער האָט געליטען פון אַן אינערליכען גע־שוויר און שפּעטער איז די קראַנקהייט קאָמפּליצירט געוואָרען. אויף דעם ראַטה פון דאָקטוירים האָט ער אַ פּאָר מאָל גענומען דעם קור פון קאַרלסבאַד און דאָס האָט איהם ווירקליך גוטעס געטהאָן. אָבער אַם ענדע פון דער 70־ער יאָהרען האָבען די דייטשע און עסטרייכישע רעגיערונגען איהם פערבאָטען זייערע גרענעצען אַריבערצופאָהרען, און דער קור־פּלאַץ איז פאַר איהם אויך פערשלאָסען געוואָרען.

אין די זומער מאָנאַטען פון 1880 איז זיין פרוי קראַנק געוואָרען אויף אַ ראַק. און דאָקטוירים האָבען איהר אָבגעזאָגט דאָס לעבען. מאַרקס איז שיעור פון זינען ניט אַראָב. ער האָט ניט געקענט שלאָפען קיין נעכט און האָט זיך באַלד אַליין אוועקגעלעגט אין בעט

קראַנק אויף לונגען ענטצינדונג. די דאָקטוירים האָבען איהם קוים פון דער קראַנקהייט אַרויסגעשלעפּט. איבער אַ יאָהר צייט האָט זיך די פרוי געמוטשעט. אם ענדע 1881 איז זי ענדליך געשטאָרבען. ווען ענגעלס איז געקומען טרייסטען זיין פריינד, האָט ער געזעהן, אַז מאַרקס וועט דיעזען קלאַפּ ניט אַריבערטראָגען, „מאַרקס איז אויך געשטאָרבען", האָט ער ערקלערט פאַר זיינע פריינד.

איין זאַך האָט איהם אויפגעהאַלטען ביים לעבען, זיין לייר־דענשאַפטליכער בעגעהר צו ענדיגען „קאַפּיטאַל" און עס איבערלאָזען אַלס מאָנומענט צו זיין פרוי'ס אַנדענקען. מיט זיינע לעצטע כחות האָט ער זיך ווידער געוואָרפען אין דער אַרבייט. ער איז געפאָהרען אויף אַ שטיקעל צייט אין זיד־פראַנקרייך און דערנאָך אין אַלזשיער, וואו דער קלימאַט האָט זיין געזונד עטוואָס פערבעסערט.

אָבער דער גרויזאַמער שיקזאַל האָט ניט געוואָלט אַז דיעזע לעצטע האָפנונג זיינע זאָל מקוים ווערען און אין אָנפאַנג פון יאָהר 1883 האָט זיך דער טויט ווידער אַריינגעכאַפּט אין זיין פאַמיליע. די עלטסטע טאָכטער זיינע איז פּלוצלונג געשטאָרבען, דאָס האָט איהם דערענדיגט. ער איז גלייך צוריקגעפאָהרען אַהיים אין לאָנדאָן, ער איז געפאָהרען שטאַרבען. זעקס וואָכען איז ער קראַנק געווען. די בעסטע דאָקטוירים פון ענגלאַנד האָבען געזוכט איהם צו ראַטע־ווען, אָבער זייער מיה איז געווען אומזיסט.

דעם 14טען מאַרטש 1883 איז אַ שליח געקומען צו ענגעלס'ען אַז ער זאָל וואָס שנעלער לויפען צו מאַרקס'ען אין הויז. ער האָט גע־טראָפען מאַרקס'עס יינגסטע טאָכטער אין טרעהרען. זי האָט איהם דערצעהלט, אַז איהר פאָטער זיצט אין צימער ווי אַ גע'חלש'־טער. ווען ענגעלס איז אין צימער אַריין איז שוין געווען אַלעס פאַר־איבער. מאַרקס איז געזעסען אויף זיין לעהן־שטוהל, אַ טויטער, מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען.

* * *

געבוירען אין מאַי, געשטאָרבען אין מערץ. די צוויי מאָנאַטען, וועלכע וועקען די טיעפסטע ערינערונגען און די פייערדיגסטע האָפ־נונגען אין די הערצער פון דער אַרבייטער־קלאַס, פאַר וועמען מאַרקס איז געווען דער פיהרער, וועג־ווייזער און ערלייזער. געבוירען אין מאָנאַט פון בלומען און בעפרייאונג, געשטאָרבען אין מאָנאַט פון שטרעבונגען און רעוואָלוציאָנען.

מאָררים ווינטשעווסקי

# קאַרל מאַרקס און לאַסאַל.

## 1

## פריהער צוויי, נאָכדעם א פּאָר.

דער מאָדערנער סאָציאַליזם האָט זיין נשמה פון קאַרל מאַרקס און זיין גוף פון פערדינאַנד לאַסאַל. פריעדריך ענגעלס איז אויך דערביי געווען ווען ער — דער ריכטיגער סאָציאַליזם — איז גע־בּאָרען געוואָרען; אויך האָט ער געהאַט א חלק אין דער האָדע־וואַניע אין די ערסטע קינדער יאָהרען, אָבער נישט מעהר. ענ־געלס האָט ניט געהאַט ניט די געטליכקייט, פון וועלכער עס קומען נשמות און ניט די שאַפונגס־קראַפט, וואָס קען מאַכען פאַר א נשמה א גוף, אָהן וועלכען זי האָט ניט קיין ממשות.

עס איז געוואָרען א מאָדע צו רעדען פון מאַרקס און ענגעלס. דאָס האָט אָבער נור צו בעדייטען א גרויסער מאַן און א חבר. מען קען רעדען פון מאַרקס און לאַסאַל און דאַן הייסט דאָס: צוויי גרויסע מענער.

אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט זיינען דאָ פיעל אזעל־כע גרויסע מענער, פון וועלכע מען רעדט אין פּאָרען, און אזוי גיך ווי איהר דערמאָנט איינעם פון זיי קומט גלייך ארויף אויף די געדאַנקען פּונ׳ם צוהערער דער אַנדערער. אָבער די דאָזיגע פּאָרען זיינען ענטוועדער הוילע פריינדשאַפטען ווי, למשל, דוד און יונתן, ביי אונז, דאַמאָן און פּיטיאַס ביי די גריעכען; אָדער קאָמבינאַציעס פון גרויסע כוחות, אפשר מיט פערשיעדענע פונק־ציעס (עובדות) און מיט פערשיעדענע פיהיגקייטען. אזעלכע זיינען משה און אהרן, שמאי און הלל, שילער און געטהע, היינע און בערנע און אַנדערע. עס זיינען אויך דאָ פּאָרען פון גרויסע מענער, וואָס זיינען פשוט צייטגענאָסען, — מענשען, וואָס האָבען בלויז געלעבט אין דערזעלבער צייט און האָבען ווייטער קיין שום שייכות צווישען זיך ניט, ניט קיין דירעקטע, ניט קיין אינדירעקטע. אזעלכע זיינען פושקין און לערמאָנטאָוו, דאָבראָליובאָוו און טשער־נישעווסקי, און אַנדערע אין אַלע צייטען.

וואָס איז שייך צו מאַרקס און לאַסאַל איז אין דער פּאָרונג פון זיי פאַראַן עפּעס אזוינס, וואָס מען געפינט אין יעדער אמאַלגאַ־מירונג אפילו אין געשעפט, אָדער אין צייטונגס־ארויסגעבונג. עס

טרעפט אָפט, אַז צוויי פירמעס, וואָס האָבען צווישן זיך אַנגע־פיהרט אַ געפעהרליכע, פאַר ביידע צדדים רואינירענדע קאָנקור־רענץ, קומען ענדליך צונויף און פעראייניגען זיך. יעדע פון ביי־דע האָט יאָהרענלאַנג פאַראדירט מיט איהר הויפּט פיגור, מיט דעם נאָמען, וואָס איז געווען אַ גרויסער אַ לאַנגע צייט פריהער, נאָך איידער מען האָט פון דעם דאָזיגען נאָמען געגומען ארויס־שלאָגען קאפּיטאַל. אין דער פעראייניגונג נוצט מען ווידער אויס די ביידע נעמען, הגם אויף אַנאַנדער אופן: אַנשטאָט זיי צו הוי־בען און לויבען איינעם ג ע ג ע ן דעם אַנדערן, ריהמט מען זיי ביידע צ ו ז א מ ע ן, פערשטאַרקענדיג יעדען פון זיי דורך דעם אַנדערן.

דאָס האָב פּאַסירט (אין דייטשלאַנד ספּעציעל) נאָך דער פעראייניגונג פון די אייזענאַכער מיט די לאַסאַלעאַנער. זעקס־זיעבען יאָהר נאָך אַנאַנד האָט מען זיך ארומגעריסען און ביטער בעקעמפפט איינע די אַנדערע. אויף איין זייט זיינען געווען די מאַרקסיסטישע אייזענאַכער מיט בעבעל און ליעבקנעכט אַלס די פעלדמאַרשאַלען, קעמפּפענדיג מיט די בלי־זין פון מאַרקס'עס אַרסענאַל און האָבענדיג דעם לעבעדיגען מאַרקס אַלס זייער אויי־בערהאַרר און שעף־קאָמאַנדיר. פון דער אַנדערער זייט איז גע־שטאַנען שווייצער מיט זיינע חברים, געפיהרט פון דעם טויטען, אָבער ניט געשטאָרבענעם לאַסאַל.

און דאַן אויף דעם גאָטהאַער קאָנגרעס פון 1875 זיינען זיי צונויפגעקומען, האָבען זיך צונויפגעגאָסען און זיינען געוואָרען איין גרויסע, מעכטיגע מאַסע. אין דער אַמאַלגאַמירונג איז פון דעסטוועגען נאָך געבליעבען אַ שעהן ביסעל פון דעם פריהער־דיגען גייסט פון ברודערשטרייט ביי ביידע צדדים. עס זיינען נאָך געבליעבען צ ד ד י ם, דאָס איז דער עיקר. און איבער־הויפּט די לאַסאַלעאַנער האָבען ניט אַזוי גיך זיך אָבגעזאָגט פון זייער פריהערדיגע אָבגעזונדערטע עקזיסטענץ, מיט זייער בעזונ־דערע אמונה, זייער בעזונדערען טעמפּעל און, אין דעם טעמפּעל, זייער בעזונדערע גאָטהייט, וואָס האָט געטראָגען דעם נאָמען לאַ־סאַל, הגם זיי זיינען שוין געווען איין פּאַרטיי מיט די אייזע־נאַכער.

עס האָבען זיך דערפאַר געהערט די נעמען מאַרקס און לאַסאַל

אויף אזא אופן, אז יעדער צד האָט געשטעלט דעם אקצענט אויף זיין העלד, אויף זיין פריהערדיגען הויפט קאָמאַנדיר. אָבער אזוי אָדער אזוי, דיביידע נעמען זיינען כסדר דערמאָנט געוואָרען צו־זאמען און ווען מארקס איז — אכט יאָהר נאָך דער גאָטהאער פעראייניגונג — אויך געשטאָרבען, האָט די פּלאַטפאָרמע פון יע־דען קאָנגרעס געציערט סאַי א ביוסט פון מארקס, סאַי אזוינער פון לאַסאַל.

פון דעסטוועגען איז דאָס ניט דער הויפּטגרונד פון דעם דאָ־זיגען זוג: אין דער אידישער געשיכטע ארום די צייט פאַר׳ן צווייטען חורבן איז אויפגעקומען דער אויסדרוק זוג (אָדער זוגות, רעדענדיג בלשון רבים), וואָס דערמיט האָט מען געמיינט דעם „נשיא״ און דעם „אב בית־דין״ — דעם פּאָליטישען און דעם רעליגיעזען פיהרער. איינער פון דיעזע זוגות איז געוועזען דער דער־מאָהנטער זוג שמאי און הלל, וועלכען עס וועט אונז באלד אויס־קומען נאָך אמאָל צו דערמאָהנען.

---

## 2

## הלל און שמאי — מארקס און לאַסאַל.

ווען מיר זאָגען, אז דער סאָציאַליזם האָט זיין נשמה פון מארקס און זיין גוף פון לאַסאַל, איז דאָס ניט איינפאך צוליעב דער פראַזע, איז דאָס ניט בלויז מליצה.

מענשען, וואָס האָבען אן אויבערפלעכליכען בעגריף פון דער ראָלע, וועלכע ביידע מענער האָבען געשפּיעלט אין דער בעוועגונג בעת זי האָט אָנגעהויבען צו ווערען דאָס, וואס מיר רופען די מאָדערנע, די היינטיגע ארבייטער־בעוועגונג, ווייסען, אז לאַ־סאַל איז געוועזען א נאַציאָנאַליסט, לגבי מארקס, וועלכער איז גע־ווען אן אינטערנאַציאָנאַליסט. דאָס איז אי ריכטיג אי פאַלש. ריכטיג, אויב מען פערשטעהט, ווי מען דאַרף פערשטעהן, אז לאַ־סאַל, אלס פּראַקטישער פּאָליטיקער, האָט געמוזט בעשרענקען זיין טהעטיגקייט אויף דעם נאַציאָנאַלען באָדען פון דער מדינה, אין וועלכער ער האָט געווירקט, בעת מארקס, אלס טהעאָרעטיקער, אלס גייסטיגער פיהרער פון דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג פון אַלע

לענדער, האָט ניט געהאַט קיין שום נאַציאָנאַל־טעריטאָריעלע גרענ־צען פאַר זיך. פאַלש וועט אָבער זיין די מיינונג, אַז איינער איז געווען נאַציאָנאַל געגען דעם אַנדערן, וואָס איז געווען אינטערנאַ־ציאָנאַל, אויב מען פערשטעהט די ווערטער אַזוי, אַז לאַסאַל איז געווען אַ געגנער פון אינטערנאַציאָנאַליטעט און מאַרקס פון נאַ־ציאָנאַליטעט.

די נשמה, אַ גייסטיגע זאַך, אַ שטיק פון דאָס, וואָס מיר פערשטעהען אונטער דעם וואָרט גאָטהייט, אַ טהייל פון דעם וועלטבעשאַפער — דיזע נשמה איז אומעטום און אַלעמאָל, ווי גאָט אַליין, וועלכער איז מלא כל הארץ כבודו, אַ זאַך אָהן אַ לאַנד און אָהן אַ גרעניץ.

דער גוף אָבער איז ניט דענקבאַר אָהן אַ בעשטימטען אָרט. אויב ער טראָגט אין זיך אַן אינטערנאַציאָנאַלע נשמה, מוז ער פון דעסטוועגען זיך בעוועגען אין געוויסע גרעניצען, אויף אַ געוויסע טעריטאָריע, צי ער וויל צי ניט.

דערפאַר, און אַזוי וויית, איז מאַרקס, דער בעל־נשמה, אינ־טערנאַציאָנאַל, בעת לאַסאַל, דער בעשעפער פון דעם גוף, איז נאַ־ציאָנאַל.

אין אַביסעל אַן אַנדער זין איז דאָס געווען דער פאַל ביי דעם אַלטען אידישען זוג הלל און שמאי. מיט אַ יאָהר נײַנצעהן הונ־דערט פריהער.

הלל, ווי מאַרקס, איז געווע אַן עקספּאַטריאירטער. הלל האָט געלעבט אַ לאַנגע צייט אין בבל, ווי מאַרקס אין ענגלאַנד. שמאי, דאַגעגען, איז געווען אַ ירושלים׳ער בירגער, ווי לאַסאַל איז געבליבען אַ דייטשער.

אידישקייט איז פאַר הלל הבבלי (באַבילאָניער, אַזוי האָט מען איהם טאַקי גערופען) געווען אַ גייסטיגע זאַך, וואָס איז ניט פערבונדען מיט קיין שום ספּעציעלע טעררי טאָריע, ווי דער סאָ־ציאַליזם פאַר מאַרקס׳ען. אין דערזעלבער צייט האָט זיין פריינד שמאי׳ס אידישקייט געהאַט אַ טעריטאָריעל־נאַציאָנאַלען כאַראַק־טער, און איז ביי איהם געווען ענג פערבונדען מיט זיין פאָטער־לאַנד.

דאָס האָט אָבער אין זייער פאַל אויך ניט געהאַט צו בעדיי־טען, אַז הלל איז געווען וואָס מען וואָלט היינט רופען אַן אַנטי־

ציוניסט, אָדער אַז שמאי האָט ניט געהאַלטען פון אינטערנאַציאָ־נאַלע אידישקייט.

און אַזוי ווי מיר האַלטען דערביי, לאָמיר דעם פּאַראַלעל דורכפיהרען אין גאַנצען.

הלל, ווי מאַרקס, איז געווען אַן אָרעמאַן; שמאי, ווי לאַ־סאַל, איז געווען אַ נגיד.

הלל, ווי מאַרקס — יע, אַ סך מעהר ווי מאַרקס —, איז גע־ווען אַן ענו, אַ בעשיידענער מענש, ביי וועמען זיין איך איז גע־ווען אַ נעבענזאַך; שמאי, ווי לאַסאַל, איז געווען אַ טעמפּעראַ־מענטפולער מענש, אַ בעדייטענדער עגאָאיסט און איינער, וואָס האָט זיך אפשר ניט בעריהמט, אָבער האָט פון זיך געהאַלטען.

סאַי הלל סאַי שמאי האָבען נאָכגעלאָזען פיעל תלמידים נאָך זיך, אַ הלל־שול און אַ שמאי־שול (בית הלל און בית שמאי) אַזוי ווי מאַרקס און לאַסאַל. ווי זייערע שילער אין אונזער צייט, אַזוי האָבען יענע פּאַרצייטען געהאַט ויכוחים צווישען זיך, די האָבען גע׳טענה׳ט אַזוי און די אַנדערע פּונקט פערקעהרט. כמעט אין אַלע פעלע (חוץ דריי) האָבען די חכמים פון שפּעטערדיגע דורות גע׳פּסקנ׳ט אַז בית־הלל האָבען רעכט, אַזוי ווי אונזער דור פּסקנ׳ט היינט אַז מאַרקס׳עס שול איז גערעכט לגבי לאַסאַל׳ס.

און צו פערענדיגען דעם פּאַראַלעל, וועל איך אויפמערקזאַם מאַכען, אַז מען האָט פון ביידענ׳ס תלמידים געזאָגט, דאָס וואָס מיר האָבען געהערט וועגען די תלמידים פון לאַסאַל און מאַרקס, אַז „זינט עס האָבען זיך אַזוי שטאַרק פערמעהרט די נאָכפאָלגער פון הלל און שמאי, יונגע לייט, וואָס האָבען ניט גענוג געלערנט, זיינען געוואָרען אַ סך מחלוקות ביי אידען און פון איין תורה — צוויי תורות“.

---

## 3

## דער סנה ברענט און בלייבט גאַנץ.

צווישען די מענשען, וואָס מיר זיינען געוואוינט צו דער־מאָהנען פּאָרווייז, האָב איך אויבען אריינגערעכענט משה ואהרן. אין איין פּרט לאָזט זיך פערגלייכען די ראָלע פון די ביידע אין

דער צייט פון אונזער אידישער יציאת מצרים מיט דער טהעטיג־קייט פון מארקס און לאסאל. ביי פערשיעדענע געלעגענהייטען איז מיר אויסגעקומען צו מאכען דעם פערגלייך און אזוי ווי מיר האלטען ביי דער אידישער געשיכטע און איהרע העלדען אין דער גרייז־גרויער פערגאנגענהייט, לאז דאס דא געפינען א שטיקעלע פלאץ. אויף שטרענגע, ניכטערנע, טרוקענע וויסענשאפטליכקייט מאכט דאס, וואס מען לעזט דא, סאי ווי סאי קיין פרעטענזיעס ניט.

די שעהנע לעגענדע אין חומש וועגען דעם אנפאנג פון דער אידישער פרייהייטס־בעוועגונג אין עגיפטען דערצעהלט אונז:

„פיטערנדיג זיין שווער יתרו'ס שעפסען... איז משה געקומען צום געטליכען בארג חורב.

„און עס האט זיך צו איהם בעוויעזען א מלאך פון גאט אינ'ם פלאם פייער, וואס איז געקומען פון א דארן, און ער האט געזעהן, אז דער סנה ברענט אינ'ם פייער און ווערט ניט פערברענט.

„און משה האט געזאגט: לאמיך צוגעהן זעהן דיעזע גרויסע ערשיינונג, צו פערשטעהן פאר וואס דער סנה ווערט ניט פערברענט אינ'ם פייער.

„און יהוה האט געזעהן, אז משה איז געקומען **זעהען**, האט ער צו איהם צוגעשריען פונ'ם סנה: משה, משה! און ער האט געענטפערט: אט בין איך."

דאן האט גאט צו איהם געזאגט, אז ער האט צוגעזעהן די פייניגונג, וואס די פער'שקלאפטע אידען שטעהען אויס אין מצרים, האט דערהערט זייער שמערץ־געשריי און האט בעשלאסען זיי ארויסצונעהמען פון דער קנעכטשאפט און זיי אריינצוברענגען אין א לאנד „א גוטע, א ברייטע, אין א לאנד, וואס פליסט מיט מילך און מיט האניג", וואס איז ביז דאן געוועזען בעזעצט פון זעקס אנדערע פעלקער.

און גאט האט געזאגט צו משה'ן ער זאל געהן צו פרעה מלך מצרים און זאל ארויספיהרען די אידען פון מצרים. משה האט גע'טענה'ט, אז דאס פאלק וועט איהם ניט גלויבען, ווען ער וועט קומען צו זיי א שליח פון גאט. און גאט האט איהם געגעבען סימנים, נסים און וואונדער, מיט וועלכע ער זאל זיך ווענדען צום פאלק.

משה האָט זיך אָבער אַלץ נאָך געקווינקעלט. זיין לעצטע טענה איז געווען, אַז ער טויג ניט צו אַזאַ שליחות, ווייל ער איז שווער אויפ׳ן לשון, איז ניט קיין רעדנער און וועט זיך ניט קענען שטעלען פאַר׳ן גרויסען דעספאָט.

אויף דעם האָט איהם גאָט דער האַרר געענטפערט, אַז ער אַליין וועט איהם שוין איינגעבען די רייד, וואָס מען דאַרף רעדען. משה אָבער האָט נאָך אַלץ מורא געהאַט, וויסענדיג זיין שוואַכקייט בנוגע צום לשון און ער האָט זיך געבעטען ביי גאָט: שיק, ליעבער גאָט, ערגיץ אַן אַנדערן!

דאָ איז גאָט בייז געוואָרען און האָט מיט כעס צו משה׳ן געזאָגט: „אָט האָסטו דאָך דיין ברודער אהרן דעם לוי, לאָז ער געהן מיט דיר צו פּרעה׳ן; איך האָב פריהער געוואוסט אַז דער ריידער וועט ע ר זיין... ניט דו... געהטביידע צו פּרעה׳ן און טוט וואָס איך היים אייך“. —

עלטערע מענשען, וואָס האָבען מיטגעלעבט און דורכגעלעבט די ערשטע יאָהרען אין דער היינטיגער סאָציאַליסטישער אַרבייטער־בעוועגונג, וועלען ניט בעדאַרפען קיין אויסערגעוועהנליכע איינבילדונגסקראַפט כדי אויסצוטייטשען די דאָזיגע ביבלישע לעגענדע, זי צופּאַסענדיג צו אונזערע פערהעלטניסע, פּאַסירונגען און פּערזענליכקייטען.

מיר האָבען געזעהן אַ ברענענדיגען סנה, וואָס אַלץ אַרום איהם איז געווען מדבר, פּוסט און וויסט און האָפנונגס־לאָז. דער סנה האָט געברענט מיט אַ געטליכען פלאַם, מיט אַ פלאַם, וואָס ברענט און פערברענט ניט, וואָס צינדט און צושטערט ניט, ווייל די עובדא פון דעם פייער איז ניט צו פערניכטען, נור צו לייכטען, צו פערשפּרייטען ליכט צווישען די פינסטערלינגע אין דעם מדבר... און קומען קומט דער פלאַם פון דער גאָטהייט אַליין, פונ׳ם גייסט, וואָס שאַפט און בעפרייט, וואָס גיט מענשען דעם מוטה געגען די טיראַניי, די בעגייסטערונג אין „דער מיט“ פון ביטערע געמיטער און געבראָכענע הערצער.

און דער סנה האָט געברענט, ניט ווערענדיג פערברענט, אַ לאַנגע צייט און קיינער האָט זיך ניט אַ ריהר געטאָן פון אָרט. דער אונטערדריקטער קורצער בעפרייאונגס־קאַמפּף פון 1848-1849 האָט איבערגעלאָזען דעם פערשקלאַפטען, געפייניגטען, אויסגע־

האַרעוועטען עולם אין א צושטאַנד פון מוטהלאָזיגקייט, אָבגע־שוואכט און פערצווייפעלט, איבער דער גאַנצער וועלט.

איין מענש, מיט א גרויסען מוח, מיט א שאַרפען בליק וואס זעהט טיעף אריין אין די סאמע הערצער פון אַלע גרויסע ער־שיינונגען, האָט זיך פערקוקט אויף דעם געטליכען סנה און איז צוגעקומען נעהנטער צו זעהן וואס דאָס בעטייט א זאַך, מאָלט אייך, וואס ברענט און ווערט ניט פערברענט.

איהם האָט דער גייסט, פון וועלכען דער פלאַם, דער הייליגער פייער, האָט געשטאַמט, אויסגעקליעבען זיך צו נעהמען צו דער גרויסער ארבייט פון אויפמונטערן די האַלב־טויטע שקלאַפען, פון רעדען די שפּראַך פון טראָץ און רעבעליאָן צו די טיראַנען און די שקלאַפענטרייבער.

דאָס איז געווען מארקס.

אָבער ער האָט אין זיך קיין גרויס אמונה ניט געהאַט. ער האָט געוואוסט, אַז ער איז א כבד־פּה, אַז ער טויג ניט צום ווע־קען, ניט צום רעדען צו א דעספּאָט.

האָט מען איהם געגעבען צו פערשטעהן, אַז דער פרייהייטס־גייסט וועט זיין מיט איהם; וועט איהם שוין סופלירען זיינע ווערטער, כל־זמן ווי ער איז פול פון יענעם הייליגען ענטהוזיאַזם, פון יענעם שלהבת־יה, וואס ברענט אין דעם סנה.

האָט ער אָבער אַלץ נאָך מורא געהאַט. איהם האָט געפעהלט ניט מוטה געגען דעם שונא, ניט אמונה אין די הייליגע זאַך, ניט מוח אָדער כוח; איהם האָט געפעהלט דער לשון און ער האָט גע־קלערט, אַז זיינע רייד וועלען ניט אריינגעבען מוטה דעם שקלאַף, אָדער שרעק דעם אונטערדריקער.

איז בעשלאָסען געוואָרען א פשרה. מיט איהם זאָל מיטגעהן א ברודער מיט א געשליפענעם צונג, מיט א גרויסע רעדנער־קראַפט. דאָס איז געווען לאַסאַל.

## 4

## טהעאָריע און פּראַקטיק.

איך בין מוכן ומזומן צוצוגעבען, אַז פון א ריין ניכטער־לאָגישען שטאַנדפּונקט וואָלט מיין פערגלייך פון מאַרקס און לאַ־

סאַל מיט משה ואהרן קיין שטרענגע קריטיק ניט אויסגעהאַלטען. איך גלויב אָבער, אז וואָס איז שייך צו דעם ארויסטריט פון דיביידע מענער, ארום וועלכע מיר רעדען דאָ, האָט דער דאָזיגער פערגלייך געהאָלפען ארויסברענגען דעם אמת. שפּעטער, ווען לאַסאַל'ס אגיטאַציע האָט זיך אָנגעפאַנגען און זיין לאַנגיאָהריגע פריינדשאַפט און גענאָסענשאַפטליכקייט לגבי מארקס'ען איז געווען אַזוי גוט ווי צו־ענד; שפּעטער, ווען די גרויסע אַגיטאַציע פון די יאָהרען 1863-1864, צו וועלכע מארקס און ענגעלס זיינען פון לאַסאַל'ען איינגעלאַדען, אָבער פון זיי ניט אָנגענומען געוואָרען, האָט ארויסגעבראַכט דעם גאַנצען לאַסאַל מיט אַלע זיינע שטאַרקע און שוואַכע זייטען, — שפּעטער, זאָג איך, איז שוין ווענען א משה־ואהרן־שייכות מעהר ניט געווען וואָס צו רעדען.

לאָמיר פּראָבירען פערשטעהן וואָס יעדער פון די ביידע מענער איז געווען פאַר זיך, און ווי זיי האָבען אויסגעזעהן איינער לגבי דעם אַנדערן. דאָס וועט זיך אונז אפשר אַם בעסטען איינגעבען ווען מיר וועלען שילדערן ניט יעדען בעזונדער, נור ביידע צוזאַמען, אַזוי ווייט, לכל הפּחות, ווי דאָס וועט זיך לאָזען.

מארקס איז געווען מיט זיעבען יאָהר עלטער פאַר לאַסאַלען. אין די פערציגער יאָהרען פון דעם 19טען יאָהרהונדערט, ווען זיי זיינען בעקאַנט געוואָרען איינער מיט דעם אַנדערן, איז לאַסאַל נאָך געווען א גאַנץ יונגער מאַן אין די צוואַנציגער, מארקס אָבער שוין אריבער דרייסיג. פון דעסטוועגען איז שוין לאַסאַל געווען א טוער, אַן אַקטיווער מענש, בעת מארקס האָט געאַרבייט איבער טעאָריעס, זיך גראָבענדיג אין ביכער.

רעוואָלוציאָנער זיינען זיי ביידע געווען, אָבער זייערע נאַטורען זיינען געווען פערשיעדענע, ווי מיר וועלען באַלד זעהן. צונויפקומענדיג מיט מארקס'ען, האָט דער אינגערער, לאַסאַל, זיך געפיהלט פון איין זייט אַלס מארקס'עס א תלמיד אין דער טעאָריע, ספּעציעל אין פּאָליטישער עקאָנאָמיע, אָבער פון דער אַנדערער זייט אַלס א וועלט מענש, א „מעורב בין הבריות", א מאַן פון טהאַטען לגבי א קלויזניק, טאַקע א גאון'ישען קלויזניק, אָבער פּאָרט א קלויזניק.

דערצו איז צוגעקומען נאָך דער פאָלגענדער אונטערשיעד:

מארקס איז געווען א פערהייראטהער מאן און כמעט אי־מער אן אביון, בעת לאסאל האט געהאט א פערמעגען, וואס האט איהם געגעבען א מעגליכקייט צו לעבען פריי פון דאגות פרנסה און צייטענווייז זאגאר אין לוקסוס, און איז דערביי געבליעבען א בחור ביז׳ן טויט.

פאר׳ן פראלעטארישען בעפרייאונגס־קאמפף האט מארקס בסדר געשמידט די וואפען, שמידענדיג און זאמלענדיג — שמי־דענדיג פון דעם מאטעריאל אונטער דער האנד און זאמלענדיג נייעם מאטעריאל פאר נאך און נאך און נאך כלי־זין. זיין ארבייט איז געווען ביין ווארשטאט, ביין גייסטיגען ווארשטאט, שטענדיג בערייכערנדיג זיין מעכטיגען ארסענאל. טראגען די וואפען, זיי געברויכען געגען דעם שונא האבען געזאלט אנדערע. דאס זאגט, פערשטעהט זיך, גאר נישט געגען זיין מוטה. לאסאל, דאגעגען, האט אפילו פון זיין זייט אויך געטאן, וואס ער האט געקענט, צו מאכען רייכער דעם סאציאליסטישען ארסענאל, אבער זיין הויפט־טהעטיגקייט איז בעשטאנען אין געברויכען די כלי־זין, אין קעמפ־פען און פיהרען אנדערע צום קאמפף. ער האט אפען ערקלערט פאר יעדען, וואס האט געוואלט וויסען, אז זיין שווערד, דער שארפער גייסטיגער שווערד איז פאבריצירט געווארען פון מארקס׳ען.

מארקס׳עס טהעטיגקייט ביז דעם יאהר 1864, ווען ער האט זיך גענומען צו דער גרינדונג פון דער אינטערנאציאנאלע (א פאר וואכען נאך לאסאל׳ס טויט!), איז געווען א געצוואונגענע טהע־טיגקייט, פשוט ווייל עס האט איהם עפעס ניט געפאסט צו שטעהן פון וויטען. לאסאל׳ס „באנק־קוועטשעריי״ (מען ווען, האף איך, ענטשולדיגען דעם היימישען פראסטען אויסדרוק) איז געווען נור מחמת ער האט בטבע געהאט א גרויסע אמביציע אין דעם פרט פון בילדונג, אבער אין גרונד — און פריהער פאר אלץ — איז ער געווען א „פאיטער״, א קעמפפער, א טוער.

מארקס, אלס א געלעהרטער, אלס א פארשער, אלס א דענ־קער, האט געקענט זיין אביעקטיוו, האלטענדיג זיין פערזענליכקייט אינ׳ם הינטערגרונד, אדער אן א זייט. דאס איז בשום אופן ניט געווען דורך איבערטריבענע עניוות. לאסאל, דאגעגען, איז געווען א מענש אין דער עפענטליכקייט, קעמפפענדיג, אדער זיך צוגריי־

טענדיג צום קאמפף. חוץ דעם איז ער כסדר געשטאַנען פאר דער עפענטליכקייט, אלס אַ מענש מיט רעוואָלוציאָנערע, זעהר ניט פּאָפּולערע אידעען און איז דערפאר געווען אין אלץ סוביעק־טיוו, אומעטום מיט זיין „איך" אין דעם פאָרדערגרונד פון דער פּאָליטישער ביהנע, זעהר נאָהנט פון די סאמע „פּוסליכט", שטאָלץ אויף זיין מוח, זיינע קענטניסע, זיין ענערגיע און זיין מוטה. דאָס איז ביי איהם ניט געווען דער פאַל אָהן א גוטע דאָזע פון געוועהנליכע גאוה, ווי מען טרעפט זי ביי קלענערע מענ־שען, אָבער ניט מעהר ווי א דאָזע, ווען מען גערענקט די פער־העלטניסע פון זיין צייט ווי דאָ איז אָנגעמערקט געוואָרען.

מארקס אלס א געלעהרטער, א בוך־מענש, א מין איש תם יושב אוהלים, איז זעלטען געקומען אין א לאַגע צו דארפען עובר זיין אויף אַ רעוואָלוציאָנערען לאו, דאָס הייסט, צו מאכען א קאָמפּראָמיס. לאַסאַל, דאַגעגען, האָט פון צייט צו צייט געטאָן זאכען, וואָס זיינען פון א ריגאָריסטישען שטאַנדפּונקט אפשר ניט געווען גאַנץ כשר, ווי, למשל, זיין דערלאַנגען א פּראָשעניע צום בערלינער פּאָליציי־פּרעזידענט, בעטענדיג ערלויבנים צו וואוי־נען אין בערלין. אלס א טוער, האָט ער ניט געקענט זיך לאָזען פערצאמען זיין וועג דורך פּסוקים פון דער „תורה", הגם ער האָט פון זיי געהאַלטען. — נור אין איין פּרט איז ער געווען שטרענגער ווי מארקס. ער האָט געהאַלטען פאר א שווערען חטא צו שריי־בען, ערשטענס פאר געלד, צווייטענס אין קאַפּיטאַליסטישע ציי־טונגען. מארקס האָט געטאָן ביידע זאכען, ווערענדיג אַ קאָררעס־פּאָנדענט אין די ניו יארקער „טריביון". ער האָט זיך פשוט ניט געקענט ערלויבען דעם לוקסוס פון אזא ריגאָריזם, ווי דאָס האָט געקענט דער „רייכער" לאַסאַל. — צו זיין גערעכט צו לאַסאַל'ען, מוז דאָ גלייך געזאגט ווערען אז ער אליין האָט פאר מאַרקס'ען געזוכט צייטונגס־קאָררעספּאָנדענץ אין 1859, כדי ער זאָל קענען מאַכען א לעבען.

איצט קומען מיר צו א פערגלייך צווישען די ביידע מענער אלס אידען — וועניגסטענס אלס „טייטשען מזרע היהודים". דאָס פערלאַנגט א בעזונדערען קאַפּיטעל.

## 5

## אונזערע גדולים אלס אידען.

ביידע, מאַרקס און לאַסאַל, זיינען געבאָרען געוואָרען אין דעם ערסטען פערטעל פון דעם נײַנצעהנטען יאָהר הונדערט: מאַרקס אין 1818, לאַסאַל אין 1825.

אין דער צייט פון די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות, וועלכע האָבען זיך געענדיגט אין 1815, ווען דער „גרויסער" נאַפּאָלעאָן (דער גרויסער קצב, ווי וויקטאָר הוגאָ רופט איהם) איז פערשיקט גע־וואָרען אויף דעם אינזעל סט. העלענאַ, האָבען די דייטשע אידען פריי אָבגעצויגען דעם אָטהעם. זיי האָבען געקראָגען געוויסע פריהייטען אפילו אין פּרייסען, ספּעציעל די מעגליכקייט אריינ־צוקומען אין די הויכע בילדונגס־אַנשטאַלטען פון דייטשלאַנד, און געוויסע בירגער־רעכטע.

אזוי גיך אָבער ווי די פראַנצויזען זיינען בעזיעגט געוואָרען און די „היילינגע אַליאַנץ" (רוסלאַנד, דייטשלאַנד און עסטרייך) האָט ווידער געקענט וואַיעווען איבער איירָאפּאַ מיט אַ שטאַרקע האַנד, זיינען צוריקגענומען געוואָרען אַלע „פריהייטען" בכלל און די אידישע בפרט. די אידען האָבען זיך דערוויילע געהאַט צו־געוואוינט זיך אַליין צו בעטראַכטען פאַר מענשען, פאַר גאַנצע מענשען, פאַר „דייטשען מאָזאישער רעליגיאָן". אַלץ איז אין דעם משך פון אַ צעהנדליג יאָהר אָדער מער פערטייטשט געוואָרען, פון דעם תנ"ך, וועלכען מענדעלסזאָהן און זיינע תלמידים האָבען איבערזעצט אויף דייטש, ביז די אידישע נעמען. מיט אמאָל איז געקומען די רעאַקציע. „צוריק אין געטטאָ אריין!" האָט פּריי־סען קאָמאַנדירט, און ווען דער איד איז געקומען דעם קריסט אין וועג, האָט מען איהם געהייסען „מאַכען מאָרעס", אַ שטייגער „גיט־אָוט־אָור־היער!" בלשון אַמעריקאַ, פּונקט ווי פריהער.

עס איז געווען איין ברירה: צוריקגעהן צום געטטאָ, צום אַלטען אידישען אָבגעזונדערטען לעבען, זיך אָבזאָגען פון יעדע העכערע בילדונג, פון אַ דאָקטאָר קאַריערע, פון אַן אדוואָקאַט פּראַקסיס און אזוי ווייטער, אָדער זיך שמד'ען.

האָבענדיג פאַר זיך דיעזע איינציגע ברירה, האָט מאַרקס'עס

פאטער, און אדוואקאט, זיך גע'שמד'ט, בעת לאסאל'ס פאטער, א זיידענהענדלער, איז געבליעבען א איד.

ביידענ'ס אידישקייט האט ניט געהאט קיין גרויסען ווערטה, אבער דער אלטער לאסאל האט זיך לכל הפחות פארמעל געהאל־טען פאר א בן־ברית. דאס האט טאקע איהם ניט געשטערט צו ערציהען זיין זוהן אויף א ריין דייטש־קריסטליכען אופן, דער יונגער לאסאל אבער האט זיך פארט געהאדעוועט אין א מעהר אידישע סביבה. פון זיין „טאגעבוך" וויסען מיר, אז אין די יונגע יאהרען האט אין איהם געקלאפט א אידישער אדער. ביי א גע־וויסער געלעגענהייט האט ער זאגאר גע'חלומ'ט פון בעפרייען אי־דען מיט'ן שווערד אין דער האנד.

שפעטער האט ער זיך אין גאנצען אסימילירט און אידען הא־בען איהם זעהר ווייניג אינטערעסירט. ער איז געווארען א „גוי" ניט ווייניגער ווי מארקס, וועלכער איז דורך זיין פאטער געטויפט געווארען ארום דיזעלביגע צייט ווען לאסאל איז אנגעקומען אין דער וועלט.

עס איז דערפאר ניטא פיעל וואס צו דערצעהלען, ניט וועגען דעם'ס אידישקייט, ניט וועגען דעם אנדערנ'ס. וואס איז שייך צו זייער האלטונג אין דער אידען פראגע איז אינטערעסאנט פאל־גענדעס:

לאסאל האט משמעות גאר ניט געפיהלט, אז ער האט עפעס א שייכות מיט'ן „יודענטום". דערביי איז ער געווען א דייטשער איד מיט אלע קליפערלעך; מיט אנדערע ווערטער, א מענש מיט אלע אונסימפאטישע אייגענשאפטען, וואס דער דאזיגער מין איד האט. ווען איהר לייענט לאסאל'ס „אינטימע" בריעף צו זיין פאמיליע — פאר וועלכע ער האט, פארבייגעהענדיג, א טיעפע, אמת'ע ליעבע — ווארפען זיך אייך כסדר אין די אויגען די קליינ־ליכע בורזשואזנע חשבונות זיינע מיט זיין פאטער און שוועס־טער. „שיק מיר ציגארען און שרייב די הוצאה אויף מיין קאנ־טא" איז א מוסטער פון יענע עכט־דייטשע אידישקייט, וועלכע איז אונז ליטוואקעס און אנדערע, אזוי אונסימפאטיש. ביי אונז לעגט זיך אויפ'ן שכל, אז מען זאל עלטערן בעהאנדלען שלעכט, אז מען זאל פון זיי שלעכט בעהאנדעלט ווערען, אבער מען האלט מיט א טאטען ניט אזעלכע קליינליכע חשבונות.

בעקער, ווידער, זיין ערשטער נאָכפאָלגער אלס פרעזידענט פון דעם אַלגעמיינעם דייטשען ארבייטער־פעראיין, פון לאַסאַל אליין (פאַר׳ן געהן צום דועל) פאָרגעשלאָגען פאר דעם אמט, האָט, ווי מען וויים, איהם אָבגעדיענט און האָט נאָך לאַסאַל׳ס טויט אויסגערעדט אויף איהם וואָס אין קאַרט שטעהט. צווישען אַנדערע בעריידעריייען, געפינט זיך אַן אָפט ציטירטער ווערטעל פון לאַסאַל, אז עס זיינען דאָ צוויי קלאַסען מענשען, וועלכע ער האָט פיינט: אדוואָקאַטען און אידען, און ל י י ד ע ר געהערט ער צו ביידען.

לאַסאַל האָט דאָס ניט געלייקענט, ווייל ער איז שוין געווען ניין יאָהר טויט ווען בערנהארד בעקער האָט געשריעבען זיין „געשיכטע", אבער מעגליך איז עס, הגם ער אליין האָט אפשר ניט געמיינט, אז אימיצער וועט דאָס נעהמען ערנסט. דאָס איז אַלץ וואָס מיר ווייסען וועגען זיין „אידישקייט" חוץ דעם אינצידענט אין זיין ראָמאַן מיט די רוסישע יונגע מיידעל סאָפיע סאָלנצעווא, ווען ער האָט געקלערט וועגען טויפען זיך פון איהרטוועגען צוליעב דעם רוסישען געזעץ, דערביי גאַנץ קלאָר איהר זאָגענדיג, אז דאָס וואָלט געווען געגען זיין ווילען און איבערצייגונג.

מאַרקס האָט זיך צום „יודענטהום" שוין ערנסטער בעצויגען. איהם האָט, משמעות, די אידישע פראגע גראָד „געבאָדערט", אָבער ער האָט פשוט געהאָפט אַז די אידישקייט, וועלכע האָט בעזיעגט און פערשלונגען די בורזשואזיע, וועט צוזאמען מיט איהר אליין פערשוואונדען ווערען (במהרה בימינו, אָמן!).

דאָס דריקט ער אויס אין א בריעף צו רוגע, געשריעבען אין א לשון, וועלכען איין העגעל אין דייטשלאַנד און איין גאָט אין הימעל קען פערשטעהן. דער שלום איז קלאָר גענוג:

„די געזעלשאפטליכע עמאנציפאציע פון דעם אידען איז דער געזעלשאפט׳ס עמאנציפאציע פון דעם יודענטום", זאָגט מאַרקס.

געשריעבען האָט דאָס מאַרקס אין 1843, ווען ער איז געווען א פינף־און־צוואַנציג יעהריגער יונגער מאַן. ער איז דאַן געווען נאַר־וואָס בעקאַנט געוואָרען מיט סאָציאַלע אידעען און האָט גע׳חלומ׳ט וועגען א גרויסע רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד.

געקומען איז — פינף יאָהר שפּעטער — א רעוואָלוציע אין יענער מדינה, אָבער ניט קיין גרויסע. נאָך איהר — א רעאַק־

ציע און גאָר א ניש־קשה׳דיגע. אלס א רעזולטאט דערפון איז מארקס צוזאמען מיט ענגעלס, ליעבקנעכט און אנדערע אין 1849 געווארען א תושב אין ענגלאנד, וואו ער האָט אויסגעלעבט זיינע יאָהרען.

אין בעזונדערע ביאָגראפיעס פון דיביידע גאונים אונזערע וואָלט מען געקענט עטוואס מעהר זאגען וועגען זייער אידיש־קייט, אָבער דאָ קענען מיר זיך דערמיט ניט פערנעהמען.

איין קורצע בעמערקונג בעט זיך דאָ:

אי מארקס אי לאסאל האָבען אידישע פנים׳ער. אָבער אויב עס איז דאָ אזא ספעציעלער טיפּ ווי דער טיפּ פון א דייטשען אי־דען, דאן איז דאָס לאסאל, און אויב מען קען זיך דענקען אן אל־וועלטליכען טיפּ פון א אידען, דאן איז דאָס מארקס.

טוט לאסאל׳ען אָן א מונדיר מיט שליפעס, בלאנקע קנעפּ און גאלאינדלעך און איהר האָט פאר זיך א אידיש־דייטשען מי־ניסטער א לא דערנבורג. טוט אָן מארקס׳ען א יארמולקע, ניט מעהר, און דער פּנים קען פערשטעלען א ר׳ עקיבא איגער, א ר׳ יונת׳ל פּרעגער אָדער אן אנדער גאון פון וועלכען דור איהר ווילט.

6

## דער אווטאָר און דער אַרטיסט.

מארקס האָט איבערגעלעבט זיין אמאָליגען חבר מיט גאנצע נײַנצעהן יאָהר. דאָס איז פיזיש. אין גייסטיגער בעציהונג האָט ער איהם איבערגעלעבט מיט פיעל מעהר יאָהרען ווי נײַנצעהן, און דאָך איז זיכער, אז אויב לאסאל איז ניט געווען א גרעסערער מאן ווי מארקס איז ער ניט געווען א קלענערער.

פרעגט איהר: ווי קומט דאָס? זעהר איינפאך, דענק איך.

אויף דער וועלטביהנע ווערען זאכען געטאָן כמעט אויף דעמ־זעלביגען אופן ווי אויף דער דראמאטישער ביהנע. דאָס גאנצע לעבען פּאָליטיש, קינסטלעריש, רעליגיעז און סאָציאל, ווערט אויפ־געפיהרט ווי א דראמא אין טהעאטער דורך דרייערליי כוחות.

עס איז דאָ א פערפאסער. ער מאכט די פּיעסע, אין לעבען ווי אויף דער סצענע. גאָטירליך, ער מאכט די פּיעסע ניט פון

גארנישט. דעם מאטעריאל האט פאר איהם בעזארגט א גאנצע רייה פון פריהערדיגע דורות, אמאל מענשען פון דעם אייגענעם דור. געמאכט, פון דעסטוועגען, האט די פאליטישע, סאציאלע אדער קינסטלערישע זאך דער דאזיגער פערפאסער, דער אווטאר, ווי איהר רופט איהם.

דאס שטיק קען, אין לעבען ווי אויף דער ביהנע, ניט אויפגעפיהרט ווערען נור דערמיט אליין, וואס עס איז דא, פארטיג, געמאכט. אימיצער מוז עס אויפפיהרען. די ראלען, כדי צו ווערען בעמערקט און פערשטאנען, מוזען געשפיעלט ווערען. די פיעסע נויטיגט זיך אין א קינסטלער, א שוישפיעלער, כדי צו ווערען פון א מאנוסקריפט א טהעאטערשטיק, כדי אנצונעהמען א לעבעדיגע געשטאלט, כדי אז אותיות און ווערטער פון טינט אויף פאפיער זאלען ווערען פערוואנדעלט אין בילדער און געשטאלטען מיט פלייש און בלוט, מיט ביינער און מארך, בקיצור, מיט לייב און לעבען. אט אזוי קומט צו צום אווטאר דער שוישפיעלער.

דער דריטער פון די כוחות איז צווישען די ביידע ניט אלעמאל נויטיג. דער גרויסער קינסטלער קומט אויס אהן איהם, אבער די קלענערע מוזען אלע איהם האבען. זיי קענען זייערע ראלען ניט דורכפיהרען און זייער פיעסע ניט אויפפיהרען אהן א סופליאר. דאס איז אין לעבען פונקט ווי אויף דער ביהנע. צווישען דעם מחבר פון דעם טעקסט און דעם פארשטעלער פון דעם טיפ איז נויטיג א „פראמפטער", איינער, וואס זאל העלפען דעם שוישפיעלער פול און גאנץ ארויסברענגען דעם כאראקטער. דאס איז ביי די קליינע. דער גרויסער קינסטלער נויטיגט זיך אין דעם ניט. בעת יענע נעהמען אריין אין מח געוויסע ווערטער און ברענגען זיי שפעטער ארויס אויף דער סצענע, ווערט דער גרויסער ארטיסט אזוי שטארק פערשמאלצען מיט זיין ראלע, אז די ראלע דאס איז ער אליין, זי ווערט א טהייל פון איהם און ער ווערט אבסארבירט פון איהר, מיט די ווערטער, מיט אלעמען, וועלכע ער געפינט אינ'ם טעקסט און וועלכע זיינען זיין ראלע. נאך מעהר. ער טוט אריין אין די ראלע עפעס אזוינס, וואס דער פערפאסער אליין האט וועגען דעם גארניט געטראכט.

און וואס איז שייך צו דעם סאציאל־פאליטישען אויפטו פון דער נייער צייט, וואס האט געזאלט געבען דער מענשהייט אויף

דער וועלטביהנע איהר דראַמאַ: דעם אָנפאַנג, די ענטוויקלונג און דעם אויסגאַנג פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, קלאָר ווי אין אַ שפּיעגעל פאַר די אויגען, — וואָס איז שייך דערצו, איז מאַרקס געווען דער פּערפאָסער און לאַסאַל דער פּאַרשטעלער. קיין סופּ־ליאַר איז צווישען זיי ביידען ניט געווען מעגליך און אויך ניט דענקבאַר. שפּעטער, ווען אין לאַסאַל׳ס שיך זיינען געווען די פיס פון קלענערע מאַרקס־מענער, האָט זיך צייטענווייז שוין געזעהן אַ סופליאָר־קעסטעל אויף דער ביהנע און עס האָט זיך געהערט דער שטילער קול פון פריעדריך ענגעלס און אַנדערע, ערפילענדיג די אויפגאַבע פון „פּראָמפּטערס”.

ווען לאַסאַל האָט זיין גרויסע אַגיטאַציע אָנגעהויבען איז מאַרקס — ווי מיר וועלען שפּעטער זעהן — שוין געווען אָבגע־שטאַנען פון איהם. לאַסאַל אָבער האָט אָפען אַנערקענט, אַז דער יסוד פון זיין סאָציאַל־עקאָנאָמישע לעהרע איז געלעגט געוואָרען פון מאַרקס, און אין דעם פּרט האָט ער זיך געהאַלטען פאַר אַ שי־לער פון מאַרקס. ער האָט, אויף דעם אופן, אויפגעפיהרט אויף דער וועלטביהנע מאַרקס׳עס ווערק און עס איז זיין גרויסער פער־דיענסט, וואָס טויזענדער, און דורך זיי, צעהנדליג טויזענדער און שפּעטער הונדערט טויזענדער און מיליאָנען פּראָלעטאַריער האָ־בען געלעזען אפילו מאַרקס׳עס פּאָפּולערסטע ארבייט, דאָס „קאָ־מוניסטישע מאַניפעסט” און וואָס דער צורוף: „אַרבייטער פון אַלע לענדער פעראייניגט זיך!” איז געוואָרען דער לאָזונג פון דער וועלט׳ס פּראָלעטאַריאַט, — וואָס דאָס איז אַזוי געוואָרען אַזוי שנעל: געוואָרען וואָלט עס מסתמא סאַי ווי סאַי.

דערווייל איז פערגאַנגען מעהר ווי אַ האַלבער יאָהרהונדערט זינט לאַסאַל איז געשטאָרבען און מעהר ווי אַ דריטעל יאָהרהונ־דערט זינט מאַרקס איז אויסגעמעקט געוואָרען פון דעם ספר החיים. און וואָס האָט פּאַסירט?

לאַסאַל האָט געלאָזען לאַסאַלעאַנער — זיי זיינען שוין לאַנג מעהר ניטאָ. זיי זיינען ניטאָ, ווייל עס איז שוין ניטאָ, און עס איז אין גרונד גענומען קיינמאָל ניט געווען קיין וויסענשאַפטליכער לאַסאַליזם. געבליבען איז לאַסאַל׳ס סאָציאַלדעמאָקראַטישע טאַק־טיק, ווייטער גאָר גישט, הגם דאָס איז אַ שעהן ביסעל: אויב

ניט דער ציעל, איז דאָס יעדענפאלס דער וועג, דער מארשרוט, לאסאל'ס מארשרוט.

מארקס האָט געלאָזען מארקסיסטען. אין 1883 זיינען זיי געווען א קליינער הייפעלע, אויב מען האלט אין אויג, אז ניט יעדער איז געווען א מארקסיסט וואס האָט זיך גערופען סאציאליסט אין יענע, אפילו היינטיגע צייטען און האָט געשטימט דעם פארטייטיקעט. היינט זיינען זיי מיליאָנען איבער דער גאנצער וועלט, צי זיי האָבען געלייענט „דאָס קאפיטאל" אינ'ם אָריגינאל, אדער ניט.

לאסאל'ס בראָשורען ווערען, געוויס, היינט נאָך געלייענט אין אלע שפראכען, אָבער די נשמה אין זיי איז א מארקסיסטישע. לאסאל'ס לעבענסארבייט איז געווען צו־ענד ווען ער איז געשטארבען. מארקס'עס האָט זיך נאָך זיין טויט ערשט אָנגעהויבען. ווערנער זאָמבארט האָט ריכטיג בעמערקט, אז מארקס'עס וואוקס האָט זיך אָנגעפאנגען ערשט נאָך זיין טויט.

די גרעסטע אגיטאציאָנס־שריפט מוז פריהער אָדער שפעטער אלט ווערען און ארויסקומען „פון דער מאָדע", ד. ה. ווערען אָבגעניצט, ניט מעהר צייט־מעסיג, ניט מעהר פאסיג פאר די פערהעלטניסע.

און דער אגיטאטאָר, אפילו דער גרעסטער, מוז, ווי דער שוישפיעלער, פריהער אדער שפעטער אָבשטארבען. אויב ער לעבט, לעבט ער אויף אזוי ווייט, ווי עס איז דאָ קונסט, ליטעראטור און אויביגער שטאָלץ אין זיין אגיטאציאָנס־ארבייט. די אידעע, די טהעאָריע, וועלכע ער האָט געפרעדיגט איבערלעבט דעם אגיטאטאָר, א שטייגער ווי שעקספיער'ס „האמלעט", וואס וואלט לאנג געבליעבען אונבעקאנט, אדער ווענוג בעקאנט, אָהן אזא'ן ארטיסט ווי גערריק (1716 ביז 1779), לעבט נאָך היינט, אפשר טאקע דורך די קונסט פון דעם גרויסען שוישפיעלער, אָבער גערריק אליין איז שוין לאנג פערגעסען.

האָט דאָך אָבער לאסאל אנדערע זאכען געשריעבען? אָט דערצו קומען מיר איצט.

---

7

## דער וואוקס פאַר׳ן טויט און נאָכדעם.

ווען מארקס איז געשטארבען איז נאָך איהם געבליעבען דער ערשטער באַנד „קאַפּיטאַל״, עטליכע בראָשורען און זיין ערשטע קריטיק פון די פּאָליטישע עקאָנאָמיע. ביסלעכווייז זיינען זינט דעם יאָהר 1883 ארויסגעקומען די צוויי אַנדערע בענדער פון „קאַ־פּיטאַל״, די 4 בענדער „טהעאָריען איבער דעם מעהרווערטה״, די 3 בענדער נאָכגעלאָזענע שריפטען, מארקס׳עס קאָררעספּאָנדענץ מיט פריעדריך ענגעלס אין 4 בענדער, און איינינע קלענערע זאַ־כען. אין דער ארויסגאבע פון די דאָזיגע שריפטען האָבען זיך מתעסק געווען פריעדריך ענגעלס („קאַפּיטאַל״ 2 און 3), קאַרל קאַוטסקי (מעהרווערטה־טהעאָריען), פראַנץ מעהרינג (נאַכלאַס), אויגוסט בעבעל און עדוארד בערנשטיין (קאָררעספּאָנדענץ).

די הויפּט ארבייט פון מארקס איז, ווי מען זעהט, בעקאַנט גע־ווארען ערשט נאָך זיין טויט.

כמעט אַלץ, וואס איז ארויסגעקומען פון לאַסאַל׳ס פעדער איז געווען געדרוקט ביים לעבען. די איינציגע וויכטיגע אויסנאהם איז, אזוי ווייט ווי מיר איז בעקאַנט, דער באַנד בריעף, געשריע־בען צו מארקס און ענגעלס, ארום וועלכע מיר וועלען באַלד רעדען. לאַסאַל׳ס לעבענסווערק איז געווען פאַרטיג און אָבגעשלאָסען איי־דער ער איז געשטארבען אויף דעם אונגליקליכען דועל אין 1864.

בריעף פון לאַסאַל זיינען, איבריגענס, אויך ערשיענען נאָך זיין טויט חוץ די נאַר־וואָס דערמאָנטע צו מארקס — און אויך לאַסאַל׳ס „טאַגעבוך״. פון די בריעף זיינע, האָט בערנשטיין ארויסגעגעבען די, וואס לאַסאַל האָט געשריעבען צו זיינע שוועס־טער און עלטערן; אויך בריעף צו ראָבערטוס, האנס בילאָוו, צום דיכטער הערוועג און צו סאָפיע סאָלנצעווא (געשריעבען אין פראַנ־צויזיש). א בעדייטענדען ווערטה פאר די געשיכטע פון דער סאָ־ציאַלער בעוועגונג האָבען, פון דעסטוועגען, בלויז יענע, וואס מעהרינג האָט ארויסגעגעבען אין דעם אויבען־דערמאָנטען באַנד. לאַסאַל׳ס הויפּט ארבייט איז בעשטאַנען —

ערשטענס אין זיין „העראַקליט״, א פילאָזאָפיש ווערק וואס איז ערשיענען אין 1857 און זיין „סיסטעם דער ערוואָרבענען

רעכטע", געדרוקט פיער יאָהר שפּעטער, פאר דעם אָנפאנג פון דער גרויסער אגיטאציע, און

צווייטענס, די פּאָליטיש־סאָציאַלע בראָשורען, פאַרשטענ־דיג די גרויסע רעדעס, וואס ער האָט געהאלטען אין פערשיעדענע צייטען. דאן זיין היסטאָרישע דראמא „פראנץ פאָן זיקינגען".

די אַלע, אפילו די בראָשורען, זיינען געווען געדרוקט און ארויסגעגעבען (געפּאָבלישט) פאר זיין טויט. לאַסאַל האָט געהאט א טבע צו לאָזען דרוקען זיינע רעדעס, מאנכע פון זיי נאָך איידער ער האָט זיי געהאלטען.

הייסט עס, אז בעת מארקס איז ביםלעבווייז נאָך זיין טויט אויסגעוואקסען, איז לאַסאַל'ס לעבענסווערק געווען כמעט אין גאנצען פאר דער וועלט איידער ער האָט צוגעמאכט זיינע אויגען.

און וואס איז דער רעזולטאט?

מארקס'עס שריפטען האָבען יעדע בעזונדער געהאָלפען פער־אויביגען זיין גרויסען בנין, די, בעפעסטיגענדיג דעם פונדאמענט, יענע, ארויפלעגענדיג נויטיגע שינדלען אויפ'ן דאך, אן אַנדערע צובויענדיג אָפּט א גאנץ נייעם פליגעל, א טויער, א קעלער, א צאהם.

לאַסאַל'ס האָבען בלויז געהאָלפען ארויסברענגען קלאָרער, דייטליכער, אויסגעפּרעגטער זיין גרויסע פערזענליכקייט. וואס איז שייך צו דיביידע גרויסע ווערק „הערַאקליט" און „דאָס סיס־טעם דער ערוואָרבענען רעכטע" זיינען זיי היינט בלויז בעקאנט ביים גרויסען עולם וויל זיי זיינען לאַסאַל'ס שריפטען.

און דוקא דאָ האָבען מיר א מעגליכקייט קלאָר צו פערשטעהן דעם אונטערשיעד צווישען מארקס און לאַסאַל.

וויל וויסען דארף מען, אז די ביידע הויפּט ווערקע פון לאַ־סאַל האָבען געמאכט א מורא'דיגען איינדרוק אין דער געלערנטער וועלט פון דייטשלאַנד. לאַסאַל האָט מיט אמאָל געקראגען א „שטאָט" אין דעם מזרח־וואנד פון דייטשלאַנד'ס געלעהרטען־טעמפּעל דורך זיין „הערַאקליט" און אין 1861 איז עך דאָרטען געווארען א גאַנצער תקיף דורך זיין „סיסטעם דער ערוואָרבענע רעכטע".

אָבער די דאָזיגע ווערק זיינען געווען מעהר צו ווייזען וואָס ער קען, איידער צו גרינדען א „שולע" צו מאכען תלמידים און

נאָכפאָלגער, ווי דאָס טוט יעדע גרויסע וויסענשאַפטליך־ליטעראַרי־שע ערשיינונג.

אין מיינע קינדער יאָהרען, געדענק איך, האָב איך אין מיין פאָטער'ס הויז געפונען א „צפנת פענח", א העברעאישע אַריפּ־מעטיקע, געשריבען אין דעם סטיל פון בטלנים, וואס שרייבען „תורה".

מיר איז דער ספר פאַרגעקומען כמעט קאָמיש און איין טאָג האָב איך געזאָגט צו מיין פאָטער, איך גלויב ניט, אז אימיצער קען זיך פון דעם בוך אויסלערנען אַריפמעטיקע.

„דער מחבר האָט דאָס אויך ניט געגלויבט", האָט מיין פאָ־טער מיר שמייכלענדיג געענטפערט. „אלץ וואס ער איז אויסען געווען איז, אז מען זאָל וויסען, וואס פאר א בעל־חשבון דער צפנת פענח איז געווען".

און אין א געוויסען זין איז דאָס דער פאַל ביי לאַסאַל'ס גרויסע ווערקע.

לאַסאַל איז געווען בטבע ניט א בוך־מענש, נור איינער וואס האָט אי דעם וואונש, אי די ענערגיע, אי די גייסטיגע כוחות צו ווערען מעכטיג, גרויס, א פיהרער פון מענשען. אלץ וואס ער האָט געטאָן ביז ער האָט אויפגעהויבען די רויטע פאָהן אין זיין „קעמפיין" פאר דעם דייטשען פּראָלעטאַריאַט אין 1862 איז גע־ווען כדי צו ווייזען דעם עולם וואס ער איז, און וואס ער קען. דעם כאַראַקטער האָט געטראָגען זיין אכט־יאָהריגער קאַמפּף פאר די גרעפין האַצפיעלד; זיין איבערראַשען די געלעהרטע וועלט מיט דעם „העראַקליט", א ווערק, וואס איז פאר א סך מענשען געווען א וואונדער; זיין שפּיעלען א פּאָליטישע פּאַרטיע שאַך מיט דעם גרויסען ביסמאַרק און אפילו זיין „סיסטעם דער ערוואָר־בענען רעכטע".

דער איד, דער רעוואָלוציאָנערער איד און דערצו נאָך אין רעאַקציאָנערע צייטען, ווען ער האָט אין בערלין ניט געטאָרט וואוינען, האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו בעזיעגען אלע שטע־רונגען, איינצוברעכען אלע ראָגאַטקעס, צו שווימען, דערשווימענ־דיג, געגען דעם מעכטיגען שטראָם פון פּרייסישע פּאַראורטהיילע און פּרייסישען יונקער־שטאָלץ, און ביז צו א געוויסען גראַד האָט זיך איהם דאָס איינגעגעבען.

אלץ וואס ער האט אויפגעטאן, איז דערפאר געווען א מי־טעל צום צוועק. זיי ווייזען ווער איך בין — זיי, די פערדאמטע פיליסטער! איז געווען זיין מאטא.

און ער האט געוויזען, אבער זיינע ווערק זיינען דאס, ווי זיי זיינען דא כאראקטעריזירט געווארען.

בעת מעשה איז מארקס געזעסען אין לאנדאן און האט גע־שריעבען, זיך ניט קימערענדיג וועגען דעם וואס די גרויסע, די געלעהרטע וועלען פון זיין ארבייט דענקען. ער האט געבויט, לעגענדיג א ציגעל אויף א ציגעל, איבערלאזענדיג פאר אנדערע, ספעציעל פאר זיין פריינד ענגעלס צו קאנטשענען די ארבייט, געברויכענדיג זיין — מארקס׳עס — מאטעריאל.

און דער רעזולטאט? זיין ווערק האט איהם אריבערגעלעבט, וועהרענד לאסאל האט כמעט אריבערגעלעבט זיין ווערק, הגם ער איז געשטארבען 39 יאהר אלט.

---

8

## זייערע בריעף.

ביז איצט האבען מיר גערעדט וועגען מארקס און לאסאל ענטוועדער זיי פערגלייכענדיג איינעם מיט דעם אנדערען, אדער אבשעצענדיג דעם ווערטה פון יעדערן בעזונדער פאר די בעווע־גונג.

וואס מיר האבען איצט צו טאן, איז צו שילדערן, ארויסכא־פענדיג איינציגע עפיזאדען, זייער פערהעלטניסע, זייער גייסטיגע פערבינדונג. איך זאג: איינציגע עפיזאדען, ווייל דאס צו טאן גרינדליך וואלט מען דארפען שרייבען א בוך, ווי עס וועט באלד קלאר ווערען פון דאס, וואס קומט.

און דאס איז ניט שווער. ווי אזוי מארקס האט זיך געהאל־טען צו זיין איינגערן חבר, און פערקעהרט, דארפען מיר ניט פרעגען ערגיץ א דריטע פערזאן, וואס האט געקענט שטעהן נאהנט צו ביידען. דערצו האבען מיר די בריעף פון לאסאל צו מארקס, וועלכע מעהרינג האט ארויסגעגעבען — מיט מייסטערהאפטע ער־קלערונגען — אין דעם יאהר 1902. די בריעף זיינען 75 אין צאהל און ציעהען זיך דורך 13 יאהר, פון 1849 ביז 1862.

די דאָזיגע בריעף וואָלטען נאָך געהאַט א גרעסערע בעדייטונג ווי זיי האָבען איצט פאַר אונז ווען מיר וואָלטען געהאַט ניט בלויז אלץ וואס לאַסאַל האָט אין יענע יאָהרען געשריעבען צו מאַרקס'ען, נור אויך מאַרקס'עס בריעף צו לאַסאַל'ען. צום אונגליק זיינען זיי בעהאַלטען ערגיצוואו ביי דער דייטשער רעגיערונג, אָדער ביי פּערזאָנען, וואס שטעהען ניט ווייט פון איהר. געקומען איז דאָס אויף דעם פאָלגענדען אופן:

די גרעפין האַצפעלד, פאַר וועלכע לאַסאַל האָט געקעמפּפט אין די געריכטען גאַנצע אַכט יאָהר געגען איהר טיראַנישען מאַן, האָט איבערגענומען אַלע זיינע איבערגעלאָזענע פּאַפּיערען נאָך זיין טויט. די גרעפין, מיט צוואַנציג יאָהר עלטער פאַר איהם, איז אויך ניט לאַנג געבליעבען אויף דער וועלט און איהר ליטעראַרישער אוצר איז אריבערגעגאַנגען אין די הענד פון איהר זוהן. דיעזער, גראַף האַצפעלד, איז אין אָנהויב געווען ראַדיקאַל, איז אָבער נאָך לאַסאַל'ס טויט אוועק דעם וועג פון אַלע גראַפען און איז דער־גאַנגען ביז די הויכע מדרגה פון א דייטשען אַמבאַסאַדאָר אין ענג־לאַנד. איצט איז ער, דאַכט זיך, אויך טויט, און לאַסאַל'ס לי־טעראַרישע ירושה, דאַרונטער דער פּאַק בריעף פון מאַרקס'ען, איז ביז היינטיגען טאָג בעהאַלטען אין אַן אָרט ערגיצוואו, פון וואַ־נען די רעוואָלוציע אליין וועט עס ווען עס איז אַרויסראַטעווען.

דערפאַר האָבען מיר בלויז איין צד פון א קאָררעספּאָנדענץ, וועלכע איז דער וויכטיגסטער לעבעדיגער דאָקומענט פון דער גע־שיכטע פון אונזער בעוועגונג, און דער בעסטער שליסעל צו דער פּסיכאָלאָגיע פון דיביידע צענטראַל־זיילען פון דעם מאָדערנעם סאָציאַליזם. א סך לערנען מיר פון דעסטוועגען פון דעם איין צד אויך, ד. ה., פון לאַסאַל'ס בריעף צו מאַרקס'ען, וועלכע מאַרקס האָט אונז געלאָזען בירושה ווען ער איז אוועק פון דער וועלט. די בריעף זיינען צונויפגעקליעבען און צונויפגעשטעלט געוואָרען פון ענגעלס און מאַרקס'עס איינגסטע טאָכטער עלעאָנאָרע. אַרויס־געגעבען האָט זיי שפּעטער פראַנץ מעהרינג, ווי די לעזער וויי־סען שוין.

ערשט מיט עטליכע יאָהר צוריק (אינ'ם זומער פון 1913) זיינען בעקאַנט געוואָרען צוויי בריעף, וואס מאַרקס האָט געשריע־בען צו לאַסאַל'ען. די דאָזיגע בריעף האָט גוסטאַוו מאַיער, דער

מחבר פון „סאָציאַלע בעוועגונגען און טהעאָריען אינ'ם 19טען יאָהרהונדערט", געפונען אין א מאַנוסקריפּטען־זאַמלונג אין בער־לין. ביידע קומען פון ענגלאַנד. זיי זיינען דאַטירט: דער ערש־טער, לאָנדאָן, דעם 28טען יולי, דער צווייטער — מאַנטשעסטער, דעם 8טען נאָוועמבער 1855.

צו די צוויי בריעף וועלען מיר אפשר נאָך צוריקקומען. דאָ בעט זיך אָן איינלייטונג פאַר דעם לעזער צו דעם באַנד, וואָס מעה־רינג האָט אַרויסגעגעבען, כדי קלאָרער צו פערשטעהן ווי אַזוי די קאָררעספּאָנדענץ האָט זיך אָנגעהויבען. דאָס וועלען מיר נור קענען געבען אין עטליכע קורצע ווערטער:

נאָך דער רעוואָלוציע פון 1848 איז באַלד געקומען די קאָנטר־רעוואָלוציע, מיט דער שרעקליכער רעאַקציע, פון וועלכע אונזערע לעזער קענען זיך מאַכען א בעגריף, זיך דערמאָנענדיג אָן די סטאָ־ליפּין־הערשאַפט נאָך די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע פון 1905.

אין יענער צייט זיינען אַרעסטירט געוואָרען אין קעלן (פּריי־סען) מאַרקס, שאַפּער און שניידער; אין דיסעלדאָרף (אויך אין פּרייסען) לאַסאַל, קאַנטאַדאָר און ווייערס, אַן אַרבייטער. די ערשטע דריי האָט מען פריינעשפּראָכען און פריינעלאָזען, לאַ־סאַל'ס מיט־אַרעסטאַנטען אויך, איהם אַליין אָבער האָט מען גע־געבען זעקס חדשים טורמע.

א קורצע צייט שפּעטער איז מאַרקס, צוזאַמען מיט ענגעלס, ווילהעלם וואָלף (וועמען מאַרקס ווידמעט זיין ערשטען באַנד „קאַ־פּיטאַל"; וואָלף ווערט אין די בריעף פון מאַרקס און ענגעלס אָפט דערמאָנט אַלס „לופּוס": וואָלף אין לאַטיין) דער דיכטער פריי־ליגראַטה און אַנדערע, אויסגעוואַנדערט קיין ענגלאַנד. לאַסאַל אָבער איז קיינמאָל אויף לאַנג ניט אַוועקגעפאָהרען פון דייטש־לאַנד.

## 9

## די שיידונג.

איך וועל קיינמאָל ניט פערגעסען דעם ערשטען איינדרוק, וואָס אויף מיר האָט געמאַכט מאַרקס'עס בעמערקונג וועגען לאַ־סאַל אין דער הקדמה צום ערשטען באַנד פון זיין „קאַפּיטאַל".

דאָס איז געווען אין 1877 אין קעניגסבערג (פּרייסען). חוץ דעם „18 ברומעייר״ און א פּאָר קליינינקייטען האָב איך פון מארקס'ען גאָר נישט געהאַט געלייענט. מיין הארץ און מיין מח זיינען געווען פול מיט לאסאל — זיין לעבען, זיין ליעבע, זיין ווירקען און זיין טויט — און אַלץ, וואס איך האָב געקראַגען צו לעזען פון איהם און וועגען איהם האָב איך ממש פערשלונגען. ער איז געווען מיין העלד, מיין גרויסער העלד, און דערביי איז אין פאָלק נאָך געווען פריש זיין אָנדענקען: ער איז ערשט געווען 13 יאהר טויט. איך בין שטענדיג געווען אין קרייזען פון לאַ־סאַלעאַנער, ד. ה., ברענעריגע חסידים פון דעם גרויסען פיהרער און איך האָב איהם ליידענשאַפטליך געליעבט — יע, געליעבט, אין דעם פולען זין פון דעם וואָרט, מיט'ן גאַנצען הארצען.

און מיט אמאָל, ביי דער ערשטער בעקאַנטשאַפט מיט מארקס'עס גרויסען ווערק, דערזעה איך גלייך אויף דעם ערשטען בלאַט א בעשולדיגונג, אז „פּ. לאַסאַל״ האָט איהם, מארקס'ען, בע'גנב'עט, נעהמענדיג זיינע עקאָנאָמישע לעהרען מיט די ווער־טער, מיט אַלעמען און ניט זאָגענדיג פון וואנען ער האָט דאָס גע־נומען. נאַטירליך, איז דאָס עדעל אויסגעדריקט און מארקס ענט־שולדיגט איהם, כלומר'שט, דערמיט, וואס דאָס האָט מסתמא גע־מאכט נויטיג די אַגיטאַציע און אזוי ווייטער. אָבער מיר האָט גענומען יאָהרען איבערצוקומען דעם ערשטען „שאָק״ און צו בע־זיעגען אין זיך דעם פּאַראורטהייל געגען דעם גרויסען רבי'ן אונ־זערן אלס א מענש. דערמיט, פאַרבייגעהענדיג, ערקלערט זיך, וואס מיר האָט זיך ניט געוועלט געהן זעהן מארקס'ען אין די פיער יאָהר וואס איך האָב געהאַט צוגעבראכט אין ענגלאַנד איידער ער איז געשטאָרבען. מארקס האָט יענע פיער יאָהר ניט בלויז גע־לעבט אין לאָנדאָן א גרויסען טהייל יעדען יאָהר, נור ער האָט כסדר געהאַט בעזוכער פון אונזער קאָלאָניע אין זיין הויז.

אנקעגען וואס דערצעהל איך דאָס?

נו, כדי ארויסצוברענגען דעם פאַקט, אז אין יענע צייטען און עטליכע יאָהר שפּעטער, האָט מען גערעדט וועגען לאַסאַל און מארקס כמעט שטענדיג אלס שונאים, בעת אין אמת'ן איז קיין שנאה צווישען זיי קיינמאָל ניט געווען. ווי מיר וועלען באלד זעהן, זיינען זיי יאָהרענלאַנג געווען אינטימע פריינד. לאַסאַל האָט

בעטראַכט מאַרקס'ען מיט אַ געוויסען גראַד פון בושה, ווי מען האָט פאַר אַן עלטערן (אין יאָהרען און אין תורה), האָט איהם געהאָלפען אין יעדער בעציהונג, אַפּט מיט געלד. לאַסאַל איז בדרך כלל געגאַנגען אין מאַרקס'עס וועגען, הגם אימער זעלבסטשטענדיג, קיינמאָל ניט בלינד פאָלגענדיג, קיינמאָל ניט אונטערדריקענדיג זיין אייגענע מיינונג, אויף אַ רגע ניט פערגעסענדיג זיין אייגע־נעם ווערטה, און, אלס פּראַקטישער טוער, זיך שטענדיג האַלטענדיג פאַר דעם וויכטיגערן פון ביידע.

און דאָס גופא, וואס ער איז געבליעבען אין דער היים, אויף דער וואך, כסדר זיך בעשעפטיגענדיג אלס פיהרער, ועגווייזער, לעהרער מיט די דייטשע ראַדיקאַלע ארבייטער, איבערהויפּט די פערפאָלגטע יונגע תלמידים פון מאַרקס'עס חדר; אָפט זיי האַל־טענדיג ביי זיך, אין זיין הויז, זיי שיצענדיג געגען די פּאָליציי, — דאָס גופא האָט געגעבען לאַסאַל'ען דעם געפיהל, אז איצט, ווען זיינע עלטערע חברים זיינען מעהר ניטאָ אין דייטשלאַנד, איז ער דער „הויפּט" פון דער פּאַרטיי (אונבעדייטענד ווי זי איז דאמאלס געווען לגבי די שפּעטערדיגע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וועלכע ער אליין האָט געגרינדעט) און, אויף דעם אופן, וואס מען וואלט רו־פען אַ מענש, אַ גאַנצער מענש, וואָס שטעהט אויף די אייגענע פיס און הערט אן עצה, אָבער לאָזט זיך ניט זאגען קיין דעה.

און ווען איהר לייענט זיינע בריעף צו מאַרקס'ען זעהט איהר בחוש ווי לאַסאַל וואקסט אויס, וואקסט אריבער אלס פּראַקטיקער ניט בלויז מענשען ווי ענגעלס, וואָלף (וועלכער, לאָמיך דאָ בע־מערקען, איז געשטאַרבען מיט אַ האַלב יאָהר פריהער ווי לאַסאַל) און די אַנדערע, נור אפילו דעם רבי'ן אליין; איהר זעהט ווי ער וואקסט פון יאָהר צו יאָהר און ווערט אַלץ מעהר און מעהר אונ־אבהענגיג, זעלבסטשטענדיג, אַ פיהרער אויף „זיין אייגענע רעכ־נונג און געפאַהר", ווי די סוחרים זאגען.

און דאַן זעהט איהר, ווי די צוויי חברים געהען זיך ביסלעכ־ווייז מעהר און מעהר פאַנאַנדער, אַלץ מעהר, וואס גרעסער עס ווערט די שיידונג צווישען זיי; וואס מעהר, וויל איך זאגען, דער אינגערער חבר געהט זיין אייגענעם גאַנג, אין זיינע אייגענע וועגען, געגען דעם ווילען פון דעם עלטערן.

איהר זעהט אזא פערהעלטניס זעהר אפט אין דעם טעג־

ליכען לעבען. יעדער פון די לעזער האָט דאָס געוויס געזעהן ווען ניט אליין דורכגעלעבט. יעדער ראש ישיבה דערלעבט דאָס מיט דעם גאונישען ישיבה בחור, וואס איז ארוים פון יענעם׳ס רשות, און איז געווארען א מענש פאר זיך, אמאָל א גרעסערער חריף ווי דער אמאָליגער רבי. און דאָס ווערט לאנגזאם, טריט ביי טריט, גאנץ אונבעמערקבאר. און דער ראש ישיבה קען פשוט ניט פערשטעהן וואס דאָ טוט זיך. חיים׳קע איז א ר׳ חיים, און מענשען האַלטען איהם פאר א גאנצען „סאם־כאזיאאין" און דער געוועזענער תלמיד איז גאָר חולק אויפ׳ן רבי׳ן, איז מתיר, וואס יענער אסר׳ט, מאכט כשר וואס ביין אלטען איז טריף... און דאכט זיך ווי לאנג צוריק האָט ער זיך אויפגעשטעלט ווען דער רבי איז אריינגעקומען !

אָט דאָס, און ניט מעהר ווי דאָס, האָט פאסירט צווישען קאַרל מארקס און דעם אינגערן פערדינאַנד לאַסאַל. קיין אָפענע מחלוקת (און ווער רעדט: שנאה!) איז צווישען זיי קיינמאָל ניט געווען. זיי זיינען קיינמאָל ניט געווארען שונאים איינער דעם אנדערן. אין 1862, לאַסאַל אין דייטשלאנד און זעהר „ביזי" אין דער אַגיטאַ־ציע און אין געריכטען מיט אַלערליי פּראָצעסען איהם הענגענדיג איבערן קאָפּ, מארקס דאגעגען אין לאָנדאָן, ארבייטענדיג און קעמפפענדיג מיט דעם ביטערן דלות, זיינען זיי זיך איינפאך פאנאנדערגעגאנגען. דאָס איז אלעס.

אין דעם פאנאנדערגעהן האָט געשפּיעלט א ראָלע פריעד־ריך ענגעלס, וועלכער האָט ניט גערן געזעהן ארום זיין מארקס׳ען קיין אנדערן, וואס זאָל זיין זעהר „אינטים" מיט איהם. עס איז דאָ פיעל צו רעדען וועגען דעם פערהעלטניס פון ענגעלס צו מארקס׳ען, אָבער דאָ וועט גענוג זיין צו זאגען, אז ענגעלס האָט אין אַלצדינג געשטימט מיט מארקס׳ען, ווייל ער האָט געדענקט מיט מארקס׳עס מח און האָט סתם ניט געהאט פיעל אייגענעס. ער האָט דערפאר געפיהלט לאַסאַל׳ס ארויסגעהן אין זיין אייגענעם רשות ווי א זינד געגען מארקס׳ען און האָט אפשר געהאָלפען די צוויי גרויסע מענער זיך שיידען.

איך וויים, פיעלע וועלען זעהן אין מיינע ווערטער וועגען ענגעלס׳ען אפיקורסות. דער ענגעלס־קולטוס איז אלע מאָל געוועזן אביסעלע קאָמיש; קיינער האָט דאָס

ניט פערשטאַנען בעסער ווי ענגעלס אליין, — ער, טאקע ניט קיין גרויסער מאַן; ניט אַ מאַן פון מאַרקס'עס „סאַיז און נאַמבער", אָבער אַ גרינדליכער, בעשיידענער מאַן, וואס האָט פון זיך קיינמאָל ניט געבלאָזען און האָט קיינמאָל ניט פרעטענדירט צו זיין עפּעס מעהר ווי מאַרקס'עס אינטימסטער פריינד, ער האָט זיין פריינד פערשטאַנען פריהער, גרינדליכער און בעסער ווי אַ סך אַנדערע און דאָס איז אליין שוין זעהר פיעל.

---

10

## אַ האָסטיגער בליק אין היסטאָרישע בריעף.

און איצט, קומענדיג צו לאַסאַל'ס קאָררעספּאָנדענץ מיט מאַרקס'ען, וועט ניט נויטיג זיין צו פערקריעכען אין זעהר ווייטע דרכים, אויב מיר זאָלען ניט ארויסגעהן פון דער ראַהמען פון אַ קורצע אָבהאַנדלונג. אַ קורצער איבערבליק איז אַלץ, וואָס דער לעזער קען ערוואַרטען.

לאַסאַל'ס ערשטע צוויי בריעף זיינען דאַטירט: דיסעלדאָרף דעם 28טען פעברואַר און 26 טען מערץ 1849. ער האָט געמוזט שרייבען דיסעלדאָרפער געפענגנים, ווייל דאָרטען אין אַסטראָג איז ער דאַן געזעסען. דאָס איז די צייט, ארום וועלכע מיר האָבען פריהער גערעדט.

דער אינהאַלט פון דיעזע צוויי בריעף איז כמעט אין גאַנצען פערנומען מיט דעם פּראָצעס, ווייל דאָס איז לאַסאַל געזעסען אין „אונטערזוכונגס־האַפט" איידער עס איז געקומען צו דער פּראָ־צעס־פערהאַנדלונג (צום טרייעל) אין געריכט.

אין דעם דריטען בריעף (פון אָקטאָבער דעם 24טען 1849) קומט פאַר אַ שטעלע, וואס טראָגט אין זיך דעם שטעמפּעל פון זיין שפּעטערען פּראָגראַם פאַר די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און איז דערפאַר מעהר ווי אינטערעסאַנט.

ער רעדט וועגען דעם אויפשטאַנד און דעם דורכפאַל אין אונ־גאַרן. ער בעהויפּטעט, אַז שולדיג איז דאָרטען געווען אין דעם די נאַציאָנאַלע פּאַרטיי. דערפון און פון די פּאַסירונגען אין דייטש־לאַנד אין 1848 און 1849 האָט ער ביי זיך פעסט בעשלאָסען, אַז קיין קאַמפּף אין אייראָפּא וועט ניט זיעגען „סאָידען ער איז פון

אָנהויב אָן אויסגעשפּראָכענער אַ ר י י ן ס אָ צ י אַ ל י ס ט י־ ש ע ר..." די לעצטע צוויי ווערטער זיינען אין אריגינאַל אויך אונטערגעשטריכען. „ארבייט אָדער טויט!" זאָגט ער ווייטער, דאַרף זיין די פּאַראָלע, ווי אין יוני 1848.

דעם 7טען יוני 1850 שרייבט ער אַ זעהר אינהאַלטסרייכען בריעף צו פרוי מאַרקס, מיט וועלכער ער שיינט צו האָבען קאָררעס־פּאָנדירט רעגעלמעסיג אין יענער צייט. דער בריעף צו פרוי מאַרקס איז, ווי עס ווייזט אויס, אַן ענטפער אויף איהרען. צום שלום „פּראָטעסטירט ער פייערליך" געגען דעם, אז זי זאָל אפשר מיט איהם ניט דירעקט קאָררעספּאָנדירען, אויב מאַרקס אליין שרייבט צו איהם. „דאָס, זאָגט ער, וואלט געווען אַ צו טייערער פּרייז, אַ פ י ע ל צו טייערער פּרייז פאר מיר צו צאָהלען פאר מאַרקס'עס בריעף."

מיט פרוי מאַרקס האָט ער שפּעטער אויך קאָררעספּאָנדירט. אין 1853, ווען מאַרקסעס בראָשורע: „ענטהילונגען איבער דען קעלנער קאָמוניסטען־פּראָצעס", אין וועלכען ער און ענגעלס זיי־ נען ניט געווען פערוויקעלט, וויי'ל זיי זיינען שוין געווען אין לאָנ־ דאָן, האָט לאַסאַל צו פרוי מאַרקס געשריעבען זעקס בריעף, וועל־ כע געפינען זיך אין דער זאַמלונג. די בריעף זיינען זעהר פריינד־ ליך, אָבער האָבען אַ ביזנעס־כאַראַקטער. לאַסאַל שרייבט דאָר־ טען וועגען דעם ווי אַזוי צו פיהרען מאַרקס'עס שריפט איבערן גרעניץ, אויסמיידענדיג די פּרייסישע פּאָליציי.

און געגען אַזוי פריינדליך ווי עס זיינען געווען די בעציהונ־ גען פון לאַסאַל צו פרוי מאַרקס, זיינען אויך געווען מאַרקס'עס בעציהונגען צו דער גרעפין האַצפעלד, וועלכע לאַסאַל פלעגט רו־ פען „מוטער" און וועלכע איז דאָס צו איהם טאַקע געווען ביז זיין טויט און נאָכדעם. מאַרקס האָט מיט דער גרעפין נאָך קאָר־ רעספּאָנדירט אין 1862, ווי מען זעהט פון לאַסאַל'ס לעצטע ווער־ טער צו מאַרקס'ען.

לאַסאַל'ס קאָררעספּאָנדענץ מיט מאַרקס'ען נעהמט ארום אַלע מעגליכע פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און וויסענשאַפטליכע פראגען. ער דיסקוטירט מיט דעם עלטערן חבר אפילו פּערזענליכע פראגען. ער איז כסדר מאַרקס'עס אגענט אין דייטשלאַנד, זיין פערוואַלטער, זיין פּאָבלישער — אין דעם פאַל פון מאַרקס'עס ערשטען ווערק

איבער פּאָליטישע עקאָנאָמיע — זיין וועקער און אויפמונטערער און זיין פערעהרער.

די לעצטע בריעף זיינען אייגענטליך בלויז קאַרטען, ווייל לאַסאַל איז דאַן (אין 1862) געווען אין לאָנדאָן. דאָס איז געווען איידער ער האָט זיך אריינגעוואָרפען אין די גרויסע בעוועגונג, צו וועלכער ער האָט איינגעלאַדען מאַרקס'ען, אָבער מאַרקס האָט ניט געוועלט „מיט מאַכען". אין א בריעף צו שווייצערן (לאַסאַל'ס נאַכפאָלגער) אין 1868, פיער יאָהר נאָך לאַסאַל'ס טויט, זאָגט מאַרקס וועגען לאַסאַל'ס אַגיטאַציע פון 1863-1864, שטאַרק קריטיזירענדיג וואָס ער רופט לאַסאַל'ס געמאַכטע פעהלערן: „נאָך א 15 יאָהריגען שלאָף האָט לאַסאַל אויפגעוועקט די ארבייטער-בעוועגונג אין דייטשלאַנד און דאָס בלייבט זיין — לאַסאַל'ס — אונשטערבליכער פערדיענסט."

---

פיעל וואָלט מען קענען ציטירען פון דעם בריעף-וועכסעל, אָבער דער פּלאַץ דערצו וואָלט זיין אין א ביאָגראַפיע פון לאַסאַל. לאָמיך דאָ נור בעמערקען, אז בעת לאַסאַל שרייבט צו ענגעלס'ען צערעמאָניעל „זי", איהם איהרצענדיג, איז ער מיט מאַרקס'ען די גאַנצע צייט פּער דו.

איך האָב אויבען געזאָגט, אז פון מאַרקס'עס בריעף צו לאַסאַל'ען זיינען מיט עטליכע יאָהר צוריק געפונען געוואָרען צוויי. צו געבען אונזערע לעזער א בעגריף פון זייער האַררעספּאָנדענץ, וועל איך דאָ איבערגעבען (שטעלענווייז) איינעם פון מאַרקס'עס צוויי בריעף און לאַסאַל'ס ענטפער; די פּינטעלעך בעטייטען איבערגעהיפּטע שורות.

## מאַרקס צו לאַסאַל.

„28 יולי 1855 — 28 דיען סטריט, סאָוהאָ, לאָנדאָן.

„ליעבער לאַסאַל!

„איך בין אין די לעצטע איניגע וואָכען אין א קאָטטעדזש „אויפ'ן לאַנד... איך בין נאַטירליך איבעררעשט צו געפינען, אז „דו ביסט אזוי נאָהנט צו לאָנדאָן (לאַסאַל איז געווען אין פּאַריז) „און דענקסט גאָר ניט אַפילו אריבערצוקומען צו אונז אויף עטליכע „טעג. איך האָף דו ועסט א טראַכט טאָן וועגען דעם און דאַן

„וועסטו ענטדעקען ווי קורץ און וואָלוועל די רייזע איז פון פּאַריז
„קיין לאָנדאָן. וואָלטען פראַנקרייך'ס טויערען ניט געוועזן אזוי
„פעסט פערשלאָסען פאַר מיר, וואָלט איך דיר געמאַכט די איבער־
„ראַשונג און וואָלט געקומען צו דיר קיין פּאַריז... דער טויט
„פון מיין קינד האָט מיר מיין הארץ און מיין מח צוטומעלט און
„איך פיהל דעם פערלוסט נאָך אזוי פריש, ווי דעם ערשטען טאָג.
„מיין ארימע פרוי איז אויך אין גאַנצען געבראָכען.
„טאָמער זעהסטו (היינריך) היינע ווידער, לאָז איהם גריסען
„פון מיר.

„דיין קאַרל מאַרקס."

## לאַסאַל צו מאַרקס.

„דיסעלדאָרף, דעם 24טען סעפּט. 1855.
„ליעבער מאַרקס!
„דיין פריינדליכען בריעף, מיט דער הארציגער איינלאַדונג
„צו דיר צו קומען, איז מיר אָנגעקומען אין פּאַריז. איך בין גע־
„וועזען פעסט ענטשלאָסען דיך צו פאָלגען און צו קומען קיין לאָנדאָן
„אויף א פּאָר טעג.... האָב איך אָבער געקראָגען בריעף פון דער גרע־
„פין (האַצפעלד) און איך האָב געמוזט צוריקפאָהרען קיין דייטש־
„לאַנד פריהער ווי איך האָב ערוואַרטעט.... נעקסטען יולי — דאָס
„איז ביי מיר פעסט בעשלאָסען — נעהם איך די ים־בעדער אין
„אָסטענד און דאַן שפּריץ איך אַריבער צו דיר.
„ביי אונז זיינען די צייטען שלעכט. דער יקרות איז גרויס
„און האַלט אין איין שטייגען. דערפון, אז דעם ארבייטער'ס
„ווייַדזשעס זאָלען העכער ווערען איז, דאַגעגען, גאָר נישט צו
„הערען."......
„איך גריס פיעל מאָל און הערצליך דיין פרוי און אַלע מיינע
„לאָנדאָנער פריינד.

„דיין פ. לאַסאַל."

דאָ מוזען מיר זיך אָבשטעלען.

ניו יארק, 1 אַפּריל, 1918.

יצחק אייזיק הורוויטש

# דיא עקאָנאָמישע לעהרע פון קאַרל מאַרקס.

## 1. דער געשיכטליכער מאַטעריאַליזם.

צו יעדער צייט זיינען פאַראַן אין דער וועלט אַ פולע עלוִיים: געלערענטע, פּאָעטען, גלאַט שרייבער, פּאָליטיקער, רעוואָלוציאָנערען, אינזשענערען, געשעפטס־לייט, א. אז. וו. אָבער אמת'ע גאונים, געניאַלע קעפּ, ווערען געבאָרען ניט מעהר ווי עטליכע אין אַ יאָהרהונדערט. די צוויי גרעסטע מענשען וואָס האָבען אויף דער וועלט געהאַט דעם גרעסטען איינפלוס אין דער צווייטער העלפט פון דעם נייגצעגנטען יאָהרהונדערט זיינען געווען טשאַרלז דאַרווין און קאַרל מאַרקס. ביידע האָבען צו דער זעלבער צייט אַריינגעבראַכט אין דעם שכל פון דער וועלט דעם זעלביגען געדאַנק: דאָס די וועלט ענטוויקעלט זיך. מען רופט דאָס די „עוואָלוציאָן". יעדער האָט אויסגעאַרבייט זיין געדאַנק, ניט ווּיסענדיג פון דעם אַנדערען. קאַרל מאַרקס'עס „מאַניפעסט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי" איז ערשיענען מעהר ווי צעהן יאָהר פריהער פאַר דאַרווין'ס ערשטען בוך, אָבער דאַרווין האָט נאַטירליך פון דעם מאַניפעסט ניט געוואוסט.

אַנדערע געדאַנקען, וואָס זיי האָבען אויסגעשפּראָכען, וועלען זיך אפשר אויסווייזען פאַר ניט ריכטיג, אַנדערע וועלען שפּעטערע געלערענטע אויסבעסערען, אָבער דער געדאַנק פון עוואָלוציע וועט בלייבען. דאַרווין האָט עס אַריינגעבראַכט אין די בעטראַכטונג פון דער נאַטור און קאַרל מאַרקס אין די בעטראַכטונג פון דער מענשליכער געזעלשאַפט.

די וועלט שטעהט ניט אויף איין אָרט: די מינים פלאַנצען, די מינים חיות וואָס איהר זעהט היינט, זיינען ניט געווען פאַר הונדערטער טויזענדער יאָהרען צוריק, און זיי וועלען מסתמא ניט בלייבען אַזוי, ווי זיי זיינען היינט, אין הונדערטער טויזענדער יאָהרען אַרום. און אין דער מענשליכער געזעלשאַפט איז אויך אַזוי. אַזעלכע זאַכען וואָס ווייזען זיך אונז אויס אַזוי נאַטירליך, אַז דער שכל קען גאָר ניט פערשטעהן, ווי עס קען זיין אַנדערש, זיינען אויך ניט אימער געווען אין דער וועלט און וועלען אויך ניט אייביג בלייבען ווי זיי זיינען. למשל, דאָס פּריוואַט אייגענטום. די בורזשואַזנע פּאָליטישע עקאָנאָמיע נעהמט אָן, אַז יעדער מענש דאַגה'ט נאָר פאַר זיך אַליין. אָהן אַ פּערזענליכען אינטערעס וואָלט קיי־

נער ניט וועלען ארבייטען. אז מען נעהמט אָבער שטודירען די פארצייטיגע פיהרונג געפינט מען גאָר, אז עס זיינען געווען טויזענדער יאָהרען וואס מען האָט פון פּריוואַט אייגענטום כמעט ניט געוואוסט, אז דער קרעמערשער גייסט איז ניט דער איינציגער טריב פון דער געזעלשאַפט, — עס זיינען געווען צייטען ווען פּערזענליכע אינטערעסען זיינען געווען אונטערגעאָרדענט צו די אינטערעסען פון דעם שבט, פון דער אמונה, פון דעם שטאַאַט. די וועלט האָט זיך געביטען, און אז מען קוקט זיך איין, זעהט מען, ווי זי בייט זיך אימער.

דער גאַנצער לעבען פון דער מענשליכער געזעלשאַפט איז אויפגעבויט אויף ארבייט.

א מענש דאַרף עסען, טרינקען, קליידער, א דירה, א בית המדרש, א מחזור, א לולב, א. אז. וו. דאָס דאַרף מען אלץ מאַכען. אפילו א גאַנץ ווילד פאָלק מוז ארבייטען צו פערשאַפען זיך וואס עס בעדאַרף צום לעבען. וואס עס זאָל ניט זיין דער כאַראַקטער פון וועלכע עס איז מענשליכע בעדערפעניסען, „צי זיי נעהמען זיך, למשל, פון מאָגען, צי פון דער פאַנטאַזיע", ווי עס ווערט געזאָגט אין „קאַפּיטאַל" פון קאַרל מאַרקס, מוז מען האָבען אימיצען וואס וועט טהאָן די ארבייט, ארבייט אָן וועלכער מען קען אפילו דעם אויבערסטען אויך ניט דיענען. ניט ריידענדיג וועגען אזעלכע וואָכעדיגע זאכען ווי ברויט, א קאַפּאָטע, א כאַלופּע, — דעם בית המדרש דאַרף מען אויסבויען, דעם מחזור דאַרף מען דרוקען, אויף דערויף בעדאַרף מען א דרוקערייי, א פּאַפּיר פאַבריק, טינט, א. אז. וו. דעם לולב מוז מען פון ערגעץ ברייננגען צופיהרען. מען דאַרף עס איינפּלאַנצען, אויפהאָדעווען, אויף דערויף בעדאַרף מען א גערטנער און א בעל עגלה. אָט די אלע מלאכות צוזאמען הייסען „פּראָדוקציאָן". יעדערער ווייס, אז היינט צו טאָג ווערט די ארבייט אַנדערש געמאַכט ווי פארצייטען. די וועלט לערענט זיך מאַכען די ארבייט רק בעסער. פערשיעדענע נייע סאָרטען ארבייט ווערען רק אריינגעבראַכט אין דעם מענשליכען לעבען. עס ענטוויקלען זיך די געצייג. עס פערענדערט זיך דורך דעם די איינריכטונג פון דער ארבייט, און מיט דער איינריכטונג פון דער ארבייט ענדערט זיך די איינריכטונג פון דער געזעלשאַפט. די מענשען בשעת מעשה זיינען ביי זיך

אליין ניט קלאָר וואָס עס טהוט זיך מיט זיי און ארום זיי. די פּאָליטישע עקאָנאָמיע איז ניט קיין גאנצע צוויי הונדערט יאָהר אַלט, אָבער די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט האָט זיך געצויגען צעהנדליגע טויזענדער יאָהרען, איידער עס איז די גע־לערענטע איין זינען געקומען צו נעהמען זיך אונטערזוכען דעם עקאָנאָמישען בוי פון דער געזעלשאַפט.

דער גרעסטער טייל פון אונזער לעבען געהט אוועק אין אר־בייטען. די געדאנקען פון דעם מענשען ליגען, ווילענדיג, ניט ווי־לענדיג אין דער ארבייט. ווען אפילו מ׳קומט צוזאמען צו פער־ברייגגען די צייט רעדט מען געוועהנליך „פון שאפּ", ווי דער אמעריקאנער זאָגט. עס איז פאראן א שניידערשער לשון, א בעל עגלה רעדט פון פאסטראָמקעס; קורץ, די אידעען פון דער געזעלשאפט ווערען בעשטימט פון דער פּראָדוקציאָן.

עס געפינען זיך נביאים און פילאָזאָפען, וואס שטעהען ווייט איבער זייערע לאַנדסלייט און איבער זייער צייט. כדי אָבער זיי־ערע אידעען זאָלען האָבען אן איינפלוס אויף די געזעלשאפט, מוזען זיי אָנגענומען ווערען פון די מאסען, וואס זיינען ניט קיין פילאָזאָפען. דערצו מוזען די אידעען ענטוועדער נאָר אויסדריי־קען די אינסטינקטיווע געדאנקען פון די מאסען, אז יעדער זאָל קענען זאָגען: „איך האָב דאָס טאַקע אליין געמיינט אזוי"; אָדער דער פילאָזאָפישער געדאנק, ווען ער ווערט פערברייט צווישען די מאסען, פּאסט זיך ביסלעכווייז צו צו דעם פערשטאַנד פון די מאסען; אָדער ער מאַכט גאָר קיין איינדרוק ניט אויף די געזעל־שאפט און ווערט פארגעסען.

אלזאָ, די אידעען פון א דענקער האָבען נאָר דאן אן איינ־פלוס אויף די געזעלשאפט, ווען ער שפּרעכט אויס דאָס, וואָס ביי אלעמען האָט זיך, אזוי צו זאגען, געדרעהט אויפ׳ן צונג. מיר קומען אלזא צוריק צו די מאסען, וועלכע זיינען ניט קיין פילאָ־זאָפען: זייער דענקען ווערט בעשטימט פון זייער ארבייט, דאָס הייסט פון דעם צושטאַנד פון דער פּראדוקציאָן.

עס דוכט זיך אונז, אז מיר זיינען געפאלען אויף א גלייכען פּלאַן, ווי צו רעוואָלוציאניזירען די וועלט. אויב אָבער דער פּלאן איז טאַקע א גלייכער, דאָס הייסט, אויב ער געפעלט דעם עולם, לאָזט זיך גאָר אויס, אז מיר זיינען געפאלען אויף דעם

פּלאַן נאָר דערפאַר, וואס אַלץ אין אונזער גאנצער פיהרונג האָט אונז געבראכט אויף דעם געדאנק. דאָס הייסט, זאָגט מאַרקס, אז די מענשהייט שטעלט זיך אַלע מאָל אזעלכע אויפגאבען, וועלכע זי קען אויספיהרען, ווארים אז מען זאָל נאָר בעטראכטען, זעהט מען, אז די זאך קומט צום פארשלאָג נאָר דעמאָלט, ווען אַלץ איז שוין אין פאראויס צוגעגרייט דערצו.

דאָס איז דער תמצית פון דעם „היסטאָרישען מאטעריאַליזם”.

די וויכטיגקייט פון דעם געדאנק פאר די געשיכטע פון סאָציאַליזם קען מען נאָר דאן פארשטעהן, אז מען דערמאָנט זיך אָן דעם צושטאנד פון דער סאציאַליסטישער בעוועגונג צו דער צייט ווען מארקס איז ארויסגעקומען מיט זיין טעאָריע. אין פראנקרייך זיינען בעשטאנען פערשיעדענע קלייזלאך פון סאציאַליסטען. יעדער קלייזעל האָט געהאט זיין אייגענע תורה און האָט בעטראכט אַלע אנדערע סארטען סאציאַליזם פאר ניט קיין עכטען סאָציאַליזם. ווען די איינפיהרונג פון סאציאַליזם וואלט געדארפט אָפּהייינגען אָן דעם, אז מען זאָל איינשמועסען דעם עולם, אז דער סאָציאַליזם איז א גלייכע זאך, וואלט די מעשה אויסגעזעהען זעהר טרויעריג: אז איין קלייזעל האָט דעם אנדערען קלייזעל ניט גע־קענט איבערצייגען, טו וואס רעדט מען שוין פון דער זייטיגער וועלט, וועלכע האָט זיך פּראָסט אויסגעלאכט פון אַלע קלייזלעך און זיי אַלעמען גערופען „אוטאָפּיסטען”.

דאָ קומט מאַרקס און זאגט, אז די איינפיהרונג פון סאָציאַליזם וועט ניט דורך דעם קומען, וואָס די סאָציאַליסטען וועלען דרשה׳נען סאציאַליזם, נאָר פונקט פערקעהרט: דאָס וואס מען דרשן׳ט פאר סאציאַליזם איז א סימן, אז די ענטוויקלונג פון דער וועלט האָט שוין געבראכט צו אזא פונקט, אז דער סאָציאַליזם קומט באַלד. דער סאָציאַליזם איז אלזא ניט קיין „אוטאָפּיע”, ניט קיין חלום.

קאַרל מארקס שילדערט די געשיכטע פון די לעצטע עטליכע הונדערט יאהר און ווייזט, ווי עס האָט זיך געביטען די גאנצע איינריכטונג פון פּראָדוקציאָן און ווי אזוי די דאָזיגע ענדערונג פיהרט צו סאציאַליזם. ניט מחמת דער סאציאַליזם איז אזא וויגאָדנער אדער אזא פיינער, אָרענטליכער פּלאַן, נאָר וויי

עס קומט אוים אזוי, מען קען כמעט זאָגען: עס איז „בעשערט" אזוי.

## 2. די וואָרען ווירטשאַפט.

קאַרל מאַרקס הויבט אָן פון יענער צייט ווען עס איז שוין בעשטאַנען אַ געזעלשאַפט מיט פּריוואַט־אייגענטום, מיט האַנדעל, מיט בעלי מלאכות און אזוי ווייטער. עס איז געוועזען אַמאָל אַ צייט, ווען דאָס אַלץ איז נאָך אויך ניט געווען, אָבער וועגען יע־נער צייט דערמאָנט מאַרקס נאָר אַ פּאָר מאָל פאַרבייגעהענדיג. ווי אזוי עס איז געקומען צו יענעם צושטאַנד, מיט דעם האָט ער זיך ניט בעשעפטיגט. ער האָט בעשרענקט זיין אויפגאַבע אויף דעם, ווי אזוי עס איז פון דער געזעלשאַפט פון קליינע סוחרים געוואָרען אַ קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט, וואָס איז איצטער „מעוברת" מיט דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, ווי ער דריקט זיך אוים.

אז מען נעהמט ענגלאַנד אָדער פראַנקרייך אין דעם 17טען יאָהר הונדערט, דייטשלאַנד און אמעריקאַ אין דעם 18טען, האָט זיך די גאַנצע געזעלשאַפטליכע פּראָדוקציאָן געהאַלטען אויפ'ן פּויער: נאָך מיט אַ הונדערט און פופציג יאָהר צוריק איז אפילו אין ענגלאַנד דער גרעסטער טייל פון פאָלק בעשטאַנען פון פּוי־ערים. אומעטום וואו די ערד האָט זיך אפילו גערעכענט, אז זי בעלאַנגט צום פּריץ, האָט ער פאַר זיך געהאַלטען נאָר אַ חלק, דאָס איבעריגע איז געווען צוטיילט צווישען די פּויערים. יעדע פאַמיליע האָט געהאַט איהר אייגענעם שטיקעל פעלד, איהרע אייגענע פערד און בהמות, איהר אייגענע סאָכע, באָראָנעס, א. אז. וו. און יעדער האָט פאַר זיך בעאַרבייט זיין שטיקעל ערד. דעם פּריץ'ס ערד האָבען געאַקערט די זעלביגע פּויערים מיט זיי־ערע פערד, מיט זייערע סאָכעס, א. אז. וו. דער גאַנצער אַקערבוי האָט זיך אַלזאָ געפיהרט אויף אַ קליינעם אופן. אין ווינטער איז פאַראַן ווענינ וואָס צו טהאָן אַרום דעם פעלד. די צייט פלעגט יעדער פּויער בענוצען צו פעררינכטען די סאָכע, דעם וואָגען, דעם פאַרקען, מען האָט געהאַקט האָלץ אין וואַלד, וואו מען האָט גע־מעגט איז מען געגאַנגען אויף פּאָליעוואַניע אויף ווילדע חיות און מען האָט פערקויפט די פעלען. יעדערער האָט געקענט זיך אַרום־

געהן מיט א האַק. אז מען האָט געדאַרפט עפּעס פעררינכטען אין הויז, האָט דאָס דער פויער אליין געטהאָן. און אפילו אז מען האָט געדארפט בויען א שטוב פון דאָס ניי, האָט מען דאָס געוועהנליך געמאכט אליין. די ווייבער האָבען אין ווינטער געשפּונען פלאַקס און וואָלען, געוועבט לייוונט און טוך, גענעהט קליידער און וועש פאַר די גאנצע געזינד. יעדער פויער האָט געקענט א פולע פערשיעדענע מלאכות וואס ווערען היינט צו טאָג געמאכט פון האנד ווערקער אדער פאבריק ארבייטער. א חוץ דעם איז אין דאָרף געווען א מיהל, א קוזניע און בכלל אזעלכע בעלי מלאכות, וואס דארפען אן איינגעאָרדענטען פלאַץ פאַר ארבייט און פיעל געצייג. יעדער פון זיי איז אָבער צו דער זעלבער צייט געווען א פויער, ער האָט געהאט זיינע אייגענע ערד און האָט זי בעארבייט פאַר זיין אייגענעם געברויך. זיין ווייב האָט געבאַקען ברויט, געשפּונען, געוועבט, גענעהט, ווי ביי אַלעמען האָט זיך געפיהרט. עס זיינען ווייטער געווען נאָך אַנדערע פויערים, וואָס פלעגען מאכען זייער סחורה אין דאָרף, למשל, ציגעל, טעפּ, הילצערנע שיסלען און לעפעל און נאָך אַנדערע זאכען, און פלעגען דאָס פיהרען אין מארק אדער אויפ'ן יריד פערקויפען.

דער מארק אדער דער יריד איז געווען גרעסטען־טיילס אין א גרויסען דאָרף. די איינוואָהנער פון דאָרף זיינען געווען פויערים. עס פלעגען זיך צונויפפאָהרען פויערים פון פערשיעדענע נעהענטערע געגענדען און מען פלעגט פערקויפען איינער דעם אַנדערען. קיין גרויסע שטעדט ווי היינט איז צו יענע צייטען ניט געווען. אין די ווענינע שטעדט וואס זיינען געווען האָבען געוואָהנט קרעמער, סוחרים, בעלי אכסניא'ס, שיינקער און בעלי מלאכות וואס האָבען געארבייט אויף שטאָדטישע קונדען און אביסעל אויך פאַר פריצים. אָבער אפילו די שטאָדט האָט נאָך אויך אויסגעזעהן עהנליך צו א דאָרף. פיעלע פון די בעלי הבתים האָבע געהאָדעוועט צו עטליכע בהמות און ציעגען און האָבען געהאט אייגענע מילך און סמעטענע, און צווארעך און פּוטער, מען האָט געהאַלטען הינער, גענז, קאַטשקעס, ענדיקעס, מען האָט געבאקט ברויט אין דער היים. כמעט יעדערער האָט געהאט א גאָרטען. מען פלעגט פערזייען קרויט, באָב, רעטאַך, חריין, אור־

גערקעס, ברוצקע, אלץ וואָס מען בעדאַרף אין הויז. כמעט יע־דערער האָט געהאַט א פערד און פיעלע פלעגען קאָסיען גראָז פאַר'ן פערד ערגעץ אונטער'ן שטאָדט. אנדערע האָבען אפילו געהאַט א שטיקעל ערד און פערזעעט תבואה.

היינט נעהמט דעם פריץ'ס הויף. אין יעדען מאַיאָנטעק איז געווען אָפּגעטיילט א געוויסער חלק, אויף וועלכען די פויערים האָבען געארבייט פאַנשטיזנע. מיט דערמיט איז דער פריץ געווען פערזאָרגט מיט תבואה פאר זיין אייגענעם הויף. צו דערצו האָט ער געהאַט זיינע בהמות, זיינע הינער און אז. וו. ווייטער־צו האָבען די פויערטעס געמוזט ברייגגען אין הויף לייוועגט און נאָך פערשיעדענע אזעלכע זאכען. א חוץ דעם האָט יעדער גרויסער פריץ געהאַלטען ביי זיך אין הויף הונדערטער פויערים און שיקסעס, וואס זיינען געווען אויסגעלערענט אלערליי מלאכות: שניידער, שוסטער, סטאָליארעס, מוליארעס, אפילו מוזיקאַנטען און אקטיארען.

איהר זעהט פון דערפון, אז פיעלעס פון דעם וואס מיר קויפען היינט אין מארק אָדער אין קראָם פלעגט מען אין יענע צייטען מאכען אין דער היים. די אלע זאכען זיינען ניט געווען קיין סחורה. די ארבייט איז נאָך געווען זעהר וועניג צוטיילט אין פערשיעדענע פאכען און אין יעדען פאך האָט יעדער בעל מלאכה געארבייט פאר זיך, געוועהנליך מיט זיינע קינדער, אָפּט מיט איינעם אָדער א פּאָר געזעלען.

פאר פיעלע ארבייטען פלעגט דער פויער בעצאָהלען מיט תבואה, מיט אייער און דערגלייכען, למשל, דעם שמיד פאר אונ־טערקאָווען דעם פערד, אָבער געוויסע זאכען האָט מען שוין פער־קויפט און געקויפט, דאָס הייסט זיי זיינען שוין געווארען „וואארע". דעריבער בעצייכענט מארקס דעם צושטאַנד מיט דעם נאָמען „וואאַ־רען־ווירטשאפט". נעהמט די אלע סאָרטען סחורה וואס בייטען הענט אין מארק אָדער אויף א יאריד; אין יעדע איז אריינגע־לעגט א שטיקעל מלאכה, אלע צוזאמען מאכען זיי אוים די מלאכה פון דעם גאנצען כלל. איהר קענט זיך דאָס פאָרשטעלען אזוי ווי די גאנצע מלאכה פון דעם כלל וואָלט געווען איינגעטיילט צווישען די פערשיעדענע בעלי מלאכות. די פּאָליטישע עקאָנאָמיע רופט דאָס טאָקי אזוי — „ארבייטס־טיילונג". אין דער אמת'ן אָבער

איז דאס ניט מעהר ווי א וויסענשאפטליכער בעגריף. אין מארק טרעפט זיך איינער מיט'ן אנדערען פּראסט ווי א קויפער און א פערקויפער. א בעל מלאכה טרעפט אן א בעל מלאכה אין מארק, נאר ווי איין סוחר דעם אנדערען. און א חוץ ווי אין מארק האבען זיי איינער מיט'ן אנדערען קיין געשעפטען ניט.

אלזא אין א ווארען-געזעלשאפט איז די ארבייט איינגעטיילט אין הויז און איינגעטיילט אין כלל; די נפקא מינא איז אז אין הויז איז די ארבייט איינגעטיילט אויף א געוויסען פּלאן: דער טאטע שניידט צו, דער בחור נעהט צוזאמען, דער אינגעל ציהט ארויס די פאסטריגעס, די מאמע קאכט ווארעמעס, די טאכטער פיטערט די בהמה, — אין דער גאנצער געזעלשאפט אבער, איז די ארבייט ניט איינגעטיילט געווארען אויף קיין פאראויס-געזעהענעם פּלאן, די ארבייטס-טיילונג איז אויסגעוואקסען, ווי עס רעדט זיך „מיט דער נאטור”. איינער איז געווארען א שוסטער, דער אנדערער א שניידער און איינער האט פון אנדערען ניט געוואוסט ביז וואנען זיי האבען זיך ניט געטראפען אין מארק ווי סוחרים.

מיט א יאהר הונדערט, צוויי הונדערט צוריק זיינען דאס געווען גרעסטענטיילס קליינע סוחרים. יעדערער פון זיי האט זיך געדונגען אויף וואס די וועלט שטעהט. האט איהר ווען עס איז געהערט א קירזשנער זאל זאגען עס איז אן עולה אפצודינגען א פּאר גראשען פון דעם באנדער? אזא געדאנק האט קיינעם גאר ניט געקענט איינפאלען. יעדער בעל מלאכה האט געארבייט שווער און ביטער פאר זיינע פּאר גראשען, און פאר וואס קומט עס, דער באנדער זאל איבערצאהלען דעם קירזשנער, אדער דער קירזשנער דעם באנדער? געוועהנליך, אז מען האט זיך שוין בעדונגען ווענען דעם מקח, דעמאלט ניט בעצאהלען וואס מען האט זיך בעדונגען — איז א שווינדעל. אבער אזוי לאנג ווי איין סוחר בעצאהלט דעם אנדערען וואס מען האט אפגערעדט, זיינעןביידע ארענטליכע לייט.

ניט אלע מלאכות קען מען ברייגנען פארטיגערהייט אויפ'ן מארק אדער אין קראם אריין. היטלען קען מען פערקויפען פארטיגע, אז מען דארף אבער מאכען אן אויווען, מוז מען דינגען א מוליאר ער זאל קומען צו אייך אין שטוב און מאכען די ארבייט.

אז מען דארף אונטערקאָווען א פערד, מוז מען גערן צום שמיד. א קאַפּאָטע קען מען אפילו קויפען אין טאַנדעט, אָבער אז מען וויל א רעכטען שבת'דיגען בגד קויפט מען די געוואַנט און מען גיט אָפּ א שניידער, ער זאָל מאַכען צו דער מאָס. היינט לאָמיך אייך פרעגען: איז דאָ עפּעס פאַראַן א נפקא מינה פון קויפען א היטעל א פאַרטיגע און דינגען א מוליאַר ער זאָל אייך אריינשטעלען א הרובקע אין חדר? אויב איינס איז רעכט, איז דאָס אַנדערע אויך יושר. אָדער קען מען זאָגען אז ווען איך קויף א קאַפּאָטע אין טאַנדעט, בין איך א קויפער און דער טאַנדעטניק א פערקויפער; אז איך בעדינג זיך אָבער מיט'ן שניידער דריי רובעל פאַר אויפנעהען, בין איך, הייסט דאָס, דער „עקספּלואַטאַטאָר” און ער, דער שניידער, איז דער „עקספּלואַטירטער”? אזא געדאַנק קען אין יענע צייטען קיינעם גאָר ניט איינפאַלען, גאָר פּראָסט, מחמת יעדען איינעם קומט אוים צו דינגען דעם אַנדערען צו טהאָן א שטיקעל ארבייט.

## 3. דער אָנפאַנג פון לוין־אַרבייט. די טיילונג פון דער אַרבייט אין דער מאַנופעקטור.

אלזא עס איז א וועלט פון קליינע סוחרים, אונאבהענגיגע בעלי מלאכות. פון דערפון לאָזט זיך אוים אָבער, אז עס זיינען פאַראַן בעלי מלאכות וואס געהען ארבייטען פאַר אַן אַנדערען. דער מוליאר וואס געהט מאַכען אַן אויווען ביי'ם קירזשנער אין שטוב, דינגט דעם קירזשנער צו זיך אין שטוב אריין אויפצונעהען א פּיזמענעם פוטער. היינט איז דער קירזשנער דער „בעל הבית” און דער מוליאר איז דער „אַרבייטער”, מאָרגען איז דער מוליאר דער „בעל הבית” און דער קירזשנער דער „אַרבייטער”. ווער איז דאָ דער „לוין־שקלאַף”? א קירזשנער, וואס ארבייט ביי א פּויער אין הויז און קריגט בעצאָהלט פאַר זיין אַרבייט, א חוץ עסען און טרינקען, איז ביי זיך פּונקט אזא פּריץ ווי דער בעל הבית, ביי וועלכען ער ארבייט. דער בעל מלאכה פערלאַנגט פאַר זיין ארבייט וואס מעהר, דער קונד זוכט אָפּצודינגען פון דעם פּרייז, אָבער פון „עקספּלואַטאַציע”, פון „אויסבויטונג” קען מען דאָ גאָר ניט ריידען, ווארים היינט דינגט דער סטאָליער דעם קירזשנער, אויפצונעהען א פּעלץ, און מאָרגען דינגט

דער קירזשנער דעם סטאָליער מאַכען ביי איהם אין שטוב פּאָלי־צעס. עס קען גאָר קיינעם פון זיי ניט איינפאַלען, אז עס וואָלט געווען גלייכער, די שטאָדט־פערוואלטונג זאָל אויף זיך נעהמען צו בעזאָרגען די גאַנצע שטעדטעל מיט פּאָליצעס. יעדער בעל מלאכה האָט זיין אייגענע געצייג און קען אויסקומען אין זיין ארבייט אָהן דער רעגיערונג.

היינט ווען א מוליאר געהט ארבייטען פאר יעדען איינעם וואס דינגט איהם, טאָ וואָס מאַכט איהם אויס צי ער דינגט זיך צו ארבייטען ביי א קירזשנער, אָדער טאַקי ביי א מוליאר, אבי ער קריגט בעצאָהלט זיין פּרייז. אָט אזוי קומט עס צו דערצו אז א בעל מלאכה דינגט אַנאַנדער בעל מלאכה פון דעם אייגענעם פאַך צו ארבייטען אויף שכירות, און ביידע בעטראַכטען עס פאר יושר. עס שטעלט זיך אבער א קשיא: פאר וואס זאָל, למשל, איין שניידער געהן ארבייטען פאר אן אנדערען און ניט פאר'ן קונד גופא?

אן ענטפער אויף דער פראַגע גיט אונז דער בעקאַנטער בייש־שפּיעל פון „מוירטשענט טיילאָר" (קונדען שניידער) אין די שטעדט פון ליטא.

אין יעדער שטאָדט זיינען געווען שניידער וואס האָבען געאַר־בייט פאר קונדען (וואס מ'רופט דאָ „קאַסטום טיילאָרס"). גע־וועהנליך זיינען צווישען זיי געווען אויסגעצייכענטע בעלי מלאכות און אזוי זיך שניידער. ביסלעכווייז זיינען צו די ערשטע קלאַס שניידער איבערגעגאַנגען די בעסטע קונדען פון זייערע קאָנקור־רענטען און זיי האָבען ניט געקענט אליין פאַרטיג ווערען אויפ'ן אַלטען אופן מיט אלע בעשטעלונגען, וואס זיי האָבען געקראָגען. מען האָט געמוזט איינטיילען די ארבייט אין ווערקשטאַט: איינער האָט געמאַכט נאָר הויזען, דער אַנדערער נאָר קאַמיזעלקעס, איינער האָט נאָר געפּרעסט און אזוי כסדר. דורך דעם איז געגאַנגען די ארבייט גיכער און מען ד ט זיך געקענט בענוצען אפילו מיט ניט קיין זעהר גוטע שניידער. און אגב, אז דער אָרימער שניי־דער האָט פערלוירען זיינע בעסטע קונדען, האָט ער זיך בעטראַכט, איידער ארומגעהן ליידיג, וועט ער בעסער געהן ארבייטען ביי דעם „מוירטשענט טיילאָר" און ער וועט אפשר בעסער אויסמאַכען ווי פאר זיך. פון דער אנדער זייט האָט דער „מוירטשענט טיי־

לאָר״ געקענט בעשטעהן צו בעצאָהלען זיינע געזעלען בעסערע שכירות איידער דער אָרעמער שניידער, ווייל ביי דעם „מוירטשענט טיילאָר״ איז די ארבייט געגאַנגען גיכער דורך דעם, וואס זי איז געווען בעסער איינגעטיילט. דער קלענערער בעל מלאכה האָט ניט געקענט אזוי איינטיילען די ארבייט ביי זיך, ווייל ער האָט אפשר סך הכל געהאט איינעם אדער צוויי ארבייטער.

דער פּראָפיט קומט פון קאָאָפּעראַציע*) אין ווערקשטאַט פון דער איינטיילונג פון דער ארבייט. די באַלעבאַטים האָבען אָרגאַניזירט די ארבייט, זיי נעהמען זיך דעם פּראָפיט. דער אר־בייטער בעקומט בעצאָהלט אזוי פיעל וויפיעל ער קען אליין מאַ־כען פאר זיך. דאָס איז דער יושר פון א וועלט פון סוחרים. דער ארבייטער איז אליין אויך א סוחר און ער בעטראַכט דאָס אויך פאר יושר.

אזוי ווערט פּאַמעלעך איינגעפיהרט ארבייט אויף שכירות און אזוי לאַנג ווי מען בעצאָהלט דעם ארבייטער וואס מען האָט זיך בעדונגען, הייסט דאָס מען האָט איהם בעצאָהלט פאר זיין אר־בייט וויפיעל זי איז ווערט.

פון א בעל מלאכה וואַקסט אויס א קליינער קאַפּיטאַליסט מיט א סך ארבייטער אונטער וועלכע די ארבייט איז איינגעטיילט אין ווערקשטאַט גופא. אזא ווערקשטאַט רופט מאַרקס „מאַנופאַקטור״. פון דער מאַנופאַקטור הויבט זיך אן די מאַכט פון קאַפּיטאַל איבער דער ארבייט, וואס מען רופט קאַפּיטאַליסטישע פּ ר אָ ד ו ק צ י א ן. עס זיינען געווען נגידים פאר דעם אויך, אבער דאָס זיינען געווען ענטוועדער פּריצים און הויכע בעאַמטע פון דער רעגירונג וואס האָבען געלעבט פון פּאַנשטשינע און שטייַערען (טעקסעס), אָדער גרויסע סוחרים און מלוים, וואָס האָבען געמאַכט געלט הויפּטזעכ־ליך ארום די פּריצים, אָדער פון דער רעגירונג. נאַטירליך, אזוי צי אזוי, דער פּראָפיט פלעגט סוף כל סוף קומען פון אָרעמאַן, אָבער אין דער ארבייט גופא האָט זיך דער קאַפּיטאַליסט ניט גע־מישט, אלזאָ די פּראָדוקציאָן אליין איז ניט געווען קיין קאַפּיטאַ־ליסטישע.

---

*) ווען מאַרקס רעדט פון „קאָאָפּעראַציע״ מיינט ער דאָס ארבייטען צוזאַמען פון א סך מענשען, וואו איינער קען אָהן דעם אַנדערען ניט אויסקומען אין זיין ארבייט.

נאָר זינט עס ווערט איינגעפיהרט קאָאָפּעראַציע אין שאפּ, הויבט זיך אָן די מאכט פון קאפּיטאל איבער דער ארבייט גופא. דער בעל הבית ארגאניזירט די קאָאָפּעראַציע, און, פערשטעהט זיך, ער אָרגאַניזירט זי פאר זיין אייגענעם תכלית.

אלזאָ, פון דעם ערשטען שריט אָן בעשטעהט דער כוח פון קאפּיטאל אין דעם, וואס ער אָרגאַניזירט די ארבייט אויף א גע־זעלשאפטליכען פּלאַן. וואס מעהר עס וואקסט דער געשעפט, וואס מעהר בעשטעלונגען דער פאבריקאנט קריעגט, אלץ מעהר ווערט די ארבייט איינגעטיילט. די ארבייט איז איינגעטיילט צווישען צעהנדליגער ארבייטער און יעדער טהוט נאָר איין ספּע־ציעלע מלאכה. די גאנצע מאנופאקטור איז ניט מעהר ווי א גרויסע לעבעדיגע מאשין, וואס בעשטעהט פון א סך לעבעדיגע שרייפלאך און רעדלאך, יעדער ארבייטער איז ניט מעהר ווי א פּיצינקער שרייפעל אָדער א קלייניגקע רעדעלע.

## 4. די מאַשין־אינדוסטריע:

ווען די ארבייט איז געווארען אזוי איינגעטיילט, זיינען די געצייג אויך געווארען איינגעטיילט אין פערשיעדענע סארטען. א פּערצייטיגער שמיד האָט גענוצט די זעלביגע צוואנגען פאר אלערליי מלאכות. ווען די ארבייט איז געווארען איינגעטיילט אין פּיץ־ברעקלעך, איז פאר יעדע שטיקעל ארבייט נויטיג געווארען א בעזונדערע צוואנג, און נאטירליך האָט מען זיי געקענט בע־סער צופּאסען צום מאָס, ווי מען דארף פאר יעדע ארבייט. דורך דעם איז דער אונטערשיד צווישען א מאנופאקטור און א קליינעם בעל מלאכה געווארען נאָך גרעסער. ווייטער, ווען די ארבייט איז געווארען אזוי איינפאך, אז איינער האָט געצויגען דעם דראָט, דער אנדערער האָט געשניטען, דער דריטער האָט געשליפען דעם שפּיץ און אזוי בסדר, איז שוין זעהר לייכט געווארען פאר אזעל־כע איינפאכע ארבייטען אנשטאט לעבעדיגע שרייפעלעך און רע־דעלאך אויסצוטראכטען מאַשינען. איינע נאָך די אַנדערע זיינען זיי איינגעפיהרט געווארען אין יעדער ארבייט און האָבען בעפעס־טיגט די מאכט פון קאפּיטאל. דער פּארצייטיגער שוסטער האָט נאָך ווי עס איז געקענט אויסהאַלטען געגען די שיך וואס זיינען געמאכט געווארען אין א מאנופאקטור. אז ס'איז שוין געקומען

זעהר שלעכט, איז ער צופרידען געווען צו מאכען די פּאָר שיך אונטערען מקח, אבי ניט געהן איבער די הייזער. ווען עס איז אָבער איינגעפיהרט געווארען די מאשין, איז פאר'ן שוסטער גע־קומען דער סוף. דער קאפּיטאליסט האָט ביי דעם שוסטער ניט אוועקגענומען די לייסטען, מיט דעם דריי־פיסיגען ביינקעל, אבער די לייסטען מיט'ן ביינקעל האָבען אָנגעווארען דעם ווערטה, און אזוי איז געווארען אין אלע צווייגען ארבייט. דער שוסטער האָט אויסגעהייצט אין אויוען מיט זיינע „אינסטרומענטען פון פּראָדוקציאָן" און איז געגאנגען אין די פאבריק פון שיך ארבייטען פאר שכירות. אזוי איז ער ארונטער פון אן אונאבהענגיגען בעל מלאכה צו א פּראָלעטאריער.

עס קען זיין, אז ער פערדינט היינט בעסער ווי פריהער, בשעת ער איז געווען פאר זיך א בעל הבית, ער קריגט עהרליך בעצאָהלט פאר יעדע פאר שיך, וואס ער מאכט, און ער בעמערקט גאָר ניט, אז די איינריכטונג פון דער ארבייט און פון דער געזעלשאפט האָט זיך איבערגעביטען.

מיר האָבען געזעהן, ווי דער קאפּיטאליזם איז אויף א גאנץ נאטירליכען וועג אויסגעוואקסען פון א געזעלשאפט, אין וועלכער די ארבייט איז געווען צוטיילט צווישען פּויערים און מייסטערים־בעלי־מלאכות, וואס יעדער איז געווען פאר זיך א בעל הבית און איינער האָט געקויפט, אָדער בעשטעלט ארבייט ביי דעם אַנדערען. אין דער געשיכטע איז ניט אלץ אזוי רוהיג צוגעגאנגען: עס זיי־נען געווען מלחמות, בירגער־קריעג, רויבעריי און גוואלד אין אלע פאָרמען, אָבער דאָס זיינען געווען זייטיגע זאכען. דער עיקר איז די איינפיהרונג פון מאשינען; די רויבעריי, די גזלנות פון די קאפּיטאליסטען האָבען זיי געהאָלפען גיכער רייך צו ווערען, איידער אויף א ראיעלען וועג, אָבער דער קאפּיטאליזם וואלט זיך ניט געקענט איינהאלטען, ווען ער וואָלט זיך ניט שטיצען אויף די מאשינען.

אָבער ניט נאָר דער בעל מלאכה איז געווארען א פּראָלעטאַ־ריער. פארצייטען האָט דער פויער געהאַט א פולע ארבייטען א חוץ אקערבוי, מיט וואָס ער פלעגט אָנפילען זיין ווינטערצייט. זיין ווייב און זיינע טעכטער האָבען אויך געהאַט גענוג וואס צו טהאָן. היינט ווען מען האָט איינגעפיהרט מאשינען אין דער שפּי־

נעריי און אין דער וועבעריי, איז קאנלענקאר און קארטון געווארען אזוי וואלוועל, אז עס האט זיך שוין פשוט ניט בעצאהלט אנ־צואווערען די צייט אין דער היים. דעם פארמער'ס טאכטער איז אוועק אין שטאדט ארבייטען אין א פאבריק און דער פאר־מער אליין איז אויך געווארען אויף צרות, ווארים ארבייטענדיג א האלב יאהר איז שווער אויסצוקומען א גאנץ יאהר. דעם פאר־מער'ס זוהן האט אויך געמוזט געהן אין שטאדט זוכען ארבייט אין פאבריק, אזוי איז אויסגעוואקסען דער פראלעטאריאט.

## 5. די געשיכטליכע ראלע פון דעם קאפיטאליזם.

וואס פאר א ראלע האט געשפיעלט דער קאפיטאליסט אין דער ענטוויקלונג פון דער געזעלשאפט? ער האט ארגאניזירט יעדען געשעפט, ער האט געפלאנעוועט אלערליי געשעפטען, ער האט געזוכט איינצופיהרען נייע מאשינען און נייע מעטאדען, ווי צו ארבייטען, ער האט איינגעפיהרט דעם וועלט־האנדעל און האט געמאכט פון דער גאנצער וועלט אזוי ווי איין לאנד.

„מיט דעם צוזאמענארבייטען פון פיעלע לוין־ארבייטער ענטוויקעלט זיך די הערשאפט פון דעם קאפיטאל", זאגט קארל מארקס, „צו א ווירקליכער בעדינגונג פון דער פראדוקציאן. מען קען איצטער ניט אויסקומען אויף דער וועלט פון דער פראדוק־ציאן אהן דעם בעפעהל פון דעם קאפיטאליסט, ווי אויף דעם שלאכטפעלד אהן דעם בעפעהל פון'ם גענעראל. יעדע דירעקטע געזעלשאפטליכע, אדער געמיינשאפטליכע ארבייט אויף א גרע־סערען מאסשטאב נויטיגט זיך מעהר אדער מינדער אין א פער־וואלטונג וואס זאל ברענגען אין הארמאניע די ארבייטען פון יחידים און זאל דורכפיהרען די אלגעמיינע פונקציאנען, וועלכע שטאמען פון דער בעוועגונג פון דעם גאנצען פראדוקטיווען קער־פער אין אונטערשיעד פון דער בעוועגונג פון זיינע זעלבסטשטענ־דיגע ארגאנען. אן איינצעלנער פידעל שפיעלער דיריגירט זיך אליין, אן ארקעסטער נויטיגט זיך אין א דיריגענט. דיעזע פונק־ציאן פון לייטונג, איבערוואכונג און פערמיטלונג ווערט די פונק־ציאן פון דעם קאפיטאל".*)

*) קארל מארקס, דאס קאפיטאל, ערשטער באנד, צווייטע אויפלאגע, זייט 339.

אויף פּראָסט אידיש געררעדט איז די היסטאָרישע ראָלע פון דעם קאַפּיטאַליסט בעשטאַנען אין דעם וואָס ער איז געווען דער סאַרוועטר פון דער גאַנצער געזעלשאַפט.

ווען דער קאַפּיטאַליסט איז געקומען, האָט ער געפונען א געזעלשאַפט, וואָס איז געווען צוברעקעלט אויף א סך קליינע ווערק־שטאַטלעך און קרעמלעך, מיט קליינע מייסטערלעך און קרעמערלעך, וואָס איינער האָט ניט געוואוסט פון דעם אנדערען. דער קאַפּי־טאַליסט האָט עס אַלץ צוזאַמענגעקליבען אזוי, ווי א זייגערמאַ־כער קלויבט די פּיצינקע רעדעלעך און שרייפעלעך און מאַכט פון זיי א זייגער. ביסלעכווייז איז די ארבייט געשטעלט געוואָ־רען אויף א געזעלשאַפטליכען פוס: הונדערטער טויזענדער מענ־שען פון פערשיעדענע פאַכען ארבייטען איצטער צוזאַמען אונטער דער זעלבער פאַרוואַלטונג. די ארבייט איז געוואָרען א געזעל־שאַפטליכע ארבייט.

מיר האָבען געזעהן, ווי אזוי דער קאַפּיטאַליזם איז געקו־מען אויף דער וועלט. זיין ווייטערע ענטוויקלונג איז דער רע־זולטאַט פון דער אויסברייטונג פון מאַשינערי אין אַלע צווייַ־גען פון דער אינדוסטרי. די איינפיהרונג פון רק נייע מאַשינען האָט געבראַכט מיט זיך קאָנקורענץ אונטער קאַפּיטאַליסטען. דער גרעסערער קאַפּיטאַליסט פערשלינגט דעם קלענערען, ביז וואַנען עס בלייבען נאָר עטליכע פאַבריקאַנטען אין יעדער אינדוסטריע.

דער „מיטעל קלאַס" ווערט רק קלענער און די גאַנצע גע־זעלשאַפט צופאַלט זיך, וואָס ווייטער, רק מעהרער, אין צוויי קלאַ־סען: דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס און דעם ארבייטער קלאַס, צום סוף מוז קומען אזא צייט, אז עס וועלען בלייבען נאָר צוויי קלאַסען, דער מיטעל קלאַס וועט אין גאַנצען נעלם ווערען. דאַ־מאָלס מוז עס קומען צו א סאָציאַלע רעוואָלוציאָן.

## 6. די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן.

דער פונדאַמענט פון דעם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם איז דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט", וועלכער איז ערשינען פאַר דער רעוואָלוציאָן פון 1848. ווען מ'בעטראַכט יענע צייט, זעהט מען, ווי אזוי מאַרקס איז געקומען צו דעם געדאַנק, אז דער סאָציאַ־ליזם קען אַנדערש ניט איינגעפיהרט ווערען, ווי דורך א פּראָלעטאַ־

רישען אויפשטאַנד. ניט די פּאָליטישע, ניט די עקאָנאָמישע לאַגע פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער אין דער צייט ווען מאַרקס איז ארויסגעקומען פאַר דער וועלט מיט זיין טעאָריע, האָבען ניט געלאָזט דענקען פון קיין אנדערען וועג איינצופיהרען „סאָציאַלע דעמאָקראַטיע", ווי דעם וועג אויף וועלכען מען האָט געקעמפפט פאַר פּאָליטישע דעמאָקראַטיע.

וואס איז שייך די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג, בשעת דער קאָ־מוניסטישער מאַניפעסט איז ערשיענען, האָט מען נאָר אָקאָרשט אָנגעהויבען צו בויען אייזענבאַהנען און טעלעגראַפען. אין די מעהרסטע לענדער איז נאָך דער קאַפּיטאַליזם געווען שוואַך ענט־וויקעלט. די דריי גרעסטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער היינט־צו־טאָג זיינען די פעראייניגטע שטאַאטען, ענגלאַנד און דייטשלאַנד. מיט זיבעציג יאהר צוריק איז נאָך ניט אין אמעריקא און ניט אין דייטשלאַנד כמעט קיין קאַפּיטאַליזם ניט געווען. אפילו אין ענג־לאַנד זיינען נאָך בעשטאַנען א סך קליינע קאַפּיטאַליסטען, און נאָר א גאון ווי מאַרקס האָט שוין דעמאָלט געקענט איינזעהן, אז די קאַפּיטאַליסטען וועלען מיט דער צייט אויפפרעסען איינער דעם אַנדערען, ביז וואַנען עס וועט נאָר בלייבען א קליינע צאָהל קאַפּיטאַליסטען. ווען „דאָס קאַפּיטאַל" איז ערשיענען איז נאָך קיין טעלעפאָן ניט געווען, פון עלעקטרישע בעלייכטונג, עלעקטרי־שע אייזענבאַהנען, עלעקטרישע קראַפט אין דער אינדוסטריע האָט מען נאָך גאָר נישט געוואוסט. אין יענער צייט, האָט מען זיך בשום אופן ניט געקענט פאָרשטעלען וואס פאַר אַן עקאָנאָמישע קראַפט קען מאַכען, אז דער קאַפּיטאַל זאָל איבערגעהן פון די קאַ־פּיטאַליסטען אין קהל'שע הענד. מאַרקס גיט אויף דעם אַזא תשובה: „די גוואַלט איז אויך אַן עקאָנאָמישע קראַפט, די גוואַלט איז אַלע מאָל די הויבאַם ביי דער אַלטער געזעלשאַפט ווען זי ליגט אין קימפעט מיט א נייער."

היינט־צו טאָג, נאָך כמעט פופציג יאהר פון פּאַרלאַמענטאַרישער טעטיגקייט פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין אַלע לענדער, רעדט מען שוין זעהר אָפט פון א פרידליכען איבערגאַנג פון קאַ־פּיטאַליזם צו סאָציאַליזם. אין 1847, ווען דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט" איז ערשיענען, האָט דער ארבייטער קלאַס אין קיין איינאָפּעאישען לאַנד ניט געהאַט קיין שטימרעכט און אין די

פעראייניגטע שטאאטען האט נאך עקזיסטירט שקלאפעריי. אין 1867, ווען „דאס קאפיטאל" איז ערשיענען, איז אין פראנקרייך געוועזן א מיליטערישער דעספאטיזם מיט אן אלגעמיינעם שטימרעכט, וואס האט געהאט אזוי פיעל בעדייטונג ווי אין מעקסיקא אין דיאז'עס צייטען. אין ענגלאנד האט דער ארבייטער גאר קיין שטימרעכט ניט געהאט. מארקס האט דעריבער ניט געהאט קיין בטחון אין א פריעדליכע „סאציאלע רעוואלוציאן". ווי זיינע ביאגראפען דערצעהלען, איז ער געוועזן מיט דער מיינונג, אז אפשר אין ענגלאנד קען דער איבערגאנג פון קאפיטאליזם צו סאציאליזם זיין א פריעדליכער. קיין קלאס אין דער גאנצער וועלטגעשיכטע האט נאך ניט אפגעטראטען זיינע פריווילעגיעם פרייוויליג, אהן א קאמפף. דעריבער מוז מען זיך ריכטען אויף אן אויפשטאנד פון דעם פראלעטאריאט, אדער אויף א „רעבעליאן" (בונט) געגען שקלאפען־האלטער, ווי אין דעם אמעריקאנער בירגערקריעג פון 1865-1861.

## 7. שלום.

די גרעסטע בעדייטונג פון מארקס'ן בעשטעהט אין זיין טעאריע, אז דער סאציאליזם וועט מקוים ווערען ניט מחמת ער איז אזוי פיין מאראליש, נאר דורך די ענטוויקלונג פון דער אינדוסטרי, וואס מאכט דעם קאפיטאליסטישען קלאס רק קלענער און דעם ארבייטער קלאס רק גרעסער און שאפט א פארטיגע ארגאניזאציע פון דער געזעלשאפטליכער ארבייט, וואס דער ארבייטערקלאס דארף נאר קומען און איבערנעהמען דעם געשעפט. דער זיעג פון סאציאליזם הייננט ניט אפ פון דעם, צי ער איז שעהן, צי ער איז מיאוס, צי ער איז מאראליש צי אונמאראליש. דער סאציאליזם וואקסט דורך עקאנאמישע ענטוויקלונג, צי ער געפעלט אייך צי ניט, און איהר קענט ניט העלפען, ווען עס געפעלט אייך אפילו ניט. דאס האט פערשטאפט דעם מויל ביי יענע וואס האבען גע'טענה'ט, אז דער סאציאליזם איז ניט פראקטיש. קארל מארקס ענטפערט אויף דעם, אז דער סאציאליזם וועט קומען אזוי זיכער ווי דער טויט; עס איז אלזא איבעריג צו זוכען אויף איהם חסרונות. דאס האט געגעבען א נייע קראפט דער סאציאליסטישער בעוועגונג.

א. ש. זאקס

# די פילאָזאָפיע פון קאַרל מאַרקס.

אין זיינע סטודענטען יאָהרען איז מארקס געווען א תלמיד פון דעם גרויסען דייטשען פילאָזאָף העגעל, וועלכער האָט געהערשט איבער די מחות פון דער דעמאָלדיגער יוגענד.

פון העגעל האָט מארקס איבערגענומען די דיאלעקטישע מע־טאָדע פון דענקען.

די דיאַלעקטישע מעטאָדע בעשטעהט אין דעם, וואָס מען בע־טראַכט יעדע זאַך אָדער יעדע ערשיינונג ניט אין איהר שטעהענ־דיגען צושטאַנד, נור אין בעוועגונג, אין ענטוויקלונג.

„אלעס פליסט, אלעס ענדערט זיך" — זאָגט העגעל. — „יע־דע בעשעפענים ווערט געבוירען, לעבט און שטאַרבט. יעדע זאַך ענטשטעהט, עקזיסטירט און פארגעהט". עס קומט ממילא אויס, אז אויב מיר ווילען בעקומען א ריכטיגען בעגריף, א קלאָהרע פאר־שטעלונג פון פערשיעדענע בעשעפענישען אָדער זאַכען, מוז מען זיי בעאָבאַכטען אין זייער בעוועגען זיך, ניט ווי זיי שטעהען, נאָר ווי זיי געהען, ניט ווי זיי זעהען אויס אין א געוויסען מאָמענט, נאָר אויך ווי זיי האָבען אויסגעזעהן פריהער און ווי זיי וועלען אויס־זעהן שפעטער.

דאָס זעלבע איז בנוגע געזעלשאפטליכע פאסירונגען, ערשיי־נונגען און אינסטיטוציאָנען.

אויב מיר ווילען זיך געגוי בעקענען מיט א געזעלשאפטליכער ערשיינונג אָדער מיט א געוויסער אינסטיטוציאָן איז ניט גע־נוג מיר זאָלען זיי אויספאָרשען, ווי זיי זעהען אויס אין א געווי־סער צייט. מיר מוזען זיי אויספאָרשען אין זייער בעוועגונג. ניט אין אלע צייטען און אונטער אלע אומשטענדען האָט אן אינסטיטו־ציאָן איינע און דיזעלבע בעדייטונג, איינעם און דעם זעלבען ווערטה. אין א געוויסער צייט, אונטער געוויסע אומשטענדען קען די אינסטיטוציאָן זיין גוט און נוצליך, בעת אין אן אנדער צייט, אונטער אנדערע אומשטענדען, קען זי ווערען שלעכט און נוצלאָז. מיר טאָרען ניט בעטראַכטען אן אינסטיטוציאָן, אָדער אזוי א פאַ־סירונג, אבסטראַקט. מיר מוזען אלע מאָל זיך רעכענען מיט די קאָנקרעטע בעדינגונגען, מיט דער צייט, ו ו ע ן זיי קומען פאָר, און מיט דעם אָרט, ו ו א ו זיי קומען פאָר.

ביז העגעל זיינען מעהרסטענס זאַכען און ערשיינונגען בע־טראַכט געוואָרען מעטאַפיזיש.

די מעטאַפיזישע מעטאָדע פון דענקען בעטראַכט יעדע זאַך, יעדע ערשיינונג, יעדע אינסטיטוציאָן אין זייער שטעהענדיגען צו־שטאַנד, אבסטראַקט. פאַר איהר זיינען די ערשיינונגען און די אינ־סטיטוציאָנען אָדער כולו חייב, אָדער כולו זכאי, אָדער אַלע מאָל גוט, אדער אַלע מאָל שלעכט. זי רעכענט זיך ניט מיט די בעדינ־גונגען און מיט דער סביבה, וואו און ווי אזוי די אינסטיטוציאָ־נען עקזיסטירען און וואו די ערשיינונגען קומען פאָר.

דער אורטייל, וועלכען די מעטאַפיזיקער וועלען אַרויסטראָגען, בעטראַכטענדיג די אינסטיטוציאָן אָדער די פּאַסירונג מיט זייער מעטאַפיזישער מעטאָדע, וועט גאַנץ אָפט זיין אַ גאַנץ אַנדערער, ווי יענער אורטייל, וועלכען די דיאַלעקטיקער וועלען אַרויסברייגגען, בעטראַכטענדיג דאָס פון דעם בעוועגונגס־שטאַנדפּונקט, אָנווענ־דענדיג די דיאַלעקטישע מעטאָדע. לאָמיר נעהמען אַ ביישפּיעל:

עס האָט פּאַסירט, אַז ראובן האָט גע׳הרג׳עט שמעון׳ען. ביי־דע, אַ דיאַלעקטיקער און אַ מעטאַפיזיקער, הערען פון דער געשיכ־טע. דער מעטאַפיזיקער וועט זיך ניט שטאַרק נאָכפרעגען ווי אַ ז ו י, אונטער וועלכע אומשטענדען די הריגה איז פאָרגעקומען. פאַר איהם איז דער פאַקט פון הרג׳ענען גופא אַ מיאוס׳ע רציחה און ער וועט פערדאַמען ראובן׳ען אַלס אַ מערדער.

דער דיאַלעקטיקער וועט אָבער ניט זיין איבעראייליג מיט זיין אורטייל. ער וועט פריהער זיך ערקונדיגען און אויסגעפינען די בעדינגונגען, אונטער וועלכע די הריגה איז פאָרגעקומען. די הריגה אַן און פיר זיך איז נאָך פאַר׳ן דיאַלעקטיקער ניט אַ גענינגענדער גרונד צו האַלטען ראובן׳ען פאַר אַ מערדער. עס קען זיין, אַז ראובן האָט גע׳הרג׳עט שמעון׳ען מיט אַ אידעאַליסטישען צוועק, ווי אַ שטייגער סאַזאָנאָוו האָט גע׳הרג׳עט דעם טיראַן פּלעהווע. אין אַזאַ פאַל דאַרף ראובן ניט פערורטיילט ווערען אַלס אַ רוצח, נאָר אַלס אַ העלד.

טאָלסטאָי, ווי מיר ווייסען, איז אַרויסגעטראָטען אפילו קעגען די רעוואָלוציאָנערע אַטענטאַטען. ער איז געווען אין זיין דענ־קען אַ מעטאַפיזיקער. ער האָט ניט געוואָלט וויסען פון די מאָ־טיווען, וועלכע זיינען געווען בעהאַלטען הינטער די אַטענטאַטען. פאַר איהם איז דער פאַקט פון בלוטפערגיסען גופא, מאַכט ניט אויס

ו ו ע ר  ו ו ע מ ע ן, געווען אַ רציחה, אונטער אַלע אומשטענ־דען.

פאַר'ן דיאַלעקטיקער זאָגט נאָך דער פאַקט אַן און פיר זיך גאָר ניט. דער זעלביגער פאַקט קען אַמאָל זיין די עקעלהאַפטסטע שטי־קעל ארבייט און קען אַמאָל זיין די גרעסטע, איידעלסטע העלדיש־קייט.

אַלעס ווענדעט זיך פון די בעדינגונגען, פון דער צייט און פון דעם אָרט.

די דיאַלעקטישע מעטאָדע, וואָס העגעל האָט איבערגעלאָזען בירושה צו זיינע תלמידים, האָט ביי מאַרקס'ען געדיענט אַלס דער שליסעל, ווי אַזוי צוצוקומען צו די געהיימניספולע ווינקלען פון דער היסטאָריע. דאָס איז געווען די ליכט, וואָס האָט געוויזען דעם וועג צום היסטאָרישען אמת. דאָס איז געווען דער באָדען, אויף וועלכען עס איז שפּעטער אויסגעוואַקסען זיין פילאָזאָפיע פון דער געשיכטע, וואָס איז בעוואוסט אונטערן נאָמען : „היסטאָרישער מאַטעריאַליזם".

אין העגעל'ס חדר האָט זיך מאַרקס אויסגעלערנט בעאָבאַכטען, ז ע ה ע ן פּאַסירונגען און אינסטיטוציאָנען. ער האָט דאָרטען גע־קראָגען די וואָפען, מיט וועלכע איהם איז געוואָרען מעגליך אריינ־צוקוקען אין דעם מעכאַניזם, וואו מען קען אויסגעפינען די געזע־צען, לויט וועלכע די געשיכטע געהט איהר מאַרשרוט.

די סאָציאַליסטען, וועלכע האָבען געלעבט ביז מאַרקס'ען, ווי ראָבערט אָוען, סען סימאָן, פוריע און אַנדערע, זיינען געווען מעטאַ־פיזיקער אין זייער דענקען. זיי האָבען בעטראַכט די געזעלשאַפט־ליכע פּאַסירונגען און אינסטיטוציאָנען אַן און פיר זיך, ווי זעלבסט־שטענדיגע, אונאָבהענגיגע רינגען, וועלכע זיינען צווישען זיך ניט פערקניפּט און פערקייטעלט אין איין סיסטעם. זיי האָבען געזאָגט, ענטוועדער — אָדער. ענטוועדער גוט, אָדער שלעכט. איז די אָדער יענע פּאַסירונג, די אָדער יענע אינסטיטוציאָן גוט און נוצ־ליך — איז זי גוט און נוצליך אין  א ל ע  צייטען און אונטער  א ל ע  אומשטענדען ; איז זי ווידער איבעריג און שעדליך, מוז זי זיין איבעריג און שעדליך  א ל ע  מאָל.

פּריוואַט אייגענטום — האָבען זיי געזאָגט — איז אַ שלעכ־טע אינסטיטוציאָן. זי איז דער קוואַל פון עקספּלואַטאַציע, פון

אונטערדריקונג, און ממילא איז זי שעדליך, און אז זי איז שעדליך מוז זי בעזייטיגט ווערען.

און אזוי זעהען מיר, ווי די אוטאָפּיסטען האָבען זיך אוועקגעלאָזען מאַכען סאָציאַליסטישע עקספּערימענטען און אַגיטירען קעגען דעם „משוגעים הויז", ווי ראָבערט אָוען רופט אָן די היינטיגע סיסטעם, וואָס איז געגרינדעט אויף פּריוואַט אייגענטום. זיי זיינען געווען איבערצייגט, אַז מען קען שוין, תיכף, אָט גלייך איינפיהרען דעם סאָציאַליזם, קוים וועלען די מענשען נאָר קומען צום שכל, אַז אַ סאָציאַליסטישע אָרדנונג איז בעסער, ווי אַ סיסטעם פון פּריוואַט אייגענטום. די אוטאָפּיסטען האָבען זיך ניט גערעכענט מיט דער צייט, זיי האָבען זיך אויך ניט גערעכענט מיט'ן מענשען מאַטעריאַל. זיי האָבען געמיינט, אַז אין אַ ל ע צייטען קען מען גרינדען אַ סאָציאַליסטישען שטאַאַט, און אַז אַ ל ע מענשען קענען זיין זיינע בויער. ביי זיי איז די פראַגע פון סאָציאַליזם געווען אַן אַבסטראַקטע, וואָס האָט ניט צו טהאָן מיט די בעדינגונגען פון לעבען.

מיר ווייסען אַלע, וואָס עס איז געוואָרען פון אַלע סאָציאַליסטישע עקספּערימענטען, וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרען, אין ערשטען העלפט פון פאַריגען יאָהר הונדערט דורך די תלמידים פון פוריע און ראָבערט אָוען. זיי האָבען אַלעמען ענטוישט. אנשטאַט איינצוואָרצלען זיך אין באָדען, אויסצוואַקסען און ברייננגען סאָציאַליסטישע פּרוכט, האָבען זיך אָט די אַלע סאָציאַליסטישע קערנער צושפּרייט, וואוהין דער ווינד האָט זיי פערטראַגען.

מאַרקס האָט אָבער אָנגעווענדעט די דיאַלעקטישע מעטאָדע און ער האָט דעריבער ניט בעטראַכט די אינסטיטוציאָנען פון פּריוואַט אייגענטום און דעם סאָציאַליזם ווי זאַכען, וועלכע האָבען ניט צו טהאָן מיט די אַרומיגע בעדינגונגען. ער האָט זיי אויסגעפאָרשט אין צוזאַמענהאַנג מיט די ענדערונגען אין לעבען. פאַר איהם איז סאָציאַליזם ניט געווען אָדער אינגאַנצען שלעכט, אָדער אינגאַנצען גוט, נור אַ נ ד ע ר ע מאָל גוט, אַ נ ד ע ר ע מאָל שלעכט. דאָס ווענדעט זיך פון די בעדינגונגען. ער האָט פערשטאַנען, אַז אויב סאָציאַליזם איז גוט, הייסט נאָך ניט, אַז ער איז אונטער אַלע אומשטענדען גוט, און אויב פּריוואַט אייגענטום איז שלעכט, הייסט נאָך ניט, אַז ס'איז אַלע מאָל שלעכט.

ער האָט געוואוסט, אַז אַ סאָציאַליסטישע אָרדנונג קען מען בויען ניט אַ ל ע מאָל, נאָר אין אַ געוויסער צייט, און ניט אַ ל ע מענשען קענען איהר בויען, נאָר אַ ג ע ו ו י ס ע ר קלאַס מענשען, און דורך דעם איז ביי איהם דער סאָציאַליזם געוועזן ניט בלויז אַ געפיהל זאַך, אַן עטישע שטרעבונג, ווי ביי די אוטאָפּיסטען, נאָר אַ היסטאָרישע נויטווענדיגקייט, אַ מדרגה, צו וועלכער די געזעלשאַפט מוז זיך דערשלאָגען אויף איהר ענטוויקלונגס וועג.

ו ו ע ן קען איינגעפיהרט ווערען די סאָציאַליסטישע אָרדנונג? ו ו ע ר קען איהר איינפיהרען? אויף די דאָזיגע פראַגען האָט מאַרקס אין העגעל׳ס פילאָזאָפיע קיין ענטפער ניט געקראָגען. אין דעם האָט איהם אויסגעהאָלפען די מאַטעריאַליסטישע נאַטור פילאָזאָפיע.

דער מאַטעריאַליזם גלויבט ניט אין געטער, אין גייסטער, אין אידעען, וועלכע זיינען למעלה מן הטבע, וועלכע שטעהען ה ע כ ע ר אָדער א י ב ע ר דער נאַטור. דער מאַטעריאַליזם רעכענט זיך נאָר מיט זאַכען, וועלכע מען קען משיג זיין מיט אונזערע חושים. ער בעטראַכט די וועלט ניט אַלס אַן ארבייט פון אַ געוויסען שעפער, וועלכער האָט פריהער אָנגעצייכענט אַ פּלאַן און דערנאָך דעם פּלאַן דורכגעפיהרט, נור אַלס אַ רעזולטאַט פון בלינדע נאַטור־פּראָצעסען. עס איז פאַראַן עפּעס, אַ מין אונבעוואוסטער „עטוואס", וואס מען קען דאָס רופען מיט׳ן נאָמען „וועלט סובסטאַנץ". דיזע וועלט סובסטאַנץ ענטפּלעקט זיך פאַר אונז אין פערשיעדענע פאָרמען. זי פערנעהמט אַ פּלאַץ און האָט אויך געוויסע אונזעהבארע כעמישע און פיזישע אייגענשאַפטען, ווי מאַגנעטיזם, עלעקטריציטעט, ליכט, וואַרימקייט, א. ז. וו. אויב מיר בעטראַכטען די וועלט סובסטאַנץ פון דעם שטאַנדפונקט פון אָרט, פון אויסדעהנונג, איז זי פאַר אונז אַ מאַטעריעלע, אַ ממשות׳דיגע זאַך; בעטראַכטען מיר איהר פון דעם שטאַנדפונקט פון איהרע קרעפטען, וואָס זי ווייזט ארויס, איז זי פאַר אונז אַ גייסטיגע, רוחניות׳דיגע, אַ ניט־ממשות׳דיגע סובסטאַנץ.

מאַרקס׳עס מאַטעריאַליסטישע אויפפאַסונג אונטערשיידעט זיך פון דעם מאַטעריאַליזם, וואָס איז געפּרעדיגט געוואָרען פון די מאַטעריאַליסטען אין 18־טען און אָנפאַנג 19־טען יאָהר הונדערט,

ווי האלבאך העלוועלציוס פון איין זייט און בוכנער, פאָגט, מאָלע־שאָטט פון דער צווייטער זייט.

די מאַטעריאַליסטען פון 18 טען יאהרהונדערט האָבען נאָך ניט געוואוסט פון דער ענטוויקלונגס לעהרע. זיי האָבען בעטראַכט די נאַטור, ווי א סך הכל פון זעלבסטשטענדיגע זאכען, וועלכע האָבען צווישען זיך קיין שייכות ניט. די נאַטור, מיט אלץ וואס אין איהר איז פאַראַן, איז פאַר זיי א פערגליווערטע זאך, וואס ענדערט זיך ניט. (דערפון נעהמט זיך אויך די מעטאַפיזישע מעטאָדע פון דענקען.) אויסער דעם זיינען יענע מאַטעריאַליסטען געווען כופרים בעיקר. זיי האָבען אין גאַנצען חוזק געמאכט פונ'ם גייסט. א גייסט, האָבען זיי געזאָגט, איז איבערהויפט ניט פאַראַן. דאָס איז ניט מעהר ווי אַן אויסגעטראַכטע זאַך. דאָס וואָס מיר רופען אָן גייסטיגע ערשיינונגען, איז ניט מעהר ווי א מאַניפעסטאַציע פון דער ממשות'דיגער מאַטעריע. עס איז נור פאַראַן מאַטעריע, גשמיות, וואָס בעזיצט געוויסע אייגענשאַפטען, ווי בעוועגונג, עלעקטריציטעט, וואַרעמקייט, א. ז. וו. די גייסטיגע ערשיינונגען זיינען נור א געוויסע פאָרם פון דער מאַטעריע'ס בעוועגונג. די מאַטעריע גופא איז ניט גייסטיג, דענקט ניט, האָט ניט קיין ווילען, האָט ניט קיין נשמה. זי איז ניט מעהר ווי א צוזאַמענזעצונג פון טויטע אַטאָמען. די צוזאַמענזעצונג, די אָרגאַניזאַציאָן פון אָט די אַטאָמען, איז אויך די אורזאַכע פון די אַזוי גערופענע „גייסטיגע ערשיינונגען" — פון דעם דענקען, ערקענען, פיהלען — פון דעם, וואָס מיר רופען אָן „נשמה". לויט דער מיינונג פון אָט די מאַטעריאַליסטען איז דער גייסט ניט מעהר ווי א געוויסע פאָרם פון דער טויטער מאַטעריע, אָבער זי ליגט ניט אין דעם עצם, אין דער מאַטעריע גופא. אויב די מאַטעריע איז ניט אָרגאַניזירט אויף א געוויסען אופן, פערמאָגט זי אויך ניט קיינע גייסטיגע אייגענשאַפטען. עס קומט בכן אויס, אז דער גייסט, די נשמה, ענטשטעהט נאָר דעמאָלט, ווען ס'איז פאַראַן א געוויסער סכום, א סך הכל פון אַטאָמען, אָבער יעדער אַטאָם בעזונדער האָט ניט קיין גייסט.

מאַרקס האָט געלעבט אין איין צייט מיט דאַרווין און איז געווען א גרויסער אָנהענגער פון עוואָלוציאָן, פון ענטוויקלונג. פאַר איהם איז די נאַטור ניט א סך הכל פון פערגליווערטע זאכען, נור

פון פּראַצעסען, פון עפּעס אַזוינס, וואָס האַלט זיך שטענדיג אין ענט־וויקלען, אין ענדערען זיך.

אלס עוואָלוציאָניסט איז מאַרקס מעהר נוטה צו דער אויפפאַ־סונג פון די מאָניסטען־מאַטעריאַליסטען, וועלכע מיינען, אז די מאַ־טעריע גופא איז בעגייסטערט. זיין אנשויאונג איז עהנליך צו דער אַנשויאונג פון די נאַטור פילאָזאָפען, וועלכע בעהויפּטען, אז עס איז ניטאָ קיין טויטע מאַטעריע אָהן גייסט, פּונקט אַזוי ווי עס איז ניטאָ קיין גייסט אָהן מאַטעריע.

„איך קען ניט" — זאָגט דער בעריהמטער נאַטורפאָרשער ערנסט העקעל — „קיין טויטע און רויהע מאַטעריע, איך קען ניט קיין סובסטאַנץ, וואָס זאָל ניט פיהלען, וואָס זאָל ניט האָבען א חוש, א השגה".

די פעהיגקייט צו זיין גייסטיג ליגט אינ'ם עצם פון דעם אטאָם גופא. דען אויב יעדער אַטאָם בעזונדער וואָלט זיין טויט און ניט האָבען א בעוואוסטזיין, וואָלט אַן אָרגאַניזאַציע, א סך הכל פון די אַטאָמען, אויך ניט האָבען א בעוואוסטזיין. אונ־זער מאַרך, וואס איז ניט אנדערש ווי א געוויסע אָרגאַניזאַציע פון אַטאָמען, וואָלט ניט קענען אַרויסווייזען קיינע גייסטיגע איי־גענשאַפטען.

די מאָניסטען־מאַטעריאַליסטען געהען דעריבער ארויס פון דעם שטאַנדפּונקט, אז אין דער בריאה איז נור פאַראַן איין פּרינציפּ, איין סובסטאַנץ — די וועלט סובסטאַנץ, און אַט די וועלט סובסטאַנץ האָט צוויי זייטען, צוויי פאָרמען, א מאַטע־ריעלע און א גייסטיגע אין דער אייגענער צייט. די מאַטעריע און גייסט זיינען צוויי צורות אין איין גוף. „גייסט און מאַטעריע זיינען צוויי אַטרי־בוטען פון דער וועלט סובסטאַנץ". א פערענ־דערונג אין דער מאַטעריע פעראורזאכט אויך אַ פערענדערונג אין גייסט. און אויב מיר זעהען, אז עס איז פאָרגעקומען א פערענ־דערונג אין גייסט איז א סימן, אז עס איז אויך פאָרגעקומען א פערענדערונג אין דער מאַטעריע.

די מאָניסטישע אנשויאונג איז, ווי מיר זעהען, ניט מאַטע־ריאַליסטיש אין דעם איינפאַכען זין. מען קען זי אָנרופען אידעאַ־ליסטיש אַזוי גוט ווי מאַטעריאַליסטיש. זי אנערקענט גייסט צוגלייך מיט מאַטעריע און איז ניט מסכים מיט די אַלטע מאַטע־

ריאַליסטען, אַז די וועלט איז גאַנץ גשמיות. זי איז אָבער מאַ־טעריאַליסטיש אין דעם פּרט, וואָס זי האַלט ניט פון געטער, פון גייסטער, פון לעבענס קרעפטען, אַלס זעלבסטשטענדיגע כחות, וואָס זיינען ניט פערבונדען מיט דער גשמיות'דיגער נאַטור.

די מאָניסטישע אויפפאַסונג אַנערקענט נ ו ר די איינציגע אויסערליכע נאַטור און ניט קיין אַנדערע קרעפטען. די נאַטור איז אין דער אייגענער צייט אַי גייסט אַי מאַטעריע. די נשמה פון מענשען איז ניט אַ זעלבסטשטענדיגער כח, וואָס איז פערייניגט מיט'ן גוף און ליגט ניט אונטער די נאַטור־געזעצען, אונטער וועלכע דער קערפּער איז אונטערגעוואָרפען. די נשמה איז אונטיילבאַר פון גוף. דער מענש, די מענשליכע סובסטאַנץ איז נשמה און גוף צוזאַמען. אַ פערענדערונג אין גוף רופט אַרויס אַ פערענדערונג אין דער נשמה, אין גייסט. דער גוף און די נשמה זיינען איינע און די זעלבע (אידענטיש). אויב מיר דענקען אַנדערש, ווי פריהער, איז מסתמא דער קערפּער געבוי (ד. ה. די צעלען פון אונזער מח) אין אַ געוויסען פּרט אַנדערש, ווי פריהער. אויב צוליעב די אויסערליכע איינדרוקען פון דער אַרומיגער סביבה בעוועגען זיך די צעלען פון אונזער מאַרך אַנדערש — מוזען מיר אָנפאַנגען צו דענקען אַנדערש.

דער פאָטער פון דער דאָזיגער אויפפאַסונג איז געווען דער בעריהמטער אידישער פילאָזאָף ברוך שפּינאָזא, וואָס האָט בעהויפּטעט, אַז גאָט און נאַטור איז איינס. וואו גאָט, דאָרטען די נאַטור, און וואו די נאַטור — דאָרטען גאָט. אַלעס איז געטליך, אַזוי ווי אַלעס איז נאַטירליך.

מאַרקס איז געווען אין זיין וועלט אויפפאַסונג אַ נאָכפאָלגער פון שפּינאָזא'ס פּאַנטהעאיזם. אין דער לעצטער צייט האָט דיזע אַנשויאונג, אַ דאַנק די גרויסע פאָרשונגען פון די דאַרוויניסטען און איבערהויפּט ערנסט העקעל, בעקומען אַ שטאַרקען נאַטור־וויסענשאַפטליכען יסוד.

דורך דער מאָניסטיש־מאַטעריאַליסטישער וועלט אויפפאַסונג האָט אויך די דיאַלעקטישע מעטאָדע פון דענקען, וואָס מאַרקס האָט געלערנט ביי העגעל'ן, געקראָגען אַן אַנדער פּנים.

העגעל איז געווען אין דער פילאָזאָפיע אַן אידעאַליסט פון ריינעם וואַסער. ער האָט געהאַלטען, אַז עס איז פאַראַן אין דער

יצירה אַן „אַבסאָלוטע אידעע", אַ גייסטיגעס עטוואָס, און אַז די וועלט מיט אַלע איהרע ווידערשפּרוכען און כחות איז ניט אַנדערש ווי אַ פערקערפּערונג פון אָט דער אַבסאָלוטער אידעע. די אידעע איז, לויט העגעל'ס אנשויאונג, געווען פריהער, און די וועלט איז שפּעטער בעשאַפען געוואָרען אין הסכם מיט דער אידעע. די אויסערליכע וועלט איז אַן אָבשפּיגלונג פון דער אידעע. אויב די וועלט האלט זיך אין ענטוויקלען, איז דאָס דערפאַר, ווייל די אידעע — די מוטער פון דער וועלט, ענטוויקעלט זיך. און אויב די ענטוויקלונג פון דער וועלט קומט פאָר דיאַלעקטיש, מאַכט דורך פערשיעדענע שטופען, איז דאָס דערפאַר, ווייל די אידעע ענטוויקעלט זיך דיאַלעקטיש. מיר דענקען דיאַלעקטיש און במילא איז אויך די אויסערליכע וועלט דיאַלעקטיש.

מאַרקס, אַלס אַ מאָניסט-מאַטעריאַליסט, האָט ניט געגלויבט אין אידעען, וועלכע עקזיסטירען הינטער די קוליסען פון דער וועלט און ווען דאָס גייסטיגע לעבען — דאָס דענקען און די אויסערליכע פּאַסירונגען ענטוויקלען זיך דיאַלעקטיש, איז דאָס ניט דערפאַר, ווי העגעל נעהמט אָן, ווייל די וועלט אידעע איז דיאַלעקטיש, נאָר, ווייל די פּאַסירונגען גופא זיינען דיאַלעקטיש.

ביי העגעל'ען איז די וועלט אַן אָבשפּיגלונג פון דער אידעע, ביי מאַרקס'ען איז די אידעע אַן אָבשפּיגלונג פון דער וועלט. העגעל זאָגט, די וועלט איז דיאַלעקטיש, ווייל מיר דענקען דיאַלעקטיש. מאַרקס זאָגט, מיר דענקען דיאַלעקטיש, ווייל די וועלט איז דיאַלעקטיש. ביי העגעל'ען איז די אידעע די סבה און די אויסערליכע וועלט: די נאַטור און געזעלשאַפט, אַ יוצא, ביי מאַרקס'ען איז די אויסערליכע וועלט די סבה און די אידעע, די געדאַנקען-וועלט, אַ יוצא. „ביי העגעל'ען, ווי מאַרקס דריקט זיך אויס, איז די דיאַלעקטיק געשטאַנען מיט'ן קאָפּ אַראָב". ער, מאַרקס, האָט די דיאַלעקטיק איבערגעשטעלט מיט'ן קאָפּ אַרויף.

די נאַטור פילאָזאָפען ביז מאַרקס'ען זיינען געווען מאַטעריאַליסטען-מעטאַפיזיקער; העגעל איז געווען אַן אידעאַליסט-דיאַלעקטיקער און קאַרל מאַרקס איז געווען אַ מאַטעריאַליסט-דיאַלעקטיקער, אָדער אַ דיאַלעקטיקער מאַטעריאַליסט.

בעוואָפענט מיט דער דיאַלעקטישער מעטאָדע פון איין זייט און מיט דער מאָניסטיש-מאַטעריאַליסטישער וועלט אויפפאַסונג

פון דער צווייטער זייט, האָט מאַרקס שפּעטער ענטדעקט דעם גע־הײמניספולען מעכאַניזם, ווי אַזוי די מענשליכע געזעלשאַפט ענט־וויקעלט זיך.

ניט די דיאַלעקטיק און ניט די מאָניסטיש־מאַטעריאַליס־טישע פילאָזאָפיע זיינען ערפונדען געוואָרען דורך מאַרקס׳ען. מאַרקס׳עס אויפטהו בעשטעהט אין דעם, וואָס ער האָט דורך זיי בעשאַפען די פ י ל אָ ז אָ פ י ע  ד ע ר  ג ע ש י כ ט ע.

מאַרקס איז געוועזען דער ערשטער, וואָס האָט דעם מאַטעריאַ־ליזם אָנגעווענדעט צו די ה י ס ט אָ ר י ש ע פּאָסירונגען.

מ אַ ר ק ס׳ א ו י פ ט ה ו  ב ע ש ט ע ה ט  א י נ׳ ם ה י ס ט אָ ר י ש ע ן  מ אַ ט ע ר י אַ ל י ז ם.

---

די מענשליכע געשיכטע איז ניט אַנדערש, ווי אַ קייט פון פערענדערונגען. איין אינסטיטוציאָן ווערט פערטריבען אויף אַ צווייטע אינסטיטוציאָן; איין געזעץ — אויף אַ צווייטען געזעץ; איין פּאָליטישע פאָרמע — אויף אַ צווייטע פּאָליטישע פאָרמע.

אינסטיטוציאָנען, געזעצען און פּאָליטישע פאָרמען קענען זיך נור ענדערען, ווען די מענשען  ו ו י ל ע ן,  זיי זאָלען זיך ענדערן. יעדער אַקט, יעדע טהאַט מוז פריהער דורכגעהן דורכ׳ן מח. ניט די פריהערדיגע פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן און ניט די איצטיגע רו־סישע רעוואָלוציאָן וואָלטען פאָרגעקומען, ווען מענשען וואָלטען זיי ניט געמאַכט; און מענשען האָבען זיי געמאַכט, ווייל זיי האָ־בען  ג ע ו ו אָ ל ט  עס מאַכען. זיי האָבען געוואָלט, ווייל זיי האָ־בען  ג ע ד ע נ ק ט,  אַז אַ דעמאָקראַטישע רעפּובליק איז בעסער ווי אַ מאָנאַרכיע. כל זמן די מענשען האָבען געדענקט, אַז אַ מאָ־נאַרכיע איז די פּאַסענדסטע פאָרמע פון דער רעגיערונג, האָבען זיי, פערשטעהט זיך, קיין רעוואָלוציאָן ניט געמאַכט. די רעוואָ־לוציאָן איז פאָרגעקומען נאָר דעמאָלט, ווען די מאָנאַרכיסטישע מיינונגען און איבערצייגונגען האָבען זיך געביטען אויף דעמאָקראַ־טישע.

עס פרעגט זיך אָבער, ווי אַזוי הויבען מענשען אָן צו דענקען אַנדערש, ווי פריהער? פאַר וואָס, למשל, האָבען די פראַנצויזען פון 18־טען יאָהר הונדערט און די רוסען אין 20־טען יאָהר־הונדערט געקראָגען דעמאָקראַטישע איבערצייגונגען, וועלכע זיינען פריהער ביי זיי ניט געווען?

די אידעאַליסטען אין דער פילאָזאָפיע, די יעניגע, וועלכע אַנערקענען אַ בעזונדערע נשמה, אַ רוחניות, אָבגעטיילט פון גשמיות, האָבען דערויף אַ פאַרטיגען תירוץ: דער ג י י ס ט האָט זיך געענדערט. דער גייסט איז אַ זעלבסט שטענדיגע זאַך און ער האָט אָנגעפאַנגען אַנדערש צו דענקען, ווי פריהער. די יעניגע, וועלכע האַלטען, אַז דער גייסט איז אַ טייל פון דער געטליכקייט, אַ חלק אלוה ממעל, מאַכען זיך נאָך לייכטער און זאָגען, אַז די מענשען פאַנגען אָן אַנדערש צו דענקען, ווייל גאָט וויל אַזוי. גאָט רעגירט מיט דעם מענשען׳ס ווילען און פערלאַנגען און במילא אויך מיט זיינע מעשים, מיט זיינע האַנדלונגען.

דער מאַטעריאַליזם*) האַלט אָבער ניט, אַז דער גייסט איבט אויס אַ ווירקונג אויפ׳ן מח. דער מאַטעריאַליזם האַלט, אַז יעדער, אַזוי צו זאָגען, גייסטיגער פּראָצעס, מוז זיין אַ רעזולטאַט פון אַ געוויסער ענדערונג אין דער מאַטעריע, אין אונזער פאַל, אין דעם מאַטעריעלען, ממשות׳דיגען מאַרך, אין די מאַרך־צעלען. אויב מענשען פאַנגען אָן אַנדערש צו דענקען, טו איז מסתמא פאָרגעקומען אַן ענטשפּרעכענדע ענדערונג אין די מאַרך־צעלען פון זייערע קעפּ. די ענדערונגען אין די מאַרך־צעלען זיינען ריינע מאַטעריעלע און האָבען געקענט פאָרקומען בלויז אַ דאַנק די איינדרוקען פון דער אויסען־וועלט — פון דער סביבה. די סביבה, די אומגעבונג, בעשאַפט, בכן, די איבערצייגונג ביים מענשען. יעדער מענש איז אַ קינד פון זיין סביבה. אַ גוטע סביבה — גוטע מענשען; אַ שלעכטע סביבה — שלעכטע מענשען.

ווי אַזוי ענטשטעהט אָבער די סביבה גופא? וועלכע פאַקטאָרען און כחות האָבען אויף איהר אַ ווירקונג? דורך וועלכע

---

*) מיר מיינען דאָ דעם מאָניסטישען מאַטעריאַליזם.

סבות ענדערט זיך די סביבה? פאַר וואָס האָט די פריהערדיגע רוסישע סביבה איינגעפלאַנצט אין דעם רוסישען פאָלק מאָנאַר־כיסטישע איבערצייגונגען און די איצטיגע סביבה פלאַנצט איין דעמאָקראַטיש־רעפּובליקאַנישע איבערצייגונגען?

די דאָזיגע פראַגען שליסען שוין מיט זיך גופא אוים די ענט־פערס, וואס מאַנכע גיבען, אז דער מענשליכער גייסט און זיי־נע איבערצייגונגען זיינען אָבהענגיג פון די ארומיגע נאַטירליכע בע־דינגונגען, ווי, א שטייגער, פון קלימאַט, באָדען, לופט בעוועגונ־גען, וואסער וועגען א. א. וו.

עס איז געוויס אמת, אז די אויסערליכע נאַטור לייגט איהר שטעמפּעל אויף די סביבה און גיט א ריכטונג דער פּסיכאָלאָגיע פון איינציגען מענשען און ממילא דער אידעאָלאָגיע פון דער געזעל־שאַפט.

די אויסערליכע נאַטור איז דאָך אָבער **שטענדיג**, אַלע מאָל (מיט קליינע אויסנאַהמען) דיזעלביגע און זי קען דעריבער ניט אַרויסרופען **פערענדערונגען** אין דער סביבה און אין דער אידעאָלאָגיע. מיר זוכען דאָ די סבות פון דער **היסטאָ־ריע**, פון דער **ענטוויקלונג**, פון דעם אַנדערש ווערען.

מאַרקס האָט געענטפערט — און אין דעם בעשטעהט זיין גרויסער פערדינסט — **אז די ארומיגע סביבה, וואו דער מענש ווערט ערצויגען און וואו ער קריגט זיינע איבערצייגונגען, ווערט געשאַפען דורך דעם צושטאַנד פון די פּראָדוקטי־ווע קרעפטען, וועלכע הערשען אין דער אָדער יענער צייט.**

אונטער די „פּראָדוקטיווע קרעפטען" פערשטעהט מען דעם צושטאַנד פון דער טעכניק און די אופנים פון דעם מענשליכען צו־זאַמענאַרבייטען.

אָט די פּראָדוקטיווע קרעפטען — לערנט אונז מאַרקס — זיינען די ערשטע אורזאַכען פון די פּערענדערונגען אין געזעל־שאַפטליכען לעבען — פון דער געשיכטע. די פּראָדוקטיווע קרעפ־

טען שאַפען די סביבה, די סביבה פלאַנצט איין די איבערצייגונ־גען, די איבערצייגונגען שאַפען די געזעצען, די אינסטיטוציאָנען, די פאָרמען פון קונסט און אַלע אַנדערע גייסטיגע אוצרות פון די מענשען.

די בעדערפעניסען פון די מענשען ווערען וואס ווייטער אַלץ גרעסער. זיי ווערען גרעסער צוליעב צוויי זאכען. ערשטענס צו־ליעב דעם, ווייל די מענשען ווערען מעהר אין צאָהל, און צוויי־טענס צוליעב דעם, ווייל זיי ווערען ענטוויקעלטער און זייערע קול־טורעלע בעדערפענישען ווערען גרעסער. די נויט צו בעפרידיגען די בעדערפענישען טרייבט די מענשען אויסצובעסערען זייער טעכ־ניק, זייערע אינסטרומענטען און מאַשינעס — די פּראָדוקטיווע קרעפטען. מיט דער ענדערונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטען קומט אויך פאָר א פערענדערונג אין די שייכות צווישען מענשען, אין די געזעצען, אינסטיטוציאנען, פּאָליטישע פאָרמען, א. א. וו.

נו, פרעגט מען: פאַר וואס וויל מאַרקס האָבען, אז דוקא די פּראָדוקטיווע קרעפטען רופען ארויס די פערענדערונגען, אפשר קו־מען פאַר די פערענדערונגען אין דער געשיכטע צוליעב דעם צו־וואקס פון דער בעפעלקערונג גופא? איהר זאגט דאָך אַליין, אז די בעפעלקערונג ווערט גרעסער, ד. ה. זי ענדערט זיך, טאָ פאַר וואס זאלען מיר טאקי ניט צושרייבען די פערענדערונגען אין דער גע־שיכטע אָט טאקי די פערענדערונגען אין דער בעפעלקערונג? צו וואס אָנקומען צו די „פּראָדוקטיווע קרעפטען"?

דער תירוץ איז גאַנץ איינפאַך. די געשיכטע ענדערט זיך ניט נור אין כמות (קוואַנטיטאַטיוו), נור אויך אין איכות (קוואַליטאַ־טיוו) און די סבות, וועלכע רופען ארויס די פערענדערונגען, מוזען במילא אויך זיין אזעלכע, וואס ענדערן זיך אויך קוואַליטאַטיוו. דער צוואוואקס פון דער בעפעלקערונג אַליין קען שוין דעריבער ניט אָנ־גענומען ווערען פאַר די הויפט סבה פון דער ענטוויקלונג, ווייל דער צוואוואקס פון דער בעפעלקערונג איז בלויז א קוואַנטיטאַטיווע ענ־דערונג. די פּראָדוקטיווע קרעפטען ענדערן זיך אָבער סיי אין כמות, סיי אין איכות און במילא בעטראַכט זיי מאַרקס פאַר די הויפט בע־וועגער פון דער געשיכטע.

און וויסענדיג, אַז די פּראָדוקטיווע קרעפטען זיינען די אור־זאכען פון די פערענדערונגען אין דער געשיכטע, האָט מאַרקס ניט נאָר אויסגעפונען, אַז דאָס געזעלשאפטליכע סיסטעם, וואָס וועט זיך ענטוויקלען פון דעם איצטיגען צושטאַנד, וועט זיין א סאָציאַליסטישע, נאָר ער האָט אויך אויסגעפונען די צ י י ט, ו ו ע ן דער סאָציאַליסט קען קומען און דורך ו ו ע מ ע ן ער קען קומען.

מען וואַרפט פאַר מאַרקס'ען, אַז ער בעטראַכט די געשיכטע, ווי עפּעס אַ זאַך, וואָס איז שוין פון פריהער אָן אָנגעשריבען און פער'חתמ'ט און אַז די מענשען זיינען ביי איהם ניט מעהר, ווי סאָלדאַטען, וועלכע האָבען ניט קיין אייגענעם ווילען און ווערען געטריבען צו ערפילען אונבעוואוסט די געבאָטען פון די פּראָדוקטיווע קרעפטען.

אַזא פאָרוואורף איז אין גאַנצען אונבעגרינדעט. קיינער ניט ניט צו אַזא גרויסע בעדייטונג דעם מענשליכען אינטעלעקט ווי מאַרקס. קיינער גיט ניט צו אַזא מאַכט דעם מענשליכען ווילען, די מענשליכע איבערצייגונגען, ווי מאַרקס. מאַרקס'עס לעהרע איז ניט אַנדערש, ווי אַן ערקלעהרונג פאַר וואָס דענקען מענשען אַזוי און ניט אַנדערש, פאַר וואָס זיינען מענשען אַנדערש איבערצייגט היינט, ווי זיי זיינען געוועזען מיט איינינגע הונדערט יאָהר צוריק? פאַר וואָס ווילען מענשען היינט האָבען אַנדערע אינסטיטוציאָנען, אַנדערע געזעצען, ווי אַמאָל?

ביי מאַרקס'ען זיינען די געשיכטליכע פּאַסירונגען ניט צו־פעליגע, וועלכע קענען זיין און קענען ניט זיין, איבער וועלכע דער מענש קען קיין שליטה ניט האָבען, נאָר רעגעלמעסיגע רע־זולטאַטען פון די מענשענ'ס האַנדלונגען און פערלאַנגען און ממילא קען דער מענש אַליין נעהמען זיין מזל צו זיך אין די הענד. די היסטאָריע קומט פאַר לויט געוויסע געזעצען, וועלכע די מענשען פיהרען דורך, און מאַרקס'עס גרויסער פערדיענסט בעשטעהט אין דעם, וואָס ער האָט אָט די געזעצען ענטדעקט.

אין קורצען קען מען זיך פאָרשטעלען דעם געדאַנקען גאַנג פון מאַרקס'ען אַזוי:

דער צושטאַנד פון דער היינטיגער טעכניק קאָנצענטרירט מאַסען ארבייטער צוזאמען. די אַרבייט איז אזוי צוטיילט, אז יעדער אַרבייטער פערלירט זיין אינדיווידואַליטעט, זיין פּערזענליכקייט. די פּראָדוקטען ווערען געשאפען אויפ'ן מעכאַנישען שטייגער. היינטיגע פּראָדוקציאָן איז אַ קאָלעקטיווע, ניט קיין אינדיווידואַליסטישע. די קאָלעקטיווע פּראַדוקציאָן בעשאפט ביי די אנטייל נעהמער אין דער פּראַדוקציאָן — ביי די ארבייטער — קאָלעקטיווע איבערצייגונגען, סאָציאַליסטישע איבערצייגונגען און אַט די איבערצייגונגען פיהרען צו אן איבערקעהרעניש אין די געזעצען און אינסטיטוציאָנען. ווען די פּראָדוקטיווע קרעפטען זיינען אזוי ווייט ענטוויקעלט, דאָס דער אינדיווידואום אלס אַן אַרבייטער שפּיעלט אין די מעהרסטע צווייגען פון דער פּראַדוקציאָן קיין ראָלע ניט, ווען זיין אונטערנעהמונגס גייסט איז איבריג, ווען זיין גאַנצע ראָלע אין לעבען איז ניט מעהר ווי פון אַ פערקויפער פון ארבייטס קראפט, — דעמאָלט קומט די איבערקעהרעניש, די אַזוי גערופענע סאָציאַלע רעוואָלוציאָן, וואו די געזעצען און אינסטיטוציאנען וועלען ווערען צוגעפּאסט צו די אינטערעסען פון די ארבייטער.

אויף דער פראַגע, ו ו ע ן קומט דער סאָציאַליזם? ענטפערט מאַרקס, אז דער סאָציאַליזם וועט קומען, ווען די פּראָדוקטיווע קרעפטען וועלען דערגרייכען אזא הויכע שטופע פון ענטוויקלונג, דאָס אלעס, אדער כמעט אלעס וועט ווערען געשאפען אויפ'ן מעכאַנישען אופן, און דער אינדיווידואום אלס אן אונטערנעהמער וועט זיין איבריג.

אויף דער פראַגע ו ו ע ר וועט ברייגגען דעם סאָציאַליזם? ענטפערט מאַרקס, אז פון אלע קלאסען אין דער געזעלשאפט קען נור דער ארבייטער קלאַס בריינגען דעם סאָציאַליזם, ווייל דער ארבייטער קלאַס געפינט זיך אין דער סביבה פון דער קאָלעקטיוויסטישער פּראָדוקציאָן, וואס איז געשאַפען געווארען דורך די פּראָדוקטיווע קרעפטען, און במילא ווערט ער דורכגעדרונגען מיט דער פּסיכאָלאָגיע, מיט די איבערצייגונגען, אז די איצטיגע אָרדנונג איז איבעריג און שעדליך פאר די נוצען פון די אַרבייטער, וועלכע קענען שוין זייער שטעדטעל בעשטעהן פאר זיך, אָהן

די הילף פון פריוואט אונטערנעהמער, וואס נעהמען זיך צו די פרוכט פון אנדערענס ארבייט.

מארקס'עס פילאָזאָפיע, ווי מיר האָבען געזעהן, איז דיזעלביגע, צו וועלבער די אלע נאטור פארשער פון דארווין'ס שוהל, זיינען געקומען. מארקס'עס ענטדעקונג גופא קען בעטראכט ווערען אלס א פאָרטזעצונג פון דארווין'ס ענטדעקונג אין דער ביאָלאָגיע. דארווין האָט פאר אונז ענטפלעקט די געזעצען פון דער נאטור; מארקס — די געזעצען פון דער געזעלשאפט. דארווין האָט אונז געוויזען די אורזאכען, דורך וועלבע דער מענש האָט זיך ענטוויקעלט פון א שטיקעל פראָטאפלאזמא; מארקס האָט אונז אָנגעוויזען אויף די אורזאכען, דורך וועלבע די געזעלשאפט וועט פון איהר ווילדען צושטאנד עררייכען די העכסטע פערפאָלקאָמונג און ענטוויקלונג. דארווין לייגט אלס יסוד פאר דער עוואָלוציאָן אין דער נאַטור דעם קאמפף אום'ס דאזיין. מארקס לייגט אויך א קאמפף אום'ס דאזיין אלס דעם יסוד פאר דער עוואָלוציאָן אין דער געזעלשאפט. דארווין בעשעפטיגט זיך מיט דעם מענשען אלס א פיזיאָלאָגישע איינהייט; מארקס בעשעפטיגט זיך מיט איהם ווי מיט א טייל פון דער געזעלשאפט. דאָרטען וואו דארווין ענדיגט, פאנגט מארקס אָן. דער קאמפף אום'ס דאזיין, וואס האָט לויט דארווין'ען דעם מענש געמאכט פאר'ן קרוין אין דער נאַטור, פאר'ן קעניג איבער אלע חיות און עופות, טרייבט, לויט מארקס'ען, אויסצובעסערען די פראָדוקטיווע קרעפטען און יעדע ענדערונג אין די פראָדוקטיווע קרעפטען רופט אויך ארויס ענדערונגען אין די פאָליטישע און קולטורעלע פאָרמען פון א געוויסער עפאָכע.

די ענדערונגען אין די פראדוקטיווע קרעפטען קומען פאר א צייט פריהער, ווי די ענטשפרעכענדע ענדערונגען אין די פאָליטישע און קולטורעלע פארמען. עס דויערט א היבשע צייט, פֿיידער אלע מענשען ווערען געצוואונגען אָנצונעהמען די פאָדערונ-

נען, וועלכע די פּערענדערטע פּראדוקטיווע קרעפטען האָבען גע־שאפען. אין דער צייט, ווען די נייע פּראדוקטיווע קרעפטען נוי־טיגען זיך שוין אין א נייער פּאָליטישער פאָרמע, הערשט נאָך די אַלטע פּאָליטישע פארמע אויפ'ן סמך פון איהר חזקה. עס קומט דאָ פאר א ווידערשפּרוך צווישען די פאדערונגען פון די נייע פּראָדוקטיווע קרעפטען און דער אַלטער אָבגעלעבטער פּאָליטישער אָרדנונג.

דיזער ווידערשפּרוך איז דאָס דער קלאַסען־קאַמפּף פון דער געשיכטע.

מאָררים הילקוויט

# קאַרל מאַרקס און דער קלאַסענקאַמפּף.

די סאָציאַליסטישע בעוועגונג שטיצט זיך אויף א גאנצע רייהע געזעלשאפטליכע און עקאָנאָמישע לעהרען, וועלכע זיינען בעקאנט אלס די „טהעאריע" אדער „פילאָזאָפיע" פון סאציאליזם.

די טהעאָריע פערנעהמט אן אָנגעזעהענעם פּלאץ אין דעם מאָדערנעם סאציאליזם. זי גיט צו א וויסענשאפטליכען כאראקטער צו דער בעוועגונג, פאָרמולירט איהרע ציעלען און העלפט קלאָרער מאכען איהרע מעטהאָדען. אבער ניט קוקענדיג דערויף ווערט דער סאציאליזם ניט געמאָסטען מיט טהעאָרעטישע לעהרען אין דעם זין, ווי דאָס ווערט געטהאָן מיט אבסטראקטע וויסענשאפט אָדער פילאָזאָפיע. די סאציאליסטישע בעוועגונג איז ניט ענטשטאַנען פון פילאָזאָפישע לעהרען און איהר שיקזאל איז אויך ניט אין גאנצען אבהענגיג פון דער ריכטיגקייט אדער אונריכטיגקייט פון אירגענד וועלכער סאציאלער טהעאָריע. דער סאציאליזם איז א בעוועגונג פון לעבעדיגע מענשען. ער איז געבוירען געווארען דורך בעשטימטע סאציאלע אומשטענדען, וואס זיינען איינגעווארצעלט אין דער היינטיגער געזעלשאפט, און ער פיהרט צו א בעשטימטען עקאָנאָמישען און פּאָליטישען ציעל. די סאציאליסטישע פילאָזאָפיע בעטראכט די בעוועגונג ווי זי איז. זי קלויבט זיך פערנאַנדער אין די אורזאכען פון דער בעוועגונג, בעשטימט איהר ציעל און צייכענט אָן איהר ווייטערדיגען וועג. די סאציאליסטישע פילאָזאָפיע שאפט ניט די בעוועגונג מעהר, ווי אסטראָנאָמיע שאפט די פּלאַנעטען סיסטעם.

נאָכפאָלגענדיג דעם גאנג פון דער פּראקטישער בעוועגונג, פון איהרע ערשטע שריט אין דעם לעצטען יאָהר הונדערט ביז איהר יעצטיגען מעכטיגען צושטאַנד, האָט די סאציאליסטישע פילאָזאָפיע דורכגעמאכט פיעלע שטופען פון ענטוויקלונג ביז זי איז געקומען צו איהר היינטיגען בעשטימטען בליק. ווי אין יעדען געדאנקענגאנג, איז די עוואָלוציאן פערווירקליכט געווארען דורך פיעלע דענקער און געלערנטע, פון וועלכע יעדער איינער האָט בייגעשטייערט זיין חלק וויסען און געהאָלפען צוזאמענברענגען דעם מאַטעריאל, פון וועלכען עס זאל קענען געשאפען ווערען א פעסטע געביידע פון א וויסענשאפטליכער סיסטעם.

אין הינזיכט פון סאציאליזם איז די טהעאריע געשאפען געווארען פון א „בוי־מייסטער" אין דער פערזאן פון קארל מארקס.

די טהעאָריע פון סאָציאַלער רעוואָלוציאָן איז דער פונדאַ־מענט פון דער מאָדערנער סאָציאַליסטישער פילאָזאָפיע. די אַנ־שויאונג פון געזעלשאַפטליכער ענטוויקלונג אַלס אַ פּראָצעס וואָס האַלט בסדר אין וואַקסען איז פערהעלטניסמעסיג נייַ אין דעם מענשליכען געדאַנק. ביז דעם 18טען יאהר הונדערט איז די גע־שיכטע בעטראַכט געוואָרען אַלס רעזולטאַט פון צופעליגע געשע־הענישען. אָבער צום סוף פון 18טען און אין אָנפאַנג פון 19טען יאהר הונדערט זיינען פאָרגעקומען ראַדיקאַלע ענדערונגען אויף אַלע געביטען פון מענשליכען געדאַנק און וויסען. נייַע טהע־אָריעס זיינען געשאַפען געוואָרען; גרינדליכע אונטערזוכונג האָט פערנומען דעם פּלאַץ פון השערות, און דער מענש האָט אָנגעהויבען זוכען די אורזאַכע און ווירקונג פון אַלע נאַטירליכע ערשיי־נונגען.

נאָכהער איז די וויסענשאַפטליכע מעטהאָדע, וואָס איז אָנ־געווענדעט געוואָרען אין נאַטור וויסענשאַפט, איבערגעגאַנגען אין דעם פעלד פון געזעלשאַפטליכע אונטערזוכונגען, און עס איז גע־גרינדעט געוואָרען אַ נייַע „סאָציאַלע וויסענשאַפט“. עס איז אין אַלגעמיין אָנגענומען געוואָרען, אַז די מענשליכע געזעלשאַפט איז אונטערוואָרפען געוויסע געזעצען פון ענטוויקלונג און וואַקסען און דאָס אַלע געזעלשאַפטליכע איינריכטונגען ווערען פאָרמירט לויט בעשטימטע אורזאַכען וואָס קומען פאָר אין דער געזעלשאַפט.

אָבער וואָס זיינען די אורזאַכען, וואָס בעשטימען דעם גאַנג פון דער געזעלשאַפטליכער ענטוויקלונג? וואָס זיינען די עלע־מענטען וואָס פאָרמירען די סאָציאַלע און פּאָליטישע געביידע פון דער געזעלשאַפט? דאָס זיינען געווען די הויפּט פראַגען, וואָס האָבען פערנומען די מחות פון די גרינדער פון דער נייער וויסענ־שאַפט. קאַרל מאַרקס איז געווען דער ערשטער וואָס האָט אויס־געאַרבייט אַ בעשטימטע און פערשטענדיגע לייזונג פאַר די וויכ־טיגע פראַגען.

„די פאָרם, אינהאַלט און די ענדערונג פון יעדער געזעל־שאַפטליכע אָרדנונג“, — ערקלערט דער גרינדער פון דער מאָדער־נער סאָציאַליסטישער פילאָזאָפיע, — „ווערען בעשטימט פון דעם עקאָנאָמישען באַזיס, אויף וועלכען די געזעלשאַפט איז געבויט“. לאָמיר נעהנטער בעטראַכטען די טהעאָריע.

פריעדריך ענגעלס, דער פריינד און מיטאַרבייטער פון קאַרל מאַרקס, ערקלערט די טהעאָריע בקיצור אויף פאָלגענדען אופן:

„די פּראָדוקציאָן פון זאַכען וואָס דיענען אויפצוהאַלטען דאָס מענשליכע לעבען און דער טויש פון די זאַכען, פאָרמירען דעם גרונד פון אַלע געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס. די אַרט און ווייזע ווי רייכטום ווערט פערנאַנדערגעטיילט און ווי מענשען ווערען צו־טהיילט אין קלאַססען איז אין יעדער געזעלשאַפט, וואָס איז בע־קאַנט אין דער געשיכטע, אָבהענגיג פון דעם וואָס עס ווערט פּראָ־דוצירט, ווי דאָס איז פּראָדוצירט ון ווי די פּראָדוקטען ווערען אויסגעביטען. פון דעם שטאַנדפּונקט דאַרף מען זוכען די הויפּט אורזאַכען פון אַלע געזעלשאַפטליכע ענדערונגען און פּאָליטישע רעוואָלוציאָנען נים אין דעם מענשענ׳ס מאָרך, נים אין די אי־נערליכע גוטסקייט פון מענש אָדער אין זיין שטרעבען נאָך אמת און גערעכטיגקייט, נאָר אין די ענדערונגען וואָס קומען פאָר אין דער פאָרם פון פּראָדוקציאָן און אויסטויש.״

ווי די טהעאָריע ווערט היינט פערשטאַנען און אויסגעטייטשט איז זי זעהר איינפאַך און קען אילוסטרירט ווערען דורך אַ בע־קאַנטען ביישפּיעל. אונטער נאָרמאַלע אומשטענדען וועט אַ מענש צו אַלעם ערשט טראַכטען וועגען זיין מאַטעריעלער עקזיסטענץ. די אַרט און ווייזע ווי ער פערדיענט אויף זיינע לעבענסמיטלען (זיין אַרבייט, פּראָפעסיאָן, אָדער עקאָנאָמישע אומשטענדען) בע־שטימט אין אַ גרויסער מאָס זיינע געוואָהנהייטען, בע־קאַנטשאַפט און פערלאַנגען — בעשטימט דעם פּלאַץ וואָס ער פערנעהמט אין לעבען, בעשטימט זיינע פיהרונגען און זיין בליק אויפ׳ן לעבען. דער זעלבער געזעץ קען אויך אָנגעווענדעט ווערען אויף גרופּען מענשען, וואָס זיינען אָרגאַניזירט אין געזעלשאַפטען. דער ערשטער אינסטינקט, דאָס ערשטע בעוואוסטזיניגע שטרע־בען פון יעדער נאַציאָן איז צו האָבען גענוג מיטלען פאַר איהר מאַטעריעלע עקזיסטענץ — צו קענען פּראָדוצירען רייכטום; און די אַרט און ווייזע ווי זי פּראָדוצירט איהרע מיטלען בעשטימט ענדליך איהר פאָרם פון אָרגאַניזאַציאָן, די צוטהיילונג פון אַר־בייט אָדער פונקציאָנען, בעשטימט איהרע בעגריפען וועגען יושר און אונגערעכטיגקייט — איהר פּאָליטיק, איהרע געזעלשאַפטליכע קלאַססען און עטהיק. די רעגיערונג, געזעלשאַפטליכע בעציהונגען

און מאַראַל ביי ווילדע שבטים וועלען נאַטירליך זיין אַנדערש, ווי ביי מענשען וואָס פערנעהמען זיך מיט ערד ארבייט, ווי ביי א געזעלשאַפט וואו עס הערשט א סיסטעם פון שקלאַפען־אייגענטום, אדער ווי ביי אַזעלכע וואָס לעבען אונטער אַן ארדנונג פון פאַבריקאַציאָן און האַנדעל. אין יעדען פון די פעלע וועלען די מענשען אָננעהמען די פאָרם וואָס איז אַם בעסטען צוגעפּאַסט אויף אַבצוהיטען און ענטוויקלען די עקזיסטירענדע עקאָנאָמישע אינטערעסען.

דאָס מיינט ניט, אַז די עקאָנאָמישע שטרעבונגען זיינען דער גאַנצער מאָטיוו פון נאַציאָנאַלען לעבען און פון נאַציאָנאַלער טהעטיגקייט. אידעאַליסטישע פערלאַנגען און גייסטיגע אדער מאָראַלע שטרעבונגען פערנעהמען אָפט א וויכטיגען פּלאַץ און זיינען אפילו די לייטענדע ערשיינונגען אין דעם פּראָגרעס פון ציוויליזאַציאָן. אָבער געוועהנליך זיינען די שטרעבונגען און פערלאַנגען אַליין אויך א פּראָדוקט פון די מאַטעריעלע אומשטענדען.

די מאַטעריאַליסטישע אַנשויאונג אויף דער געשיכטע פיהרט לאָגישערווייזע צו א צווייטער וויכטיגער מאַרקסיסטישער אַנשויאונג — די לעהרע וועגען קלאַסען קאַמפּף.

זי זאָגט אונז דאָס פאָלגענדע: אַזוי שנעל ווי א געזעלשאַפט קומט צו דער שטופע פון עקאָנאָמישער ענטוויקלונג, קומט צו דער שטופע פון דער צוטהיילונג פון ארבייט, ווערען די מיטגליעדער פערנאַנדערגעריסען אויף פערשיעדענע גרופּען, מיט בעזונדערע, אָפט מאָל נעגענגעזעצטע עקאָנאָמישע אינטערעסען. דיזע גרופּען, מיט זייערע בעזונדערע אינטערעסען, בילדען די „קלאַסען" פון דער געזעלשאַפט, און די הויפּט פערנאַנדערטהיילונג פון די קלאַסען ווערט געשאַפען דורך דעם בעזיץ אדער אונבעזיץ פון אייגענטום. די וואָס פערמאָגען אייגענטום זיינען די פּריווילעגירטע און הערשענדע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט; די וואָס האָבען ניט קיין אייגענטום זיינען די אָבהענגיגע און אונטערדריקטע קלאַסען. די מיטגליעדער פון יעדען פון די געזעלשאַפטליכע טהיילען זיינען פעראייניגט אין זייערע עקאָנאָמישע אינטערעסען און פיינדליך צו יענע וואָס האָבען געגנערישע עקאָנאָמישע אינטערעסען.

די הערשענדע קלאַסען בעמיהען זיך אימער אָנצוהאַלטען און פערשטאַרקען זייער עקאָנאָמישע איבערמאַכט, אין דער צייט ווען די אָבהענגיגע קלאַסען שטרעבען אינסטינקטיוו אדער בעוואוסט־זיניג צו פערבעסערען זייער געזעלשאַפטליכע לאַגע דורך בעגרענ־צען די מאַכט און פריווילעגיען פון זייערע עקספּלואַטאַטאָרס. די מאַרקסיסטישע סאָציאַליסטען האַלטען, אז דער ענטשטעהענדער קאַמפּף צווישען די גענגערישע קלאַסען אין יעדער ציוויליזאַציאָן, איז דער תמצית פון דער געשיכטע פון די פעלקער.

טריי צו דער מאַטעריאַליסטישער וועלט אַנשויאונג בעטראַכט ניט דער מאַרקסיסט די אורזאַכען פון דער שלעכטסקייט פון דער היינטיגער געזעלשאַפט אלס „שולד" אדער „אונגערעכטיגקייט" פון די הערשענדע קלאַסען אדער איינצעלנע פּערזאָנען. ער זוכט אויך ניט צו געפינען דערצו א רפואה אין דער טיעפעניש פון זיין אייגענעם פערשטאַנד. דער מאַרקסיסט האַלט, אז די „שולד" און „אונגע־רעכטיגקייט" מוז מען געפינען אין דער עקאָנאָמישער צוזאַמענ־שטעלונג פון דער היינטיגער געזעלשאַפט, אין אונזערע מעטהאָדען פון פּראָדוצירען און פערנאַנדערטהיילען רייכטום, און ער אונטער־זוכט ווייטער דעם מעכאַניזם פון אונזער אינדוסטריעלער סיסטעם. עס איז מערקווירדיג, אז די הויפּט ארבייט פון קאַרל מאַרקס, די „ביבעל פון מאָדערנעם סאָציאַליזם", איז ניט קיין פילאָזאָפישע אדער מאָראַלע אָבהאַנדלונג, נאָר א וויסענשאַפטליך ווערק איבער פּאָליטישע עקאָנאָמיע, מיט דעם נאָמען „קאַפּיטאַל".

מארקס צייגט אָן, אז דאָס היינטיגע רייכטום אונטערשיידעט זיך אין כאַראַקטער פון דעם רייכטום פון די פריהערדיגע יאהרען. עס האָט אין זיך ניט קיין סימנים פון שקלאַפעריי און אפילו ניט קיין סימן פון לאַנד אָדער אַגריקולטור פּראָדוקטען. דאָס היינ־טיגע רייכטום בעשטעהט הויפּטזעכליך פון אָנגעקליבענעם פּריי־וואַט אייגענטום און פון געצייג און מאַשינעריע, וואָס ווערט גע־ברויכט פאַר זייער פּראָדוקציאָן און פערנאַנדערטהיילונג. רייכ־טום אין דער פאָרם איז ק א פּ י ט א ל און די אייגענטהימער דערפון זיינען ק א פּ י ט א ל י ס ט ע ן.

דער העכסטער ציעל פון קאַפּיטאַל איז צו פּראָדוצירען און אויסטוישען פּראָדוקטען און אויף אזא אופן האַלטען זיי אין איין פערמעהרען — דאָס איז דער תמצית פון דעם אינדוסטריעלען פּראָ־

**צעם. יעדע אינדוסטריעלע רייכטום ווערט אין אזא פּראָצעס גע־שאַפען און אלע פּראָפיטען ווערען דערפון געמאַכט.**

אויב דער ווערטה פון אלע פאַבריצירטע זאכען זאָל געמאָס־טען ווערען מיט דער ארבייט, וואס איז אין זיי אריינגעלעגט גע־וואָרען, וואָלטען די קאַפּיטאַליסטען ניט געמאַכט קיין פּראָפי־טען און ניט אָנגעקליבען קיין רייכטום, ווען זיי זאָלען אויסצאָה־לען די ארבייטער און אָנגעשטעלטע, אין דער פאָרם פון שכירות, די פולע ווערטה פון זייער ארבייט, דאָס הייסט, דאָס גאַנצע גע־שאַפענע רייכטום. עס איז דארום קלאָר, אז דאָס געלד, וואס ווערט אויסגעצאָהלט די ארבייטער אין שכירות, שטעלט מיט זיך פאָר א סומע ווענינער ווי די פולע ווערטה פון דער ארבייט, וואס איז אין די פּראָדוקטען אריינגעלעגט געוואָרען. ווי אזוי ווערט בעשטימט שכירות און ווי אזוי ווערען פּראָפיטען געמאַכט?

„ארבייט”, ענטפערט מאַרקס, „איז אין דער יעצטיגער סיס־טעם א פּראָדוקט און ווערט געקויפט פון די פאַבריקאַנטען קאַפּי־טאַליסטען אויף אן אָפענעם מארק, אויף דעם זעלבען שטייגער ווי רויהע מאַטעריאַלען אדער מאַשינעריע — לויט די ווערטה פון מארק. די ווערטה פון ארבייט אויפ׳ן מארק ווערט בעשטימט אויף דעם זעלבען אופן, ווי דער ווערטה פון אנדערע פּראָדוקטען — לויט דער קאָסט פון דער פּראָדוקציאָן. אין דעם פאַל פון אר־בייט מיינט עס די גלייכע ווערטה פון א בעשטימטער מאָס שפּייז, קליידער און אנדערע נויטווענדיגקייטען צום לעבען, וואס זאָלען געבען דעם ארבייטער א מעגליכקייט צו ברענגען נייע דורות, וואס זאָלען איהם געבען א מעגליכקייט אָנצוהאַלטען זיין געזונד און זיין ארבייטס־קראַפט פון טאָג צו טאָג, אין איינקלאַנג מיט דעם עקזיסטירענדען סטאַנדאַרד פון לעבען.

אַלזאָ, אויב די נויטווענדיגקייטען פאַר דעם ארבייטער׳ס לע־בען פאַר טאָג קענען פּראָדוצירט ווערען אין זעקס שטונדען פון דורכשניטליכע געזעלשאַפטליכע ארבייטס־צייט, וועלען די דורכ־שניטליכע שכירות מיט זיך פאַרשטעלען דעם טהייל פון זיין אר־בייט וואס איז גלייך צו זעקס שטונדען. און אויב ער ארבייט צעהן שטונדען, וועט דער פּראָדוקט פון די איבריגע פיער שטונ־דען געהן צו זיין ארבייטס־געבער. דער טהייל פון דעם ארביי־

טער'ס פּראָדוקט, וואָס דער קאַפּיטאַליסט האַלט אָן פאַר זיך, רופט מאַרקס „מעהר־ווערטה".

די „מעהר־ווערטה" איז פאַר קיין פאַל ניט דער ריינער פּראָ־פיט פאַר דעם ארבייטס־געבער־קאַפּיטאַליסט. פון דעם צאָהלט ער געוועהנליך „רענט" פאַר זיין פאַבריק אדער ארבייטס־פּלאַץ, אדער פּראָצענט צום באַנקיר, וואָס לייהט איהם אויס געלד, א. ד. ג. אלע פאָרמען פון אויסגאַבען און איינגאַהמען פון קאַפּיטאַ־ליסט, ווי רענט, פּראָצענט, פּראָפיט, זיינען אָבהענגיג פון דער פּראָ־דוצירטער „מעהר־ווערטה", אין דער צייט, ווען די ארבייטער זיי־נען אָבהענגיג מיט זייער לעבען פון שכירות. אזוי ווי שכירות און „מעהר־ווערטה" קומען פון דער זעלבער קוועלע — פון אר־בייט, וואָס ווערט געברויכט צו פּראָדוצירען רייכטום — איז אויף אזא אופן קלאָר, אז איין טהייל איז פערהעלטניסמעסיג קלענער, ווען די אנדערע טהייל איז גרעסער.

אזוי קומט כסדר צו א צוזאַמענשטויס פון אינטערעסען צווי־שען דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס און דעם ארבייטער קלאַס איבער יעדען איינעמס חלק אין דער פּראָדוקציאָן, און אין דעם צוזאַמענ־שטויס ליגט דער גרונד פון דעם גאַנצען קלאַסען קאַמפּף אין דער היינטיגער געזעלשאַפט:

דער מאָדערנער קלאַסען קאַמפּף איז אָבער ניט בעשרענקט מיט דעם עקאָנאָמישען לעבען פון נאַציאָנען. דער קלאַסען קאַמפּף בעאיינפלוסט שטענדיג און בעשטימט אָפט אויך זייער פּאָליטיק. די בעציהונג פון פּאָליטישע פּארטייען צו קאַפּיטאַל און ארבייט פערנעהמט אן אָנגעזעהענעם פּלאַץ אין אלע מאָדערנע פּאָ־ליטישע פּלאַטפאָרמען.

דער קאַמפּף צווישען קאַפּיטאַל און ארבייט קומט פאַר ניט צוליעב פּערזענליכע פיינדשאַפט אדער צוליעב דעם וואָס די קאַ־פּיטאַליסטען און ארבייטער פערשטעהען ניט איינער דעם אַנדערען. די פּריוואַטע בעציהונגען צווישען אַן ארבייטס־געבער און זיי־נע ארבייטער קענען זיין זעהר פריינדליכע אוןביידע צדדים קע־נען זאָגאַר זיין אונבעוואוסטזיניג וועגען דעם צוזאַמענשטויס פון זייערע אינטערעסען; אבער דער צוזאַמענשטויס איז טיעף בע־האַלטען אין זייערע עקאָנאָמישע בעציהונגען, און קיין פּערזענליכע פריינדשאַפט אדער האַרמאָניע קען דעם צוזאַמענשטויס ניט פער־

מיידען, אזוי לאנג ווי עס עקזיסטירט די קאפיטאליסטישע סיס־טעם פון פראדוקציאן.

דער קאפיטאליסט בעזיצט די פעהיגקייט אויסצודריקען „מעהר־ווערטה" פון דעם ארבייטער און ארויסקריגען אויף אזא אופן פראפיט און רייכטום און דערגעהן צו דער שטופע, אז ער זאל זיין דער אייגענטימער פון דער מאשינעריע און געצייג, אהן וועלכע עס קען קיין רייכטום ניט געשאפען ווערען. דער ארבייטער איז געצוואונגען אבצוגעבען דעם קאפיטאליסט א היבשע טהייל פון דער פרוכט פון זיין ארבייט, ווייל ער פערמאגט גאר ניט א חוץ זיין ארביימס־קראפט, וועלכע איז ווערטהלאז אהן די מאדערנע געצייג און מאשינעריע. דער פריוואטער קאפיטאליסטישער איי־גענטימער פון געצייג אדער מאשינעריע פון פראדוקציאן בעזיצט דאן די קוועלע פון דער קאפיטאליסטישער מאכט איבער די אר־בייטער'ס שוואכקייט. און פונקט ווי עס איז אין די אינטערעסען פון די קאפיטאליסטען אנצוהאלטען די סיסטעם, אזוי איז עס אין די אינטערעסען פון די ארבייטער זי אבצושאפען.

סאציאליזם, וואס אגיטירט אבצושאפען פריוואט אייגענטום אויף פראדוקציאנס מיטלען, איז די לאגישע פילאזאפיע און דער געזעלשאפטליכער ציעל פון די ארבייטער קלאסען.

אין אנפאנג פון 19טען יאהר הונדערט האבען די סאציאליס־טען געדענקט, אז די „שולד" פון די סאציאלע איבלען ליגט אין דער ארגאניזאציאן פון דער געזעלשאפט, ווייל עס פעהלט די גע־זעלשאפטליכע אינטעליגענץ, און אזוי שנעל ווי מענשען, הויפט־זעכליך די, וואס האבען די מאכט און אויטאריטעט, וואלטען בע־גריפען די חסרונות פון דער עקזיסטירענדער ארדנונג, וואלט די געזעלשאפט געקענט איבערגעבויט ווערען אויף „פערנינפטיגע" און „גערעכטע" יסודות. אויף אזא אופן האבען די ערשטע סא־ציאליסטען זיך געווענדעט צו דעם געוויסען פון דער מענשהייט בכלל און צו דער ברייטהערציגקייט פון די רייכע און מעכטיגע בפרט, וועלענדיג זיי איבערציינגען מיט בעווייזע און „פראקטישע דעמאנסטראציאנען", און האבען פאר דעם צוועק געגרינדעט „סא־ציאליסטישע קאלאניעס".

קארל פוריע, דער גרויסער פראנצויזישער סאציאליסט, וואס האט בעלאנגט צו דער אוטאפיסטישער שולע, האט אפעלירט צו

די רייכע, אז זיי זאָלען פאַר איהם שאפען מיטלען צו גרינדען א „מאָדעל קאָלאָניע”, און די לעצטע צעהן יאהר פון זיין לעבען פלעגט ער זיין אין הויז מיטאָגס־צייט, פּינקטליך ווי א זייגער, וואַרטענ־דיג פּיליכט וועט זיך א גוטהערציגער מיליאָנער אָנרופען אויף זיין אפּיעל. ראָבערט אָוען, פוריע'ס ענגלישער צייט־גענאָסע, איז זאָגאר געגאנגען אזוי ווייט, דאָס ער האָט פארגעשלאָגען צאר ני־קאָלאי דעם ערשטען, פון רוסלאַנד, זיינע פּלענער וועגען דעם איבּדוסטריעלען איבערבויען פון דער געזעלשאפט.

די פילאָזאָפיע פון קאַרל מאַרקס האָט אריינגעבראכט א ראַ־דיקאַלע ענדערונג אין דער סיטואַציאָן. קאַרל מאַרקס האָט בע־גרינדעט די טהעאָריע, אז די ארבייטער קענען ניט האָפען אויף א סך הילף פון די הערשענדע קלאסען, ווייל אויב קאפּיטאַליסטען וואָלטען אָבגעשאפט פּריוואַט אייגענטום, וואָלטען זיי אליין בע־גאנגען זעלבסטמאָרד געגען זיך און זייער קלאַס. די נייע טהעאָ־ריע האָט געלערענט די ארבייטער, אז זיי מוזען זיין אָבהענגיג פון זיך אליין, אום צו לייזען זייערע סאָציאַלע פּראָבלעמען. אנ־שטאָט וואס די ערשטע סאָציאַליסטען האָבען אפּעלירט צום גע־וויסען פון דער מענשהייט און אָגיטירט פאר איינזייטיגע טהעטיג־קייט פון ריין עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציאָנען, האָט דער מאַרקסיזם אריינגעבראכט א קלאָרען בעגריף וועגען קלאסען קאמפּף און וועגען אויסגעהאַלטענער קלאסען־טהעטיגקייט אויף דעם עקאָנאָמישען און פּאָליטישען געביט.

אָבוואָהל די קאפּיטאַליסטען און לוין־ארבייטער זיי־נען די וויכטיגסטע גרופּען אדער קלאסען אין דער היינטיגער געזעלשאפט, זיינען זיי אבער דאָך ניט די איינציגע קלאסען. צווישען די צוויי זיינען דאָ אַנדערע וויכטיגע עקאָנאָ־מישע גרופּען, וואס ווערען געוועהנליך בעצייכענט אלס „מיטעל קלאסען”. די בעשטעהען פון קליינע פארמערס, פאַבריקאַנטען, סוחרים, דאָקטוירים, אדוואָקאַטען, שרייבער, מאָלער, און פער־שיעדענע געלערענטע. א גרויסער טהייל פון זיי ארבייטען דירעקט און אינדירעקט פאר דעם קאפּיטאַליסטישען קלאַס. די דירעקטע עקאָנאָמישע אינטערעסען פון פיעלע פון די קלאסען האָבען מעהר א שייכות מיט די אינטערעסען פון די ארבייטער, ווי מיט די קאפּיטאַליסטישע אינטערעסען, און אין דעם געזעלשאפטליכען

קאַמפּף פון די קלאַסען קען מען זיי אַפּט געפינען אויף דער זייט פון די ארבייטער.

אַזוי ווי די לוין־ארבייטער שטעלען מיט זיך פאַר די לעצטע פאָרם פון עקאָנאָמישער אָבהענגיגקייט און עקספּלואַטאַציאָן, וועט דער זיעג פון די ארבייטער אין דעם נאָך ניט ענטשיעדענעם קלאַסען קאַמפּף מוזען ברענגען די רעזולטאַטען פון אָבשאַפען אַלע קלאַסען — די עקאָנאָמישע בעפרייאונג פון דער גאַנצער מענשליכער ראַסע.

* * *

די מאַרקסיסטען דענקען, אַז די נויטיגע אומשטענדען פאַר דעם איבערגאַנג צו סאָציאַליזם ווערען צייטיג אין די ראַהמען פון דער היינטיגער געזעלשאַפט און אַז דער ארבייטער קלאַס ענטוויקעלט שנעל די ווירקונג פאַר דער ענדערונג.

דער קאַפּיטאַליזם, אַ דאַנק די געזעצען פון זיין אייגענער ענטוויקלונג, ווישט אָב דעם פּערזענליכען כאַראַקטער אין דער פּראָדוקציאָן און פּערוואַלטונג. די מאַשין און פאַבריק סיסטעם פערוואַנדעלט די פּראָדוקציאָן אין אַ געזעלשאַפטליכע און קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעהמונג, אין דער צייט ווען די גרויסע קאָרפּאָראַציאָנען און טראַסטס העלפען אָרגאַניזירען די פּערוואַלטונג פון אינדוסטריען אויף אַ ברייטען נאַציאָנאַלען באָדען. און די געזעצען פון דער קאַפּיטאַליסטישער ענטוויקלונג הערען ניט אויף צו ארבייטען און אונטערגראָבען אַליין דעם פונדאַמענט, אויף וועלכען עס שטיצט זיך די גאַנצע סיסטעם. די קאָנקורענץ־מלחמות מאַכען פעט די זיעגער און פערניכטען די בעזיעגטע יעדען טאָג. דער קאַפּיטאַל און די עקאָנאָמישע מאַכט ווערען יעדען טאָג אַלץ מעהר קאָנצענטרירט אין אַ קלענערע גרופּע — מיט פינאַנציעלע און אינדוסטריעלע אינטערעסען.

אין די פעראייניגטע שטאַאַטען קען מען שוין איצט אָנצייגען אויף אַ קליינע צאָהל פון פּערזאָנען, וואָס קאָנטראָלירען צוזאַמען די הויפּט קוועלען פון פּראָדוקטען און פון נאַציאָנאַלע אוצרות. דער פּראָצעס האָט געמאַכט ריעזיגע שריט אין פערלויף פון די לעצטע פינף־און־צוואַנציג יאָהר. וואָסער שטופע וועט ער דערגרייכען אין אַ פערטעל יאָהר הונדערט אַרום? ווען איין גרויסער געלד־פּרעסער קענען איינשלינגען דאָס לעבען און עקזיס־

טענץ פון די הונדערט מיליאָן איינוואָהנער פון דעם לאַנד, אדער דאָס פאלק וועט ענטוויקלען זיין מאכט און האָבען גענוג קרעפ־טען און אינטעליגענץ צו בעפרייען זיך אליין פון דער געפאהר — צו איבערבויען די געזעלשאַפט אויף נייע און געזונדערע יסודות?

מארקסיסטען גלויבען, אז די סאציאליסטישע בעוועגונג פון ארבייטער קלאַס ענטוויקעלט זיך אין אזא מאכט. די רייהען פון די ארבייטער וואקסען כסדר, זייער צאָהל פערגרעסערט זיך זעהר שנעל. דער פראצעס פון קאַפּיטאַליסטישער ענטוויקלונג ווארפט אריין א היבשע צאָהל קליין־פארמערס, קליין־הענדלער, און קליין־פאבריקאנטען אין די רייהען פון לוין־ארבייטער.

דעם וואוקס פון ארבייטער קלאַס דארף מען ניט מעס־טען מיט ציפערען אליין. די ארבייטער פראגרעסירען כסדר אין געזעלשאפטליכע אינטעליגענץ, אין דעם גייסט פון רעוואָלט, אין פּאָליטישער קלוגהייט און מאכט. דאס איז ווירקליך מערקווירדיג פאר דעם אונגעהויערען וואוקס פון דער סאציאליסטישער בעוועגונג פון די לעצטע יאהרען, פאר דעם אונגעהויערען וואוקס פון די טרייד־יוניאנס, קאָ־אָפּעראטיווער בעוועגונג, „סאציאליסטישע" און „האלב־סאציאליסטישע" געזעצען, אָנגענומען פון די מאָדערנע געזעצגעבענדע קערפּערשאפטען. דער וואוקס פון דער סאציא־ליסטישער און ארבייטער בעוועגונג געהט האַנד אין האנד מיט דער ענטוויקלונג פון דער קאַפּיטאליסטישער מאכט, און די צייט וועט קומען, ווען די צוויי הויפּט און געגנערישע ערשיינונגען אין דער היינטיגער ציוויליזאציאָן וועלען זיך פערמעסטען מיט זייער קראפט.

וועלכע פון די צוויי וועט געווינען? די קליינע גרופּע, וואס האָט בלויז איהרע פינאַנציעלע אינטערעסען, אדער די גרויסע מא־סען פון ארבייטער, וואס פערטרעטען די אינטערעסען פון גאנצען פאָלק?

דער ענטפער קומט פון זיך אליין.

ד"ר. אלי סינטאָווסקי

# קאַרל מאַרקס אַלס פּובליציסט.

עס איז שווער צו געפינען נאָך א מענשען, וועלכער זאל זיין פאר די לעצטע פאר יאָהר אזוי פאפולער סיי אין די קרייזען פון די געלערנטע, סיי צווישען די ברייטע מאסע, ווי קארל מארקס. מארקס איז בעקאנט צו אלעמען אלס דער גרויסער נאציאנאל־עקאָנאָם און דער גרעסטער טהעאָרעטיקער און פילאָזאָף פון ווי־סענשאפטליכען סאציאליזם. ער איז אויך בעוואוסט אלס דער גרויסער רעוואלוציאנער און דער בעגרינדער פון אינטערנאציאנאל. ווייניג אבער ווייסען דאָס מארקס איז אויך געוועזען א גלענצענ־דער זשורנאליסט און פובליציסט.

מארקס האָט אָנגעפאנגען זיין קאריערע אלס פובליציסט אין 1842, ווען ער איז אלט געוועזען 24 יאָהר. מיט א יאהר פריהער האָט ער געהאט געענדיגט פילאָזאָפיע אין בערלינער אוניווערזי־טעט, וואו ער האָט שטודירט רעכטס־וויסענשאפט, פילאָזאָפיע און געשיכטע. זיין דאָקטאָר־ארבייט איז א ריין פילאָזאָפישע אָבהאנדלונג איבער דעם אונטערשיעד צווישען די נאטור פילאזא־פיע פון דעמאָקריט און עפיקור. מארקס האָט געוואָלט פערבליי־בען ביי דער וויסענשאפט און ווערען א פריוואט־דאָצענט אין אוני־ווערזיטעט. זיינעם א פריינד, מיט דעם נאָמען ברונא באוער, האָט אָבער די פרייסישע רעגיערונג פאריאָגט פון אוניווערזיטעט פאר זיינע ראדיקאלע אנשויאונגען און דאָס האָט מארקס'ען באלד געוויזען ווי ווייניג פרייהייט ס'איז פאראן אין די דייטשע אוני־ווערזיטעטען. ער האָט דעריבער דעם געדאנקען צו מאכען אַן אקאדעמישע קאריערע אין א פרייסישען אוניווערזיטעט אויפגע־געבען.

מארקס האָט זיך באלד גענומען קעמפפען געגען די אָפּגע־לעבטע, אָבגעשטאנענע, רעאקציאנערע אידעען און אָרדנונגען פון זיין פאטערלאנד. זיין ערשטער ארויסטריט אלס קעמפפער פאר פארטשריט און גערעכטיגקייט געגען די פינסטערע כוחות פון דער געזעלשאפט איז געוועזען אלס פובליציסט. פון דאַן אָן ביז צום סוף פון זיין ליידענפולען לעבען האָט ער דעם קאמפף ניט אויפ־געגעבען. ער האָט איהם געפיהרט מיט א פערביטערטער עקשנות, קיינעם ניט שאנעוועדיג, שטרענג סיי צו די געגנער, סיי צו די פריינד, ניט אפטרעטענדיג אויף א האָר פון זיינע פרינציפען.

פון אָנפאַנג 1842 ביז 1843, איז מארקס געווען א מיט־ארבייטער און שפּעטער איינער פון די רעדאַקטאָרען פון די „רהיינישע צייטונג", א צייטונג מיט א ליבעראַלען, זאגאר א ראַ־דיקאַלען כאראַקטער. איהרע הויפּט מיטארבייטער זיינען געווע־זען מענשען, וועלכע זיינען בעצייכענט געווארען אין יענער צייט אַלס יונג־העגעליאַנער. געגרינדעט איז געווארען די צייטונג פון די יונגע בורזשואזיע פון רהיינישען געגענד, וועלכע האָט אָנגע־פאַנגען א קאמפּף געגען די פּרייסישע אַפּגעלעבטע פעאָדאַלע אָרד־נונג, זיי האָבען דאָס איינגעלאַדען אַלס מיטארבייטער די יונגע געלעהרטע פון באָנן און בערלין, וועלכע זיינען געווען אנהיינגער פון די העגעלשע פילאָזאָפיע. מארקס און ברונא באַוער, וועלכע האָבען צו יענער צייט געלעבט אין באָנן, זיינען געווארען איהרע מיטארבייטער און באַלד אויך איהרע רעדאַקטאָרען. דער בע־ריהמטער אנארכיסט מאַקס שטירנער האָט אויך אָנגעפאַנגען זיי־נע ערשטע ליטעראַרישע אַרבייט אין דער דאָזיגער צייטונג. דער בעקאַנטער אידישער סאָציאַליסט מאָזעס העס איז אויך געווען א מיטארבייטער אין דער צייטונג. געלד מיטעל האָבען דער „רהיינישער צייטונג" ניט געפעהלט, ווייל איהרע גרינדער זיינען געווען מענשען פון רייכען קלאַס. די צייטונג האָט אָבער לאַנג ניט עקזיסטירט. זי איז געווען גלייך פון אָנפאַנג ווי א דאָרן אין די אויגען פון די בערלינער רעגיערונג. אין נעקסטען יאהר, אין 1843, איז די צייטונג צוגעמאַכט געוואָרען.

מארקס אַליין האָט געגלויבט דאָס פּובליציסטיק, און בעזונ־דערס צייטונגס אַרבייט, איז ניט פאַר איהם, ס'איז ניט זיין בע־רוף, און האָט זיך בעשעפטיגט דערמיט נאָר אַלס א צופאַל. אנ־דערש האָבען אָבער זיינע פריינד געגלויבט וועגען זיין פעהיגקייט אַלס פּובליציסט. דעם 24טען דעצעמבער 1842, האָט די פּריי־סישע רעגיערונג ארויסגעגעבען א נייע אינסטרוקציע פאַר די צענ־זאָרען. אויפ'ן קוק האָט די נייע אינסטרוקציע אויסגעזעהן ווי א ליבעראַלע ווענדונג אין דער ריכטונג פון פרייער פּרעסע. מארקס אָבער, וועלכער איז דאַן אַלט געווען, בלויז 24 יאהר, האָט מיט זיין שאַרפען אויג פערשטאַנען אַזוי שטאַרק דורכצודרינגען דעם גע־זעץ און צו זעהן ווי שוואַרץ און רעאַקציאָנער ער איז אין תוך, דאָס ער איז ארויסגעטרעטען מיט זעהר א שאַרפער אַטאַקע געגען

איהם. זיין אַרטיקעל וועגען דער פרייהייט פון דער פּרעסע האָט מאַרקס געוואָלט דרוקען אין די „האַללעשע יאַהרביכער". ס'איז אָבער איהם שוין ניט געוועזען מעגליך דאָס צו טהאָן, ווייל די פּרייסישע רעגיערונג האָט דעם זשורנאַל באַלד צוגעמאַכט. רוגע שרייבט דעם 18טען פעברואַר 1821 צו מאַרקס'ען:

„גלייך מיט אייער קריטיק אויף די צענזור האָבען די פּריי־סישע צענזאָר'ן אָנגעפאַנגען אַקטיוו אַרויסווייזען זייער „טענ־דענץ" געגען די יאַהרביכער. שוין אַכט טעג ווי דער צענזאָר האָט אָנגעפאַנגען אויסשטרייכען אונזער „שלעכטע ריכטונג". אייער אַרטיקעל צו דרוקען איצט איז אונמעגליך. אַלעס וואָס שמעקט מיט פייערבאַך, באַוער און מור איז פערבאָטען. איך האָב צוזאַ־מען געקליעבען אַ בוקעט פון פּרעכטיגע און פּיקאַנטע זאַכען, און קלייב זיך צו דערלאַנגען אַ געזונדען פּאַטש דער צענזור. איך בעט ביי אייך די ערלויבניס אַריינצושטעלען אייער אַרטיקעל אין אַ זאַמעלבוך, וועלכען איך רעכען אָפּצודרוקען אין דער שווייץ. אויב איהר ווילט ניט דאָס איך זאָל אָנרופען אייער נאָמען קאָן איך בעטיטלען דעם זאַמעלבוך „פילאָזאָפישע אַנעקדאָטען פון פייער־באַך, באַוער, רוגע און אַנדערע".

רוגע, וועלכער איז געוועזען מיט 16 יאָהר עלטער ווי מאַרקס, האָט פערשטאַנען אָפּצושאַצען מאַרקס'ען וועלכען ער האָט אָפּגעשאַצט אַלס פּובלי־ציסט. מאַרקס'עס שרייבען האָט גלייך פון אָנפאַנג אָן געאָטעמט מיט טעמפּעראַמענט, לעבען און ענערגיע. דערצו איז מאַרקס אויך געוועזען אַ שאַרפער בעאָבאַכטער און אַ מענש וועלכער האָט שוין גאַנץ פריה פערשטאַנען ווי זיך פאַנאַנדערצוקלייבען אין דעם פּלאָנטער פון די סאָציאַלע ערשיינונגען. רוגע שרייבט צו מאַרקס'ן אין מערץ 1842:

„אָהן אייער הילף וועט מיר זיין אונמעגליך אָנצופאַנגען דאָס ביכעל. איך וויל ניט בעהאַלטען פון אייך, דאָס איך וויל זעהר אייך האָבען ביי מיר אין זשורנאַל. ס'איז פאַר מיר זעהר אַנציהענד די פרישקייט און קראַפט מיט וועלכער איהר וואַרפט זיך אַריין אין קאַמפף."

מאַרקס איז געוועזען אַן אָנהענגער פון דער העגעליאַנישער פילאָזאָפיע, ווי דער גרעסטער טהייל פון דער דייטשער ראַדיקאַ־לער יוגענד פון יענער צייט. זיי האָבען געגלויבט אין פּראָגרעס

פון דער געזעלשאפט. די העגעלשע פילאָזאָפיע האָט געהאט דעם פאָרצוג איבער די קאַנטישע, וואס זי איז געוועזען א דינאמישע פילאָזאָפיע, דאָס הייסט אַ פילאָזאָפיע, וואס איהר גאַנצע סיס־טעם איז געבויט אויף דער אָננאהמע, דאָס די מענשליכע געזעל־שאפט האלט זיך אין ענדערען און דאס די טענדענץ פון דער ענ־דערונג איז דער פּראגרעס, דער פאָרטשריט, די ענטוויקלונג פון דער מענשליכער געזעלשאפט.

שוין אין די ערשטע פובליציסטישע ארטיקלען פון קארל מארקס האָט זיך אָנגעפאנגען ארויסווייזען זיין מעטאָדע פון קריר־טיק, וועלכע זוכט ארויסצושטעלען אין יעדער זאך, וועלכע ער האלט פאר רעאקציאָנער און אָפּגעשטאָנען, איהרע אייגענע ווידער־שפריכע. אלע זיינע ארבייטען, סיי די פובליציסטישע, סיי זיי־נע וויסענשאפטליכע, צייכענען זיך אוים מיט זעהר פיעל חריפות, טיעפזיניגקייט און קלוגקייט. מען זעהט, דאָס יעדער געגענשטאנד, וועגען וועלכען ער רעדט, יעדע פראגע, וועלכע ער בעהאנדעלט, האָט ער גוט דורכגעשטודירט, גוט אויסגעלערענט און גייסטיג פערדייט. אפילו זיינע ביטערסטע געגנער גיבען אלע מאָל צו, דאָס ער בע־הערשט דאָס גאנצע מאטעריאל וואס ער בעהאנדעלט.

ווען מארקס האָט זיך שפעטער דורך זיין פובבליציסטישע ארבייט אנגעשטויסען אויף עקאָנאָמישע און סאציאלע פראגען, וואס פאדערען שוין א טיעפערען און געגויערען שטודיום פון די וויסענשאפטען וועלכע בעהאנדלען זיי, האָט ער זיך ארויפגעוואר־פען מיט אזא ברען און פלייס צו שטודירען זיי, דאָס ער האָט ניט אויסגעלאזען קיין בוך, קיין בראָשורע, וועלכע איז נאָר ווען עס איז געשריעבען געווארען איבער דיעזע פראגען און וועלכע ער האָט נור געקאָנט קריגען. מען דארף בעוואונדערען זיינע ידיעות, זיין בעקאנטשאפט מיט די פערשיעדענע ליטעראטורען, זיין אל־זייטיגע בילדונג, וועלכע ער האָט ארויסגעוויזען שוין אין די ערש־טע יאָהרען פון זיין פובליציסטישער טהעטיגקייט.

פיעלע פון מארקס'עס קריטיקער צייגען אָן, דאָס אין זיין ארט שרייבען און דענקען איז פאראן זעהר פיעל פון דעם אידי־שען פלפול און פון די רבנישע חריפות. מארקס אליין האָט קיין גמרא קיין מאָל ניט געלערענט. זיין פאטער אויך ניט. זיין פאטער האָט זיך און איהם גע'שמד'ט ווען מארקס איז אלט גע־

ווען 6 יאָהר. מאַרקס שטאַמט אָבער פון זיין מוטער'ס צד פון א גאַנצע רייהע דורות רבנים, און טאַקע פון אַזעלכע, וועלכע האָבען א שם ביי אידען און האָבען געלאָזט פון זיך הערען דורך זייערע קומרות און חריפות. ס'איז צו בעוואונדערען, ווען מען לייענט מאַרקס'עס ערשטע שריפטען, וויפיעל דאַרטען איז פאַראַן פון די תלמוד לאָגיק, פון די גמרא־חריפות, צו אַנאַליזירען און קריטיקירען יעדען וואָרט, צו ענטוויקלען יעדען בעגריף ביז צו זיין לאָגישען סוף, צו צולייגען א געדאַנק אויף זיינע אַטאָמען. ס'ווייזט אויס, דאָס די דענקונגס אַרט פון גאַנצע דורות, וועלכע איז פאָרגעקומען לויט די גמרא־מעטהאָדען, לויט דער תלמוד לאָגיק, האָט געבילדעט און געפאַרמט דעם מאַרך פון מאַרקס'עס זיידעס אין א געוויסער קאָנסטרוקציאָן, און דאָס האָט זיך איבערגעגעבען בירושה צו מאַרקס'ען דעם אייניקעל. און כאָטש ער האָט שוין געשעפּט זיינע ידיעות פון א גאַנץ אַנדערען קוואַל ווי זיינע זיידעס, און כאָטש ער האָט שוין גענאָסען א גאַנץ אַנדערע ערציהונג, ווי יענע, וועלכע האָט געשאַרפט די מוחות פון זיינע עלטער זיידעס, איז אָבער בירושה צו איהם אריבער פון זיי די התמדה, די חריפות, און אפילו די נייגונג צו פּלפּול.

מאַרקס האָט זיך זעהר ערנסט בעצויגען צו זיינע אַרבייטען, סאַי זיי זיינען געוועזען גרויסע, סאַי קליינע. ער האָט געגלויבט אין די הייליגקייט פון דער זשורנאַליסטישער פּראָפעסיאָן. ער האָט אָנגעפאַנגען צו שרייבען, ניט ווייל ער האָט געוואָלט פערדיענען געלד דערמיט, נאָר ווייל דאָס איז געוועזען ביי איהם א ווערקצייג צו קעמפּפען געגען רעאַקציאָן און אריינטראָגען אויפקלערונג אין די מוחות פון די מאַסען. מאַרקס דריקט זיך אויס אין איין שטעלע וועגען זשורנאַליסטיק אַזוי:

„אויף קיין פאַל ניט דאַרף א שרייבער בעטראַכטען זיין אַרבייט אַלס א מיטעל. זי איז פאַר איהם א זעלבסט־צוועק. ער און אַלע אַנדערע דאַרפען אַזוי ווייניג זעהן אין זייער אַרבייט א מיטעל, דאָס זיי זאָלען זיין גרייט צו יעדער צייט צו אָפּפערען מיט זייער אייגענער עקזיסטענץ פאַר די עקזיסטענץ פון זייער אַרבייט. דער שרייבער דאַרף אַזוי ווי א פּרעדיגער פון רעליגיאָן מאַכען זיין פּרינציפּ, הגם אויף אַן אַנדער אופן, צו דיענען גאָט און ניט די מענשען. דערביי פערשטעהען מיר אונטער „מענשען"

איהם זעלבסט, מיט זיינע אייגענע מענשליכע בעדירפניסען און פערלאַנגען. איך וואלט געוואָלט זעהען א שניידער, וועלכער וואלט מיר געבראַכט אַנשטאַט א בעשטעלטען פּאַריזער פראַק, א רוימישע טאָגע, ווייל א רוימישע טאָגע ענטשפּרעכט מעהר די אייביגע געזעצען פון שעהנקייט. די פּרעסע טאָר ניט זיין א פּראָפעסיאָן. — דאָס איז די ערשטע בעדינגונג פון פּרעס־פריי־הייט. דער ליטעראַט, וועלכער מאַכט די פּרעסע פאר א מאַטע־ריעלען מיטעל, פערדיענט אלס א שטראָף פאר זיין אינערליכע אונפרייהייט, אויסערליכע אונפרייהייט — די צענזור..״

מאַרקס האָט בעזעסען פערשיעדענע פעהיגקייטען, וועלכע האָבען איהם געמוזט מאַכען פאר אַ גלענצענדען פּובליציסט. ער האָט געהאַט א נאַטירליכען שטאַרקען הומאָר, א ברענענדען, וואול־קאַנישען טעמפּעראַמענט און א סטיל, וועלכער איז געוועזען גלענ־צענד, רייך און שאַרף. ער האָט אויך אָנגעווענדעט זיין דיאַ־לעקטישע מעטהאָדע אין זיין סטיל. דערצו איז ער געוועזען זעהר עהרליך, ערנסט און געוויסענהאַפט אין זיין שרייבען. אין זיינע דעבאַטען איז ער אימער געוועזען זעהר שאַרף און וויציג. ער פלעגט אימער בענוצען זיין אַפּאָנענט׳ס אויסדריקע, זיי אומקעה־רען און אָנווענדען געגען דעם אויטאָר פון זיי. מיר וועלען דאָ ברייגען א קליינעם בעקאַנטען ביישפּיעל. פּרודאָן, א פראַנ־צויזישער געלערנטער און א גוטער בעקאַנטער פון מאַרקס, האָט אָנגעשריעבען א ביכעל, וועלכען ער האָט אָנגערופען „די פילאָ־זאָפיע פון די אָרעמקייט״. ער האָט איהם צוגעשיקט צו מאַרקס׳ען און געפרעגט זיין מיינונג דעריבער. פּרודאָן פּרעדיגט דאָרטען א געוויסען גראַד אַנאַרכיזם, אדער, ווי מאַרקס האָט דאָס אָנגע־רופען, דעם סאָציאַליזם פון דער קליין־בורזשואַזיע. מאַרקס׳ען איז דאָס ביכעל זעהר ניט געפעלען געוואָרען. ער האָט גלייך אָנגעשריעבען אַן ענטפער און האָט זיין ביכעל א נאָמען געגע־בען „די אָרעמקייט פון דער פילאָזאָפיע״, מיינענדיג די ארעמקייט פון דער פילאָזאָפיע פון פּערפאַסער פון דער „פילאָזאָפיע פון די ארעמקייט״.

זיין ערשטער ארטיקעל וועגען די אינסטרוקציע צו די צענ־זאָרען האָט מאַרקס׳ען גלייך אַוועקגעשטעלט אין די רייהען פון די ערשט־קלאַסיגע פּובליציסטען. אין זיין שפּראַך און אַרט שרייַ־

בען איז ער אימער געווען אָריגינעל. זיין איבערצייגענדער בעווייזען ווען ער האָט געגלויבט אין וואָס, און זיין שטרענגער ארונטעררייסען דאָס, וואס ער האָט אָנגענומען אלס פאלש און שלעכט, האָבען שטענדיג גענומען דעם לעזער.

ס'האָט מארקס'ען אויך קיינמאָל ניט געפעהלט דער נויטיגער מוטה צו פערטהיידיגען שריפטליך זיינע איבערצייגונגען. ער האָט קיינעם ניט נושא פנים געווען. ווי גרויס א מענש איז ניט געווען אויפ'ן לייטער פון דער וויסענשאפט אדער פון געזעלשאפט, האָט דאָס מארקס'ען ניט אָבגעהאלטען. ווען ער האָט איהם געפונען אומגערעכט האָט דאָס קיינמאָל ניט אָפגעהאלטען איהם פון אָנצוגרייפען איהם. ער האָט זעהר וועניג זיך געבויגען פאר אויטאָריטעטען און ער איז געווען אונ'ברחמנות'דיג שארף געגען זיינע געגנער. פריינדשאפט האָט איהם אויך ניט צוריקגעהאלטען פון שארפע קריטיק ווען ער האָט געפונען זיין פריינד'ס מיינונג פאלש. פיעלע פון זיינע ביאגראפען האָבען איהם פאר דיעזער מידה זיינע שטארק אָנגעגריפען דאָס ער האָט אבער געקאָנט זיין א גוטער פריינד און אויך איבערגעבען צו די וועמעס אידעען האָבען געשטימט מיט זיינע. בעווייזט זיין פריינדשאפט מיט ענגעלס'ען. זיי זיינען געבליבען הייסע פריינד פון דעם ערשטען טאָג פון זייער פריינדשאפט ביז צום לעצטען פון זיין לעבען.

פיעלע פון מארקס'עס ארטיקלען האָבען פערלאָרען דעם ווערטה זייערען פאר דער געגענוואָרט. זיי זיינען אָבער אינטערעסאנט און אויך פון גרויסער וויכטיגקייט פאר דעם געשיכטספארשער, וועלכער וויל קריעגען א ריכטיגען בעגריף פון די פערציגער יאהרען פון לעצטען יאהר הונדערט. בעזונדערס זיינע ארטיקלען, וועלכע ער האָט געשריעבען אין „די נייע רהיינישע צייטונג" אין 1849 און שפעטער. ער דעקט דאָרטען אויף די גאנצע צווייזייטיגקייט פון דייטשען קליינבירגערטום, פון זיין אָהנמעכטיגקייט און צוריקגעשטאַנענקייט, און ער אנאַליזירט גלענצענד די פּאָליטיק פון דער רעגיערונג פון יענער צייט.

---

„אינטערעסאנט איז ווי מארקס, דער בעגרינדער פון אינטערנאַציאָנאַל און דער פערשריענער פאַטערלאַנדלאזער קאָסמאָפּאָליט, האָט זיך דאמאלס אויסגעדריקט וועגען נאַציאָנאַליזם. ער שרייבט

אין דער רהיינישער צייטונג אין דעם ערשטען נומער אין א פעּ־ליעטאָן, וואו ער ווענדעט זיך צו דער צייטונג:

„און נאָך איין זאך וועל איך דיר זאגען: בלייב א דייטש, אן אמת׳ער דייטש. פערשטעה מיך אָבער גוט. ס׳איז פאראן א ביליגער דייטשער נאציאנאליזם, וועלכער איז זאגאר פערבונ־דען מיט פראפיט, ער בענוגענט זיך דערמיט, וואס ער היט אָפּ די גרענעצען פון דער מלוכה. ער איז חושד און זידעלט אפילו דעם פרעכען פראנצויז, וועלכער האָט לאַנגע הענד. ער איז שטאָלץ מיט די הונדערטער טויזענדער באַיאָנעטען, וועלכע זיינען אונטער די פערוואלטונג פון די הערשער, א פריינדליכער שמייכעל מיט וועלכען מען בעעהרט איהם מאכט איהם שרעקליך פרעך און ער הויבט אָן דענקען דאָס ער איז דער לעגאליזירטער פאטריאטיזם, דער איינציגער אמת׳ער פריוויליגירטער. מען קען ניט זאגען דאָס אזא פאטריאטיזם איז גאר ניט ווערטה. ער האָט אויך א געוויסען פערהעלטניסמעסיג היסטאָרישען אינטערעס. לאָמיר זיך נאָר דערמאָנען די פריהערדיגע צייטען און די פריהערדיגע גלייכ־גילטיגע בעציהונג צו דעם פערקויף פון גאנצע שטיקער לאנד מיט זייערע איינוואָהנער צו פרעמדע הערשער, צו דעם פערכאַ־פען דורך זיי, סיי מיט׳ן שווערד, סיי אָהן דעם שווערד גאנצע שטעדט. צו דען דארף מען אבער אונז אזוי שטארק ריה־מען דערפאר וואס מיר פאָלגען אונזער אונמיטעלבארען אינ־סטינקט און פערטהיידיגען די גרענעצען פון לאַנד? אפילו א חיה פערטהיידיגט דאָך אויך איהר הייל. דער דאָזיגער דייטשער פאט־ריאטיזם איז א זעלבסטפערשטענדליכער. וועגען איהם לוינט אפילו ניט איבערצורעדען און ניט נאָר זיך בעריהמען."

„העכער פון איהם שטעהט אַן אנדער סארט פאטריאטיזם. דערפאר איז ער אָבער פול מיט שווערינקייטען און געפאהרען. דער פאטריאטיזם בעשטעהט אין דעם, צו געווינען און פערטהיידי־גען אין אייגענעם לאַנד די אַנערקענונג פון דאָס אייגענע רעכט און אייגענע פרייהייט. דער דייטשער גייסט — דאָס איז ניט א טויטע סובסטאַנץ, וועלכע מען דארף פערטהיידיגען פון אַן אויס־סערליכען אָנפאַל מיט באַיאָנעטען. די גרויסע געפאהר שטעקט אינוויינינג, וואו פערהאלטונגען און שטערונגען הינדערען און שטור־פען אויף א פאלשען וועג פון ענטוויקלונג דעם טיעפסטען גייסט

פון אלע פעלקער, דער גייסט, וועלכער שטרעבט אונאונטערבראָ־כען, זיך ניט אָפּקירעווענדיג, צום אמת און רעכט. דאָ, אין אייגענעם לאַנד, זוכט מען צו פערטיליגען דעם גייסט וועלכער איז וויליג זיך אויפצואָפּפערן אין קאַמפּף פאַר מענשליכע פרייהייט. דיעזע שטערונגען סטראַשען צו צוקוועטשען און דערשטיקען די אמת'ע נשמה פון דייטשען לעבען, זיין הייליגען ענטהוזיאַזם, זיינע העלדישע כוחות. דיעזע הינדערניסען סטראַשען צוריקצושטופּען די גאָלדענע צוקונפט פון דייטשלאַנד אויף אַ גאַנצען יאהרהונדערט. דיעזער אַלט־דייטשער עגאָאיזם, די לאַנגזאַמקייט, קליינבירגערליכקייט, קליינמוטיגקייט, שקלאַפּישע אונטערטהעניגקייט, די ליעבע צו הערשען און אַזוי ווייטער, — דאָס זיינען זינד וועלכע בעהאַלטען זיך גלענצענד הינטער פערזענליכקייטען פון יעדע סאָרט, הינטער אַלער האַנד אינסטיטוציעס און בעציערונגען. אָט זיי זיינען דאָס די אמת'ע שונאים פון אונזער פרייהייט, פון אונזער רעכט, פון אונזער עהרע. זיי האָבען זיך אַזוי צוגעוואַקסען צו אונז, אַזוי זיך דורכגעפלאָכטען מיט אונז, דאָס זיי זיינען אונזער אייגענע לינקע זייט, זיי זיינען מיר אליין. זיי אויפצודעקען אונ'ברחמנות'דיג און אונערשראָקען, און אין קאַמפּף מיט זיי איינצושטעלען אין קאָן דאָס גאַנצע פערמעגען און זאָגאָר דאָס לעבען — דאָס איז די אמת'ע ליעבע צו דייטשלאַנד, אַ פיעל העכערע ווי יענע, דאָס איז אַ פיעל שטאַרקערער פּאַטריאָטיזם ווי יענער, וועלכער וויים מעהר ניט ווי צו זינגען: ניין, איהר וועט דייטשלאַנד ניט קריעגען"...

מיר האָבען דאָ געבראַכט אביסעל אַ צו לאַנגען אויסצוג פון מאַרקס'עס אַ פּובליציסטישען אַרטיקעל דערפאַר, ווייל מאַרקס'עס מיינונג וועגען פּאַטריאָטיזם איז זעהר אינטערעסאַנט פאַר דעם איצטיגען מאָמענט. ער האָט דאַמאַלס שוין פערשטאַנען, דאָס די פרייהייט און גרויסקייט פון אַ נאַציאָן קאָן ניט ערררייכט ווערען דורך קעמפּפען מיט פרעמדע פעלקער, נור דורך דעם ערווערבען ווירקליכע רעכטע אין אייגענעם לאַנד, דורך דעם געווינען דעם קאַמפּף מיט די שוואַרצע, פינסטערע רעאַקציאָנערע כוחות אין אייגענעם פאַטערלאַנד.

מאַרקס'עס ווערטער זיינען געשריעבען געוואָרען מיט 75 יאהר צוריק, און מיר טרעפען נאָך איצט די דייטשען שמאַכטענדיג

אונטער א שטאַרקע מיליטערישע קאַסטע, וועלכע האַסט דעמאָ־קראַטיע ווי דעם טויט. דער פּאַטריאַטיזם, וועלכען מארקס פער־דאמט דאָ אזוי שטאַרק, איז גראדע אין דער לעצטער צייט אזוי שטאַרק אויפגעבלאָזען געווארען אין פיעלע לענדער און דער רע־זולטאַט איז דער איצטיגער וועלט חורבן.

---

ענדע 1843 איז מארקס אריבערגעפאהרען קיין פּאַריז וואו ער, צוזאמען מיט רוגע'ן, האָבען זיך באלד גענומען ארויסגעבען א זשורנאל אונטער דעם נאָמען „דייטש־פראַנצויזישע יאָהרבי־כער". נאָר איין דאָפּעלבאנד איז ערשיענען פון איהם. מארקס האָט דאָרטען צוויי ארטיקלען. איינער הייסט „צו דער קריטיק פון דער העגעליאַנישער פילאָזאָפיע פון רעכט", און דאָס צווייטע: „צו דער אידענפראגע". אין דער קריטיק פון דער העגעלי־אַנישער רעכטס פילאָזאָפיע געפינען מיר שוין די אנשויאונגען, וועלכע ער האָט שפּעטער געמאכט די גרונדלאַגע פון זיין נאַציאָ־נאל עקאָנאָמישען סיסטעם. עס שפּראָצען שוין דארטען דורך די אידעען, דאָס די ענטוויקלונג פון רעכט, פילאָזאָפיע, מאָראל און די בילדונג פון פערשיעדענע סאָציאלע אינסטיטוציאָנען, הענגט אין גאַנצען אָפּ פון די עקאָנאָמישע בעדינגונגען.

זעהר אינטערעסאַנט איז דער בריעף־פערקעהר וועלכען מארקס האָט געפיהרט אין 1843 מיט רוגע'ן. דאָס זיינען בריעף, וועלכע האָבען ניט נאָר געהאַט א ווערטה צו יענער צייט, נאָר זיי זיינען נאָך אויך פון בעדייטונג אין דער געגענוואַרט. 75 יאָהר זיינען שוין אוועק זייט דאמאלס, און מיר געפינען נאָך די דייט־טשען אין דערזעלבער פּאָזע מיט די זעלבע כאראַקטער־שטריכען, ווי מארקס בעשרייבט זיי. מיר וועלען דאָ ברייגנען א פּאָר שטעלען, ווייל זיי העלפען אונז א סך קלאָר צו מאכען דעם כאראַקטער און גייסט פון דעם דייטש. מארקס בעקלאָגט זיך אין א בריעף פון מערץ 1843:

„איך קען זיך ניט פארשטעלען א פּאָלק מעהר צוריסען, ווי די דייטשען. דו זעהסט בעלי מלאכות, אָבער ניט קיין מענשען; דיינקער — אָבער ניט קיין מענשען; בעלי בתים און קנעכט, יונגע און אלטע — אָבער ניט קיין מענשען"...

...„וועלען מיר דערלעבען א פּאָליטישע רעוואָלוציאָן? מיר,

די צייטונגנאָסען פון די דאָזיגע דייטשען? מיין פריינד, איהר גלויבט אין דעם, ווייל איך ווילט זיך אזוי. אָה, דאָס איז מיר זעהר גוט בעקאנט! ווי געשמאק ס'איז צו האָפען"...

...„איך וויל זעהן א פאָלק, וואס פיהלט זיין אייגענע חרפה, אונאבהענגיג פון אנדערע פעלקער; איך רוף אָן א רעוואלוציאָן, ווען אלע הערצער ווערען אָנגעגריפען און אלעמענס הענד אויפגע־הויבען צו פערטהיידיגען די עהרע פון א פרייען מענשען פון א פרייען קעניגרייך, וועלכע געהערט צו קיינעם ניט, און איז אין גאַנצען זעלבסטשטענדיג. אזוי ווייט ווענען די דייטשען קיינ־מאָל ניט אוועק. היסטאָריש זיינען זיי שוין לאנג אונטערגעגאנ־גען"...

...„איהר זאגט, דאָס פון דער ליבעראלער צבועטסטווא האָט מען שוין ארונטערגעריסען די מאסקע. דאָס איז ריכטיג. נאָך מעהר אפילו ווי דאס. דאָס פאָלק איז אונצופריעדען. עס פיהלט זיך געקריוודעט. פריינד און בעקאנטע ריידען וועגען דעם אי־בעראל. אומעטום הערט מען רעדעס וועגען דעם שיקזאל פון די סטיוארטען און אפילו דער, וועלכער האָט מורא אויסצוריידען א ווארט, שאָקעלט צו מיט'ן קאָפּ צו בעווייזען, דאָס ער לעבט אויך עפּעס איבער. נור אלע ריידען און ריידען, און דאָס אלעס. איז אבער פאראן אפילו איין מענש, וועלכער גלויבט דאָס זיין אונצו־פריעדענהייט ווערט געטהיילט פון אלעמען? קאָן מען דען גע־פינען אפילו איין מענשען, וועלכער זאל זיין אזוי נאַריש צו זיין אין טעות בנוגע אונזערע קליינבירגער מיט זייער שעפּסענער מילד־קייט? פּופציג יאהר נאָך דער פראנצויזישער רעוואלוציאָן זע־הען מיר נאָך די בענייאונג פון די שאנדטהאטען פון אַלטען דעס־פּאָטיזם. אָט צו וואס מיר האָבען דערלעבט. זאָגט ניט, אז דאָס ניינצעהנטע יאהר הונדערט טראָגט ניט איבער דעספּאָטיזם. די דייטשען האָבען געלייזט דאָס דאָזיגע פּראָבלעם"...

...„די דייטשע פילאָזאָפען זיינען אלע מאָל געווען דיענער. לויט'ן בעפעהל האָבען זיי גערעדט אָדער געשוויעגען, ווי קאַנט האָט דערוויף שוין אָנגעוויזען.

מארקס ציטירט דערביי פון געטהע'ס טאססאָ:

„גלויבט ניט דאָס א ווילדע שטרעבונג צו פרייהייט קלאַפּט ביי ביי מיר אין הארצען. א מענש איז ניט געבאָרען פריי צו זיין.

„פאַר דעם עדעלען מענשען קאָן גאָר קיין גרעסערער גליק ניט זיין ווי בעלאַנגען צו דעם פירסט וועלכען ער אַכטעט.“

אין זיינע אַלע בריעף צו רוגע׳ן פון יענער צייט דריקט זיך מאַרקס אויס וועגען דייטשלאַנד זעהר ניט ליבענסווערטה. ער זעהט אין זיי אַ שקלאַפען פאָלק. אַ פאָלק וואס ליעבט צו דיענען זיין קייזער.

אין מאַרקס׳ען האָט געברענט אַ שנאה צום דייטשען מיטעל קלאַס פאַר זיין פּאָליטישע אונבעוועגליכקייט, צופוילטקייט און קליינליכקייט. ער האָט אויך ניט האָלט געהאַט דעם בויערען־קלאַס פאַר זיין פּאָליטישע אונבעוועגליכקייט, צופוילטקייט און מאַרקס׳עם פיינדליכער געפיהל צו זיי איז נאָך שטאַרקער געוואָרען אין 1848, נאָכדעם ווי די צוויי קלאַסען האָבען פעררעטען די רע־וואָלוציאָן.

* * *

לויט זיינע נייגונגען און פאָרשונגען איז מאַרקס געוועזען אַ פילאָזאָף. אין אוניווערזיטעט איז זיין הויפּטבעשעפטיגונג געוועזען פילאָזאָפיע. ער האָט אין זיינע יונגע יאָהרען אויך געשריבען פּאָעזיע, וועלכע ער האָט קיין מאָל ניט פערזוכט אפילו אָפּצודרוקען. ער האָט דאָס אָבער באַלד אויפגעגעבען. נאָך זייענדיג אַ סטודענט האָט ער פערזוכט אויסצואַרבייטען אַן אייגענע סיסטעם פון פילאָזאָפיע, וועלכע איז געוועזען אין גאַנצען אין גייסט פון פילאָזאָף העגעל. אינטערעסאַנט איז, אַז העגעל׳ס פילאָזאָפיע האָבען ביידע אויסגעניצט, סיי די רעאַקציאָנערען, סיי די פאָרטגעשריטענע. די לעצטע, די „יונגע“, זיינען געוועזען בעקאַנט אונטער דעם נאָמען „יונג העגעליאַנער“. מאַרקס האָט זיין פילאָזאָפישע סיסטעם שוין געהאַט אויפגעשריבען, אָבער ער האָט זי באַלד, ווי ער האָט זי אויפגעשריבען, צוריסען. שוין דאַמאָלס האָט ער געזוכט אַלע פילאָזאָפישע ערשיינונגען צו ערקלערען פון אַן אייגהייטליכען שטאַנדפּונקט, אַרויסגעהענדיג פון איין פּונקט, פון איין וועלט אַנשויאונג.

דורך זיין פּובליציסטישע אַרבייט האָט זיך מאַרקס שפּעטער אָנגעשטויסען אָן פראַגען און פּראָבלעמען, וועלכע האָבען איהם געגויטיגט זיך צו נעהמען פאַר׳ן שטודירען פון געשיכטע און פּאָליטישע עקאָנאָמיע. זיינע שפּעטערדיגע פּאָליטישע אַרבייטען זיי־

נען געווארען וועלטבעריהמט און עפּאָכע מאכענד. זיי זיינען אויך זעהר גרויס אין אומפאנג, און שטודירענדיג זיין „קאַפּיטאל", זעהען מיר, ווי פיעל מאטעריאל ער האָט דורכגעשטודירט פאר זיין ארבייט.

זיינע היסטאָרישע ארבייטען זיינען קליינע און אויך ווע־ניג. דאָס אָבער, וואס ער האָט געשריעבען, צייגט ווי טיעף ער האָט פערשטאַנען צו בעגרייפען די געשעהענישען, וועלכע ער האָט בעשריעבען, ווי גוט ער האָט געוואוסט זיי פאנאנדערצופלאָנ־טערען און צו מאכען זיי פאר דעם לעזער קלאָר און פערשטענד־ליך.

זיין וויכטיגסטע ראָלע אָבער בעשטעהט אין דעם, וואס ער האָט געשאפען א נייעם וועגווייזער פאר די, וועלכע ווילען וויסען ווי זיך פאנאנדערצוקלייבען אין דעם גאַנצען כאאָס פון דער גע־שיכטע. ער האָט געגעבען א נייע פילאָזאָפישע אויפפאסונג פון דער געשיכטע, ער האָט אויפגעדעקט אלע פּרוזשינעס, וועלכע טרייבען די רעדע פון דער געשיכטע פון מענשליכען פּראָגרעס. זיין מעטהאָדע ווי צו ערקלערען די אלע געשעהעניסען פון דער געשיכטע, זיין סיסטעם, ווי אויסצוטייטשען אלע סאציאלע און פּאָליטישע ערשיינונגען, סיי אין פערגאנגענהייט, סיי אין דער געגענוואַרט, איז בעקאנט אונטער דעם נאָמען די מאטעריאליסטי־שע אויפפאסונג פון דער געשיכטע. דאָס איז אויך די גרונדלאגע, דער פונדאמענט, אויף וועלכען מארקס האָט געבויט זיין גאַנצע טהעאָריע פון דער נאציאנאל עקאָנאָמיע, די גאנצע געביידע פון דעם וויסענשאפטליכען סאציאליזם. דאָס איז דער באזיס פון דער גאנצער סאציאליסטישער וועלט אנשויאונג. די גרויסע וויכ־טיגקייט פאר די געשיכטספארשער ליעגט אין די מעטהאָדע, וועל־כע מארקס האָט דערביי אָנגעווענדעט, אין די פּרינציפּען, וועלכע ער האָט געברויכט אין שטודירען די מענשליכע געשיכטע.

* * *

מיט זיין סטיל, מיט זיין שארפקייט, מיט זיין קלאָרקייט און מיט זיין וויציגער און בייסענדער קריטיק, קען קארל מארקס גערע־כענט ווערען אלס איינער פון די גלענצענדסטע פּובליציסטען אין דער וועלט־ליטעראטור.

הערמאַן שליטער

# קאַרל מאַרקס און דער אינטערנאַציאָנאַל.

# 1

די אינטערנאציאנאלע ארבייטער אסאסיאיישאָן, וועלכע איז געגרינדעט געווארען אין לאָנדאָן, אין סעפטעמבער 1864, איז ניט געווען די שאפונג פון איין איינצעלנעם מענשען און דאָך איז עס געווען דער איינצעלנער מענש, קארל מארקס, וועלכער האָט דער אָרגאניזאציאן געגעבען איהר פארמע און איהר אינהאלט און האט אוועקגעשטעלט אלס איהר אויפגאבע די מאָטטאָ: ארביי־טער פון אלע לענדער פעראייניגט אייך אין קאמפף פאר דער בע־פרייאונג פון דעם פראלעטאריאט.

דער גרונד געדאנק פון דער אינטערנאציאנאלער ארבייטער אסאסיאיישאָן איז שוין אין יאהר 1864 ניט געווען קיין נייער. דער אידעאל פון אן אינטערנאציאנאלען צוזאמענבונד פון דער מענשהייט איז איבערהויפט ניט געבאָרען געווארען אין דער אר־בייטער בעוועגונג, כאָטש דאָ ווערט דיעזער אידעאל אם שטארק־סטען אויסגעדריקט. דער געדאנק פון אלגעמיינער פעלקער־פער־ברידערונג האָט שוין געפונען אן אָפקלאַנג אין דער צייט פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציאן; שוין דאן האָט מען גערעדט וועגען א וועלט רעפובליק, וועלכע זאל אָבשאפען אלע נאציאנאלע באַריערען און וועלכע זאל ברענגען אויף דער וועלט דעם אלגע־מיינעם פריעדען.

אפילו די ראדיקאלע בירגערשאפט פון ענגלאנד האָט שוין דא־מאלס בעטאָנט איהר צושטימונג צו דיעזען אידעאל. אין נאָוועמ־בער, 1792, האָבען די ענגלישע רעפארמער צוגעשיקט א בעגריי־סונג צום פראנצויזישען קאָנווענט, אין וועלכען עס איז דאָ דער פאלגענדער זאץ:

„ניט דער דריי־בונד פון די קרוינען, נאָר פון די פעלקער פון אמעריקא, פראנקרייך און ענגלאנד וועט ברענגען פרייהייט צו אייראפא און פריעדען צו דער גאנצער וועלט.” אין א צווייטער בעגריסונג פראטעסטירען ענגלישע רעפארמער געגען יעדען גע־דאנק וועגען דער זאָגענאנטער אייביגער פיינדשאפט צווישען ענג־לאנד און פראנקרייך און זיי ווינשען צו זעהן די צוויי נאציאנען פעראייניגט אין א שטארקען, אונאויפלעזליכען בונד, וועלכער זאָל

זיין דער אָנפאַנג פון א פריינדליכען בונד צווישען אלע פעלקער פון דער וועלט.

אויך אין דער פראַנצויזישער און ענגלישער פילאָזאָפיש־פאָליטישער ליטעראַטור פון יענער צייט איז דער געדאַנק וועגען אן אינטערנאַציאָנאַלען בונד פון דער גאַנצער מענשהייט שוין גאַנץ בעשטימט אויסגעדריקט. נאַטירליך האָט דיזער אידעאַל געפונען דעם שטאַרקסטען אפקלאַנג צווישען די ראַדיקאַלערע טיילען פון דער בעפעלקערונג. די יולי רעוואָלוציאָן אין פּאַריז איז איינשטימיג אפּלאָדירט געוואָרען פון די ענגלישע אַרבייטער און די ווירקונג האָט זיך געפיהלט אויף אַזוי ווייט ווי די אַרבייטער האָבען שוין דאַמאָלס געשפּיעלט אַ ראָלע אין עפענטליכען לעבען.

עס זיינען אַראַנזשירט געוואָרען גרויסע דעמאָנסטראַציאָנען אויף וועלכע זיי האָבען זיך ערקלערט סאָלידאַריש מיט די קעמפּפער פון דער יולי רעוואָלוציאָן. די קרבנות פון דער רעוואָלוציאָן זיינען געשטיצט געוואָרען מיט געלט, און אויף יעדען שריט און טריט האָט זיך געפיהלט די סאָלידאַריטעט מיט די פּאַריזער רעוואָלוציאָנערען.

וואָס מעהר אָבער דער אונטערשיעד צווישען די פערשיעדענע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט איז געוואַקסען אַלץ מעהר זיינען די אַרבייטער געקומען צום בעוואוסטזיין, אַז זיי, אַלס אַ קלאַס, האָבען גאַנץ אַנדערע אינטערעסען, ווי דער קלאַס צו וועלכען עס בעלאַנגען זייערע אויסבויטער און אונטערדריקער, און אַז דערפאַר מוז דער מענשען־בונד און די אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט אויך נאָכפאָלגען דיזעלבע קלאַסען ליניען. דאָס האָט געפיהרט צום געדאַנק אַז די אַרבייטער פון אַלע לענדער געהערען צוזאַמען און אַז זיי מוזען זיך אַלע פעראייניגען, כדי געמיינשאַפטליך צו בעשיצען זייערע אינטערעסען געגען די הערשענדע קלאַסען פון אַלע נאַציאָנען. עס איז אינטערעסאַנט צו בעמערקען, אַז דער געדאַנק פון אן אינטערנאַציאָנאַלער פערבינדונג פון די אַרבייטער פון אַלע לענדער איז שוין געוועזען קלאָהר אויסגעדריקט נאָך אין די דרייסיגער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט, ווען דער אַרבייטער קלאַס האָט זיך ערשט אָנגעהויבען צו ריהרען.

און אַזוי האָט די ענגלישע סאָציאַליסטישע בעוועגונג נאָך אין יאָהר 1832 געשיקט דעלעגאַטען אין די פעראייניגטע שטאַא־

טען און אויך קיין פראַנקרייך צו די סען סימאָניסטען, מיט דעם צוועק צו אַגיטירען פאַר אַ פעראייניגונג פון די ארבייטער פון אַלע לענדער. די פראַנצויזישע ארבייטער פון נאַנטעס האָבען געשיקט אַ צושריפט צו די ענגלישע ארבייטער מיט דער פאָלגענדער ערקלערונג: „די ארבייטער פון אַלע לענדער זיינען ברידער. זאָל אונזער בונד ניט געשטערט ווערען דורך קיין ים אָדער טייך און דורך קיינע לאַנד גרענעצען; לאָמיר זיך אַלע שטעלען אין פערבינדונג, אַלע גרויסע שטעדט אין אַלע אינדוסטריעלע צענטערן פון דער וועלט.״ — אין אַ צושריפט צו די אַמעריקאַנער ארבייטער, בעטאָנט אַן ענגלישער נעגאָסענשאַפטס קאָנגרעס, אַז די ארבייטער פון אַלע סאָציאַלע און פּאָליטישע ריכטונגען מוזען זיך רעאָרגאַניזירען. און די ענגלישע געווערקשאַפטען שרייען אויס צו די פראַנצויזישע ארבייטער: „מיר שטימען איין הערצליך, אַז די ארבייטער פון אַלע לענדער זיינען ברידער.״

דער געדאַנק פון דעם צוזאַמענבונד פון אַלע אַרבייטער פון אַלע לענדער איז אָבער אַם שטאַרקסטען אויסגעדריקט געוואָרען אין דעם לאָנדאָנער ארבייטער פעראיין, דיזעלבע ארגאַניזאַציאָן פון לוין־ארבייטער, וואָס האָט אויסגעארבייט די „טשאַרטע״, וועלכע איז שפּעטער געוואָרען דער פּראָגראַם פון דער טשאַרטיסטען בעוועגונג.

אין אַן אויפרוף וואָס דיעזער פעראיין האָט אין 1836 ארויסגעלאָזען צו די ארבייטער פון לאַנד ווערט דאָס פאָלגענדעס געזאָגט:

„אויב איהר פיהלט מיט אונז, דאַן פּראָקלאַמירט אין אייערע ווערקשטאַטען, פערדיגט אין אייערע פעראיינען, זאָגט אָן פון דאָרף צו שטאָדט, פון לאַנד צו לאַנד און פון נאַציאָן צו נאַציאָן, אַז די ארבייטער קענען ניט האָפען צו פערבעסערען זייער לאַגע ביז זיי וועלען האָבען אַ פאָלקאָמענע רעכט, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע גרופּען וועלכע האָבען דיזעלבע אינטערעסען ווי די ארבייטער, צו בעשטימען וועלכע געזעצע זאָלען געפאַסט ווערען אום דאָס לאַנד זאָל רעגירט ווערען מיט יושר און גערעכטיגקייט״.

אַן אויפרוף וואָס דיזעלבע ארגאַניזאַציאָן האָט ארויסגעלאָזען אין 1873 צו די אַמעריקאַנער ארבייטער פאַנגט זיך אָן מיט די ווערטער: „מיר ווענדען זיך צו אייך אין אַ גייסט פון ברי־

דערליכקייט, וועלכער פעראייניגט אַלע ארבייטער פון אַלע לענ־דער". און אין צושריפט צו די אייראפּעאישע ארבייטער געשיקט אין יאהר 1838 ווערט געזאגט פאָלגענדעס: „פּראָדוציערער פון רייכטהימער, מיר זעהען אז אונזערע אונטערדריקער זיינען פער־אייניגט, ווארום זאָלען מיר אויך ניט האָבען אונזער הייליגען ברי־דערליכען פערבאנד ? !"

און פּונקט אַזוי ווי דער צושריפט וואס דער לאָנדאָנער ארבייטער־פעראיין האָט געשיקט צו די בעלגישע ארבייטער אין נאָוועמבער 1836 האָט פערדאמט צווייסטיגקייטען צווישען נאַ־ציאָנען, אַזוי האָט אויך דער ענטפער פון די בעלגישע ארבייטער געטהאָן דאָס זעלבע. אין אַן אויפרוף צו די אַמעריקאנער ארביי־טער ווערט געזאגט: „די טיראַנען פון דער וועלט זיינען שטארק בלויז דערפאר וואס מיר, די מיליאָנען ארבייטער, זיינען ניט פער־אייניגט." און אין אַן אויפרוף צו די פראנצויזישע ארבייטער ווערט געזאגט: „מיר ווענדען זיך צו אייך, ווייל מיר גלויבען אז די אינטערעסען פון אונזער קלאַס איבער דער גאנצער וועלט זיי־נען דיזעלבע".

מיר זעהען, אַלזאָ, אז דער געדאנק פון אַן אינטערנאַציאָנאַלע פערבינדונג פון אַלע ארבייטער איז אויפגעשוואוּמען אַזוי שנעל ווי די ארבייטער בעוועגונג האָט זיך אָנגעהויבען צו ענטוויקלען און האָט ביי יעדער געלעגענהייט געפונען אַ שטאַרקען אויסדרוק אין די ארבייטער ארגאַניזאַציאָנען. עס האָבען זיך אבער אויך געפונען ארגאַניזאַציאָנען, וועלכע האָבען זיך געשטעלט די אויפגאַ־בע אָנצופיהרען אַ טהעטיגע פּראָפּאַגאַנדאַ פאר דיזען געדאנק און וועלכע האָבען זאָגאר געמאַכט אַ פּערזוך צו פעראייניגען די אר־בייטער פון פערשיעדענע נאַציאָנען מיט דעם צוועק צו שטע־לען געמיינשאפטליך אַזעלכע פאָדערונגען, וועלכע אינטערעסירען אַלע ארבייטער.

אין מיטען פון די פערציגער יאהרען האָבען זיך אין לאָנדאָן צוזאַמענגעטראָפען צאָהלרייכע פליכטלינגע פון אַלע אייראפּעאישע לענדער. אין 1844 איז אויפגעקומען דער געדאנק צו גרינדען אַן אינטערנאַציאָנאַלען פעראיין, וועלכער זאָל זיין אַ צענטער פאר די דעמאָקראַטישע עלעמענטען פון אַלע לענדער. די ארגאַניזאַ־ציאָן, וועלכע איז ענדליך געגרינדעט געוואָרען אין 1845 אונטער

דעם נאָמען „די דעמאָקראַטישע פריינד פון אַלע נאַציאָנען”, האָט אבער קיין בעזונדערען ערפאָלג ניט געהאַט.

אין פערלויף פון דעם זומער און הערבסט פון דעם זעלבען יאהר, האָבען אין לאָנדאָן שטאַטגעפונען פיעלע אינטערנאַציאָנאַלע שמחות, וועלכע זיינען בעזוכט געווארען פון דעמאָקראַטישע עלעמענטען פון אלע לענדער. די וויכטיגסטע פון דיעזע שמחות איז פארגעקומען דעם 22טען סעפטעמבער, אויף וועלכער דזשוליאן ג. הארני האופטרעדנער איז אנוועזענד געווען. די פייערונג איז געווען דער ערשטער צוזאמענקונפט פון איבער טויזענד פערטרעטער פון דער אינטערנאציאָנאַלער דעמאָקראַטיע און דאָ איז ארויסגעשטעלט געווארען דער לאָזונג אז אינטערנאַציאָנאַליטעט און קאָמוניזם דארפען זיין דער ציעל פון דער ארבייטער בעוועגונג.

דער געדאנק פון אן אינטערנאציאָנאַלען דעמאָקראַטישען פערבאנד, וועלכער איז אויפגעהויבען געווארען פון הארני אויף דיעזער פייערונג האָט געפיהרט אין 1846 צו דער גרינדונג פון „ברידערליכע דעמאָקראַטען”, אן ארגאניזאציאָן, וועלכע האָט באלד פעראייניגט דעם ראדיקאַלען פליגעל פון די ענגלישע טשארטיסטען און די רעוואָלוציאָנערע פליכטלינגע פון די אייראָפּעאישע לענדער.

די „ברידערליכע דעמאקראטען” האָבען פון דאן אָן אָנגעהאַלטען די פערבינדונג מיט די דעמאָקראַטען און רעפארמער ניט נאָר פון אייראָפּא, נאָר אויך פון אמעריקא.

אין 1834 איז אין פאַריז געגרינדעט געווארען א געהיימע דעמאָקראַטישע ארגאניזאציאָן פון דייטשע פליכטלינגע, אונטער דעם נאָמען „דער בונד פון שוצלאָזע”, פון וועלכען, צוליעב א שפּאַלטונג אין יאהר 1836, עס איז ענטשטאַנען דער „בונד פון גערעכטע”. אין 1840 האָבען מיטגליעדער פון אָט דעם „בונד פון גערעכטע” געגרינדעט אין לאָנדאָן דעם „דייטשען ארבייטער בילדונגס פעראיין”, וועלכער איז בעריהמט געווארען אלס „קאָמוניסטישער ארבייטער בילדונגס פעראיין”. דאָ, אויף ענגלישע באָדען, איז דער „בונד פון גערעכטע”, וועלכער איז ביזהער געווען דייטשיש, באלד פערוואנדעלט געווארען אין אן אינטערנאַציאָנאַלער געהיים ארגאניזאציאָן. אין דעם „ארבייטער בילדונגס פעראיין” פלעגען אויפטרעטען רעדנער פון אלע נאַציאָנען. אין

פעברואר 1846, האָט אין דיזען פעראיין הארני געהאַלטען א פארטראג אין וועלכען ער האָט אויסגעדריקט דאָס פאָלגענדע:
„די אינטערעסען פון פאָלק אין אַלע לענדער זיינען דיזעלבע — די אינטערעסען פון ארבייט, פון דעם פערשקלאַפטען און בערויבטען ארבייטער. אין אַלע לענדער לעבען די וואס פּראדוצירען ווייץ פון קאַרטאָפּעל. די וואס פיטערען פיה, עסען ניט קיין פלייש. די וואס האָרעווען ווייגטרויבען, בעקומען בלויז דעם אָבפאל. די וואס נעהען קליידער, געהען אָפּגעריסען. די וואס פּראדוציערען אלעם נויטיגעס, אלעם בעקוועמליכעס און אַלע לוקסוסען זיינען אַליין פערזונקען אין עלענד און נויט. זיינען דען די בעדירפניסען און די ווייטאָגען פון די ארבייטער פון אַלע לענדער ניט דיזעלבע? זיינען דען זייערע אינטערעסען ניט דיזעלבע?"

קארל מארקס און פריעדריך ענגעלס האָבען געזוכט צו שטעלען זיך אין פערבינדונג מיט די מעהר אויפגעקלעהרטע ארבייטער פון דעם „בונד פון גערעכטע" און דעם קאָמוניסטישען ארבייטער בילדונגס פעראיין. די צוויי טהעאָרעטיקער פון סאָציאַליזם האָבען דורך זייער איינפלוס געגעבען דעם „בונד פון גערעכטע" א נייע גרונדלאגע און זיי האָבען איהם פערוואנדעלט אין „קאָמוניסטען בונד". עס איז גוט בעוואוסט, אז דיזע פערוואנדלונג איז דער רעזולטאַט פון דעם איינפלוס פון דעם „קאָמוניסטישען מאניפעסט", וועלכער האָט געגעבען דער מאָדערנער ארבייטער בעוועגונג דעם ערשטען טהעאָרעטישען באָדען. עס איז געווען די ערשטע אינטערנאציאנאלע ארבייטער בעוועגונג וואס איז ערשיענען אין „קאָמוניסטען בונד". פיעלע פּערזאָנען, וועלכע זיינען געוועזען טהעטיג אין געהיים בונד, האָבען שפּעטער גענומען א טיכטיגען אנטהייל אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אסאָסיאיישאָן. די טהעאָרעטישע גרונד פּרינציפּען, וועלכע דער „קאָמוניסטען בונד" האָט געהאַט אויפגעשריבען אויף זיין פאָהן, זיינען דיעזלבע פּרינציפּען וועלכע בינדען נאָך היינט צוזאמען די גאנצע ארבייטער בעוועגונג פון דער וועלט. דאָ אין מאניפעסט פון „קאָמוניסטען בונד", טרעט ארויס דער גרויסער לאָזונג פון מארקס און ענגלס: „פּראָלעטאריער פון אלע לענדער פעראייניגט אייך", אויף זיין זיעגעסצוג איבער דער גאנצער וועלט.

2

די ניעדערלאגע פון דער אכט און פערציגער רעוואלוציאן האט געטויטעט די ארבייטער בעוועגונג אין די אייראפעאישע לענדער. דער 10טער אפריל 1848 האט געגעבען א טויט־קלאפ דער טשארטיסטישער בעוועגונג אין ענגלאנד. דער קאמוניסטען פראצעס אין קעלן און די אלגעמיינע רעאקציאן אין דייטשלאנד האבען דערשטיקט די ערשטע קערנער פון א זעלבסטשטענדיגער ארבייטער בעוועגונג. אויך אין פראנקרייך האט נאפאלעאן'ס שטאאטס־שטרייך געמאכט אן ענדע צו דער שטיקעל בעוועגונג וואס איז נאך איבערגעבליעבען נאך דעם יוני אויפשטאנד.

די ניעדערלאגע פון דער אכט און פערציגער רעוואלוציאן איז אבער נאכגעפאלגט געווארען פון אן אונגעהויערער אינדוסטריעלער אויפלעבונג. דער קאפיטאליזם אין דער מאדערנער פארמע, וועלכער האט ביז דאן עקזיסטירט בלויז אין ענגלאנד, האט זיך נאך דער רעוואלוציאן אנגעהויבען פערשפרייטען איבער אלע אייראפעאישע לענדער. אין דייטשלאנד און אין פראנקרייך האבען ערוואכט נייע קרעפטע. אין דער רעאקציאנערער מיטעל־אייראפא זיינען די נאך עקזיסטירענדע מיטעלאלטערישע טרייד באריערען צופאלען. דער פרייער גייסט און האנדעלס פרייהייט האבען געזיגט איבער דער אלטער אינדוסטריעלער אונטערדריקונגס סיסטעם. אינדוסטריע האט געקראגען א פרייען פעלד פאר ענטוויקלונג.

דער קאפיטאליסט האט אנגעפאנגען זיין זיעגרייכען מארש איבער גאנץ אייראפא.

אין זיין ערפאלג האט ער אבער אויך בעשאפען, ווי מארקס רופט עס אן, זיין אייגענעם בעגרעבער.

מיט דער שנעלער ענטוויקלונג פון קאפיטאליזם אין די אייראפאישע לענדער האט די ארבייטער בעוועגונג אנגעהויבען צו ערוואכען. אין פראנקרייך זיינען אויפגעשפרונגען פיעלע פערשיעדענע סאציאליסטישע און ארבייטער ארגאניזאציאנען. אין דייטשלאנד איז א דאנק לאסאל'ס אגיטאציאן געגרינדעט געווארען דער „אלגעמיינער דייטשער ארבייטער פעראיין", און אין ענגלאנד האבען די געווערקשאפטען געמאכט אזא שריט פארווערטס, וועלכען זיי האבען פאר די לעצטע דרייסיג יאהר ניט געזעהן.

אין 1862 האָט אין לאָנדאָן שטאַטגעפונען די וועלט אויס־שטעלונג, דער טריאומף פון דער ענטוויקעלטער קאַפּיטאַליסטי־וועלט. ביי דעם צוזאַמענקונפט פון דער בורזשואזיע האָבן אויך די אַרבייטער ניט געפעהלט. פון דייטשלאַנד, אַזוי גוט ווי פון פראַנקרייך, האָבן די אַרבייטער געשיקט דעלעגאַטען קיין לאָנ־דאָן. דאָ זיינען זיי געקומען אין נאָהענטער בעריהרונג מיט די ענגלישע אַרבייטער און האָבן זיך בעקאַנט מיט די ענגלישע אַר־בייטער אָרגאַניזאַציאָנען, וועלכע זיינען געווען ווייניג בעקאַנט אויף דעם קאָנטינענט. דיעזע בעקאַנטשאַפט מיט די ענגלישע אַרביי־טער האָט געפיהרט צו אָפטע שריפטליכע דיסקוסיאָנען. די טרייד יוניאָן בעוועגונג אין לאָנדאָן איז דאַן געפיהרט געוואָרען פון מענשען וועלכע האָבן זיך בענוצט מיט דער עקאָנאָמישער מאַכט פון די טרייד יוניאָנס פאַר פּאָליטישע צוועקען. ביי דער פערבינדונג וואָס איז געשלאָסען געוואָרען אויף דער אויסשטעלונג צווישען די לאָנדאָנער און פּאַריזער אַרבייטער, איז מען געקומען צום בעשלוס צו אַראַנזשירען געמיינשאַפטליכע דעמאָנסטראַציאָנען, ווען עס וועט זיך האַנדלען וועגען אינטערנאַציאָנאַלע פראַגען. דער דורכ־פאַל פון דעם פּוילישען אויפשטאַנד אין 1863, האָט פעראורזאַכט פּראָטעסט דעמאָנסטראַציאָנען, וועלכע האָבן ווידער געבראַכט די פּאַריזער אַרבייטער אין בעריהרונג מיט די לאָנדאָנער. די פּראָטעסט פערזאַמלונג האָט שטאַטגעפונען אין אַפּריל 1864 אין סט. דזשיימס. עס איז דאָרטען ערוועהלט געוואָרען אַ קאָמיטעט פון ענגלישע אַרבייטער, וועלכע האָט געשיקט אַ שאַרפען פּראָטעסט צו די אַרבייטער פון פראַנקרייך. די לעצטע האָבן געשיקט אַ דעלעגאַציע צו ענטפערען אויף דעם פּראָטעסט. די דעלעגאַציע איז אויפגענומען געוואָרען דעם 28טען סעפּטעמבער 1864, ביי אַ פערזאַמלונג, וועלכע האָט דאַן שטאַטגעפונען אין סט. מאַר־טין׳ס האָל אין לאָנדאָן. דיעזע פערזאַמלונג איז געווען דער גע־בורטס פּלאַץ פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער אַסאָסיאיי־שאָן.

די פערזאַמלונג איז אויך געווען בעזוכט פון דייטשען, פּאָ־ליאַקען און איטאַליענער. דער פאָרזיצענדער איז געווען פּראָפע־סאָר ביעזלי, וועלכער האָט זיך שוין פון פריהער בעריהמט גע־מאַכט מיט זיין קאַמפף פאַר דעם אַרבייטער קלאַס. אין זיין

ערעפנונגס רעדע האָט ער איבערגעגעבען די אומשטענדען וועלכע האָבען געפיהרט צו דער פערזאמלונג און ער האָט אויסגעדריקט די האָפנונג, אז די פערזאמלונג וועט פיהרען צו אן ענגער פערבינ־דונג צווישען די ארבייטער פון אלע לענדער. ער האָט דערביי שטארק פערדאמט די רעגיערונגען פאר די גוואלדטהאטען און האָט אויפגעפאָדערט אלע אנוועזענדע צו בעפרייען זיך פון אלע זעלבסט־זיכטיגע אינטערעסען, וועלכע זיינען בעהאלטען אונטער דעם נאָ־מען פאטריאטיזם.

פאר די ענגלישע ארבייטער האָט גערעדט דער שוסטער אדגער און פאר די פראנצויזען — טאָלעין. דער לעצטער האָט פארגע־לעזען דעם ענטפער וואס די פאריזער ארבייטער האָבען געשיקט אויף דעם צושריפט פון די ענגלישע ארבייטער און ער האָט בע־טאָנט, אז דער קאפיטאליזם פערוויסטעט די וועלט און פיהרט איין עקאָנאָמישע שקלאפעריי. די אינטערנאציאנאלע געפאהר פון דעם קאפיטאליזם קען בעגעגענט ווערען בלויז דורך אן אינטערנאציא־נאלע פעראייניגונג פון אלע לענדער.

א צווייטער פראנצויזישער רעדנער, לע־לובע, האָט ערקלערט די נויטווענדיגקייט פון אן אינטערנאציאנאלער ארבייטער ארגא־ניזאציאָן און ער האָט געמאכט בעשטימטע פארשלעגע פאר אזא ארגאניזאציאָן. זיין פלאן איז געווען, אז דער צענטער פון דער ארגאניזאציאָן זאל זיך געפינען אין לאָנדאָן און אז אין די הויפט־שטעדט פון אלע לענדער זאלען זיין אבטיילונגען. ער האָט אויך געמאכט א פארשלאג איינצובערופען אן אינטערנאציאנאלען קאָנ־גרעס, וועלכער זאל אפגעהאלטען ווערען אין בעלגיען אין 1865.

דאן האָט וועהלער, דער פאָרשטעהער פון די ענגלישע גע־ווערקשאפטען, אריינגעבראכט די פאלגענדע רעזאלוציאָן:

„די פערזאמלונג האָט אויפגענומען דעם ענטפער פון אונזערע פראנצויזישע ברידער אויף דעם צושריפט וואס מיר האָבען גע־שיקט. מיר בעגריסען זיי ווידער און אום זייער פראגראם זאל העלפען דער ארבייטער פעראייניגונג, נעהמען מיר זי אָן אלס די גרונדלאגע פון אן אינטערנאציאנאלען פערבאנד. מיר בעשטימען גלייך א קאָמיטעט, מיט דעם רעכט צו פערגרעסערען די צאָהל מיט־גליעדער, און דער קאָמיטעט זאל אויסארבייטען אלע רעגעלען פאר אזא פערבאנד".

נאָך פיעלע דעבאטען איז די רעזאלוציאָן אָנגענומען געווארען. עס איז ערוועהלט געווארען א קאָמיטעט, אין וועלכען עס איז אויך אריין קאַרל מאַרקס.

די אינטערנאציאנאלע ארבייטער אסאסיאיישאָן איז געגרינ־דעט געווארען.

ווי קומט מאַרקס צו דער פערזאמלונג, און ווי ווייט האָט ער מיטגעווירקט אין דער גרינדונג פון דעם אינטערנאציאנאל?

דער לאָנדאָנער ארבייטער קאָמיטעט, וועלכער איז געגרינדעט געווארען אין 1864 אויף דעם פוילישען פראטעסט מיטינג, האָט זעהר געוואלט אז דער „קאָמוניסטישער ארבייטער בילדונגס פעראיין" זאל זיך בעטייליגען אין דער פערזאמלונג אין סט. מארטין'ס האָל, און אז קארל מארקס זאל געשיקט ווערען אלס דעלעגאט. עס איז גאנץ וואהרשיינליך, אז עקאריאוס, א גוטער פריינד און שילער פון קאַרל מאַרקס, וועלכער איז געוועזן א מיטגליעד פון דעם לאָנ־דאָנער קאָמיטעט, האָט מיטגעווירקט אז מארקס זאל איינגעלאדען ווערען אלס דעלעגאט פון דעם קאָמוניסטישען פעראיין. די איינ־לאדונג איז אָנגענומען געווארען און דער פעראיין האָט געשיקט דעם שניידער לעסנער, צו בעטען מארקס'ען, אין נאָמען פון פער־איין, אָנצונעהמען אלס דעלעגאט צו דער געפלאנטער פערזאמ־לונג. מארקס האָט די איינלאַדונג אָנגענומען און אויף אזא אופן איז ער געקומען צו דער פערזאמלונג און איז געווארען איינער פון די גרינדער פון דעם אינטערנאציאנאל.

אין א בריעף צו פריעדריך ענגעלס, וועלכען מארקס האָט גע־שריעבען דעם 4טען נאָוועמבער, 1864, האָט ער מיטגעטיילט אלע איינצעלהייטען וועגען דעם אנטייל וואס ער האָט גענומען אין דער גרינדונג פון דעם אינטערנאציאנאל.

צווישען אנדערעס דערצעהלט ער דאָרט, אז א געוויסער לע־לובע איז צו איהם געשיקט געווארען מיט דער אָנפראגע, אויב ער וועט פערטרעטען די דייטשע ארבייטער ביי דער פערזאמלונג, דעם 28טען סעפטעמבער, און אויב ער וועט קריגען א דייטשען ארבייטער אלס רעדנער. „איך האָב געקראגען עקאריאוס און איך בין געזעסען אויף דער פלאטפארם אלס א שטומע פיגור און האָב ארויסגעהאָלפען... איך האָב געוואוסט, אז דיעזען מאָל ווע־לען סיי פון דער ענגלישער און סיי פון דער פראנצויזישער זייט

פיגורירען „מעכטע" און איך האָב דעריבער בעשלאָסען אָנצונעהמען די איינלאדונג, ניט אכטענדיג אויף מיין געוועהנליכען רעגעל אָבצוזאגען זיך פון אזעלכע זאכען". וועגען דער פערזאמלונג גופא שרייבט מארקס:

„אויף דעם מיטינג, וועלכער איז געווען פול בעזוכט ביז דערשטיקט צו ווערען, איז דער לאָנדאָנער פעראיין פון איטאליענישע ארבייטער געווען פערטראטען פון מאיאר וואולף, גאריבאלדי'ס אדיוטאנט. עס איז בעשלאָסען געווארען צו גרינדען אן אינטערנאציאנאלע ארבייטער אסאסיאיישאָן, מיט א גענעראל ראטה אין לאָנדאָן, וועלכער זאל „פערמיטלען" די ארבייטער פעראיינען פון דייטשלאנד, איטאליען, פראנקרייך און ענגלאנד. דערצו זאל אויך איינבערופען ווערען אן אינטערנאציאנאלער ארבייטער קאָנגרעס, וועלכער זאל שטאטפינדען אין בעלגיען אין 1865. אויף דעם מיטינג איז ערוועהלט געווארען א פראוויזארישער קאָמיטעט פון אדגער, קרעמער און פיעלע אנדערע, טיילוויז אלטע טשארטיסטען, טיילוויז אָועניטען א. ז. וו. אלס פאָרשטעהער פון ענגלאנד; מאיאר וואולף, פאנטאנא און אנדערע איטאליענער — פאר איטאליען; לע-לובע א. ז. וו. — פאר פראנקרייך און עקאריאוס און איך אלס פערטרעטער פון דייטשלאנד. דעם קאָמיטעט איז געגעבען געווארען דאָס רעכט צוציהען אנדערע לייטע".

וואס עס האט זיך אָבגעשפיעלט הינטער די קוליסען אין פערלויף פון דער צייט צווישען דער פערזאמלונג פון דעם 28טען סעפטעמבער און די פערעפענטליכונג פון דער ערעפנונגס-רעדע, שילדערט מארקס ווי פאלגט:

„איך האָב בייגעוואוינט דעם ערשטען מיטינג פון דעם קאָמיטעט. עס איז ערוועהלט געווארען א סוב קאָמיטעט אין וועלכען איך בין אריין, מיט דעם צוועק צו אויסארבייטען א פרינציפען ערקלערונג און צוזאמענשטעלען א פראוויזארישע פראגראם. צוליעב קראנקהייט האָב איך ניט געקענט בייוואוינען דעם מיטינג פון דעם סוב קאָמיטעט און דעם פאלגענדען מיטינג פון דעם אלגעמיינעם קאָמיטעט.

„מאיאר וואולף האָט געהאט אָנגעגרייט די סטאטוטען פון די איטאליענישע ארבייטער פעראיינען, כדי צו בענוצען זיך מיט

זיי פאר דער נייער קאָנסטיטוציע. שפּעטער האָב איך פערשטאַנען דעם צוג. דאָס איז אייגענטליך געווען די ארבייט פון מאציני, און דו פערשטעהסט דאָך שוין אין פאראויס אין וועלכען גייסט און אין וואס פאר א שפּראַך די ווירקליכע פראגע, די ארבייטער פראגע, איז בעהאנדעלט געווארען, און אויך ווי די נאציאנאלי־טעטען געשיכטען זיינען בעהאנדעלט געווארען.

„אויסער דעם האָט אַן אַלטער אָועניט, וועסטאָן, יעצט אַליין אַ פאבריקאַנט, אַ זעהר ליעבענסווירדיגער און בראווער מאַן — צוזאַמענגעשטעלט אַ פּראָגראַם, וועלכע איז אויסערגעוועהנליך גרויס און איז אַ גאַנצע צומישעניש.

„ביי דער נעקסטער זיצונג פון דעם אַלגעמיינעם קאָמיטעט איז דער סוב קאָמיטעט בעאויפטראַגט געווארען איבערצואַרבייטען וועס־טאָן׳ס פּראַגראַם ווי אויך וואולף׳ס סטאַטוטען. וואולף אַליין איז אפּגעפאהרען קיין נעאפּאל אום בייצוואוווינען דעם קאָנגרעס פון די איטאַליענישע ארבייטער פעראיינען, און אָנצושליסען זיי אַן דער לאָנדאָנער צענטראַלער אסאָסיאיישאָן.

„די נעקסטע זיצונג פון דעם סוב קאָמיטעט האָב איך ווידער ניט בייגעוואוינט, ווייל מען האָט מיר צו־שפּעט וועגען דעם גע־לאָזט וויסען. לע־לובע האָט ביי דיעזען מיטינג פאָרגעלייגט אַ פּרינציפּען ערקלערונג און אַן אויסבעסערונג פון וואולף׳ס סטאַ־טוטען און דער סוב קאָמיטעט האָט דאָס אָנגענומען. דער אַלגעמיי־נער קאָמיטעט איז זיך צונויפגעקומען דעם 8טען אָקטאָבער. עקאַ־ריאוס האָט מיר געשריעבען, אַז עס איז דאָ אַ פאָרשטעהענדע גע־פאהר. ווען איך האָב געהערט לע־לובע פאָרלעזען אַ שלעכט געשריעבענע און ניט אויסגעארבייטע איינלייטונג, וואס האָט גע־זאָלט דיענען אלס אַ פּרינציפּען ערקלערונג, וועלכע איז דורכ־געקוקט געווארען פון מאציני און איז פון איהם פערגלעט גע־ווארען מיט אַ שטיקעל אונפערשטענדליכען פראַנצויזישען סאַציאַ־ליזם, בין איך שטאַרק דערשראָקען געווארען. אויסער דעם, איז אָנגענומען געווארען די גאַנצע איטאַליענישע פּראַגראַם, וועלכע, אויסער אַלע פּעהלערען, האָט פון דעם פּראַקטישען שטאַנדפּונקט פאַרגעשלאָגען עטוואס אונמעגליכעס, נעמליך, אַ מין צענטראַלע רעגיערונג פון די אייראָפּעאישע ארבייטער קלאַסען (נאַטירליך מיט מאציני אין דעם הינטערגרונד). איך בין ארוים נעגען דעם

און נאָך א לאנגער דעבאַטע האָט עקאריאוס פארגעשלאָגען אז דער סוב קאָמיטעט זאָל פון דאָס ניי רעדאגירען די גאנצע ערקלע־רונג. לע־לובע׳ס פאָרשלאג איז ניעדערגעשטימט געווארען.

„צוויי טעג שפּעטער, דעם 20טען אָקטאָבער, האָבען זיך אין מיין הויז פערזאמעלט קרעמער, פאנטאנא און לע־לובע, וועס־טאָן האָט ניט געקענט קומען. ביז יעצט האָב איך ניט געהאט אין מיינע הענד וואולף׳ס און לע־לובע׳ס דעקלאראציאנען און איך בין ניט געוועזן פאָרבערייטעט. אבער איך בין געוועזן ענטשלאָסען, אז קיין איין פראזע פון די דעקלאראציעס זאָל פערבלייבען אין איהר יעצטיגער פארמע. אום צו געווינען צייט, האָב איך פאָרגע־שלאָגען, אז איידער מען וועט זיך נעהמען צו רעדאגירען די גאנ־צע איינלייטונג זאָל מען דיסקוטירען די איינצעלנע פונקטען. דער פאָרשלאג איז אָנגענומען געווארען. עס איז שוין געוועזן ארום 1 אוהר ביי נאכט ווען דער ערשטער פון די פערציג פונקטען איז אָנגענומען געווארען. קרעמער האָט ערקלערט (און דאָס איז וואס איך האָב טאקע געוואלט) אז מיר וועלען גאָר ניט קענען בעריכטען צו דעם קאָמיטעט, וועלכער דארף זיך פערזאמלען דעם 25טען אָק־טאָבער. מיר מוזען דאָס איבערלאזען ביז דעם ערשטען נאָוועמ־בער. פון דער אנדער זייט קען דער סוב קאָמיטעט זיך צוזאמענ־קומען דעם 27טען אָקטאָבער און פראָבירען אויסצוארבייטען עטוואס בעשטימטעס. דאָס איז אָנגענומען געווארען און די פאפּירען זיי־נען איבערגעלאזען געווארען ביי מיר.

„איך האָב געזעהן, אז עס איז אונמעגליך דערפון עפּעס צו מאכען. אויף א העכסט זאָנדערבארער ארט, זוכענדיג די דער־מאָנטע סענטימענטען קלענער צו מאכען און צו פערטהיידיגען, האָב איך געשריבען אן אויפרוף צו דעם ארבייטער־קלאס, א מין איבערבליק איבער דעם שיקזאל פון דעם ארבייטער קלאס זייט דעם יאָהר 1845 ; אום אז עס זאָל אין דעם אריין אלע פאקטען און אז מיר זאָלען ניט מוזען דריי מאָל זאָגען דיזעלבע זאכען, האָב איך געענדערט די גאנצע הקדמה, האָב ארויסגעווארפען די פּרינ־ציפּען ערקלעהרונג און אויף׳ן פּלאץ פון 40 פונקטען האָב איך אריינגעשטעלט 10 פונקטען. אזוי ווייט ווי אין דעם אויפרוף ווערט בעהאנדעלט די אינטערנאציאנאלע פּאָליטיק, ווערט גערעדט פון לענדער, ניט פון נאציאנען און איך האָב גערעדט געגען רוסלאנד,

ניט געגען די קלענערע שטאַאטען. אַלע מיינע פאַרשלעגע זיינען אָנגענומען געוואָרען פון דעם סוב קאָמיטעט. איך האָב אָבער אין דער איינלייטונג פון די סטאַטוטען דערמאָנט די פליכט און רעכט־פראַגען א חוץ וואהרהייט, מאָראַל און גערעכטיגקייט, אָבער דאָס איז געמאַכט געוואָרען אַזוי קורץ, אַז עס האָט ניט געקענט שאַדען.

אין דער זיצונג פון דעם גענעראַל־קאָמיטעט איז מיין אויסרוף מיט גרויס ענטהוזיאַזם אָנגענומען געוואָרען (איינשטימיג). די דעבאַטע איבער די אַרט, ווי דאָס צו דרוקען, איז אָבגעלעגט געוואָרען אויף נעקסטען דינסטאַג. לע־לובע האָט איבערגענומען א קאָפּיע פון דעם אויפרוף איבערצוזעצען אין פראַנצויזיש און פאָנטאַנא האָט עס געדאַרפט איבערזעצען אין איטאַליעניש. איך אַליין האָב דאָס בעדאַרפט איבערזעצען אין דייטש.

„עס איז געווען זעהר שווער, אַז אונזער מיינונג זאָל ערשיינען אין אַזא פאָרם, דאָס זי זאָל אָנגענומען ווערען פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער אַרבייטער־בעוועגונג. דיזעלבע לייטע וועלען דאַרפען אין א פּאָר וואָכען אָבהאַלטען מיטינגען מיט ברייט און גאָבאָן ווענען שטימ־רעכט. עס פאָדערט זיך צייט, ביז די ווידערערוואַכטע בעוועגונג זאָל זיך ערלויבען די שטאַרקייט פון דער שפּראַך. „שטאַרק אין דער זאַך און געמעסיגט אין דער פאָרם" איז נויטיג."

דיעזע שילדערונג פון מאַרקס איבער זיין ראָלע ביי דער גרינדונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלע, מאַכט אַן ענדע צו דער לעגענדע, אַז ער איז געווען דער אייגענטליכער „גרינדער" פון דיעזער בעריהמטער אַסאָסיאיישאָן. ווי מען זעהט, איז ער צו דער נייער גרינדונג געווען א קריטישער געגנער און אויך ענגעלס האָט אָנפאַנגס ניט פיעל ערוואַרטעט פון דער נייער אַרבייטער אָרגאַניזאַציאָן. אויף די אויבען דערמאָנטע בריעפליכע מיטטיילונג פון מאַרקס האָט ער געענטפערט:

„דעם אויפרוף צו די אַרבייטער ערוואַרט איך. עס מוז זיין אַן אמת'ע קונסט־שטיק, נאָכדעם, וואָס דו שרייבסט מיר וועגען די לייטע. עס איז אָבער גוט, אַז מיר קומען ווידער אין פערבינדונג מיט לייטע, וועלכע פערטרעטען ווענינגסטענס זייער קלאַס, דאָס איז דאָך ענדליך די הויפּט־זאַך. בעזאָנדערס גוט איז דער איינפלוס אויף די איטאַליענער. איבריגענס, דאַכט זיך מיר,

אז דיעזע נייע אסאסיאיישאָן וועט זיך אין קורצען שפּאַלטען דורך די טהעאָרעטיש־בירגערליכע און טהעאָרעטיש־פּראָלעטארישע עלע־מענטען".

מען זעהט דאָ, אַלזאָ, ניט אפילו קיין רמז אויף א פּאָראוים געפּלאַנטער פערבינדונג פון די ארבייטער פון אַלע לענדער. ערשט שפּעטער, ווען אַלעס איז געווארען פאַרטיג, האָט מארקס אָנגע־הויבען פערנעהמען זיין פּלאַץ אין דער אסאסיאיישאָן. ער האָט זיך ניט געשטויסען צו פערנעהמען אַן אָפיציעלע שטעלע אין דער אָרגאַניזאציאָן. ער איז פיעל מעהר געשטויסען געווארען פון אַנ־דערע דאָס אָנצונעהמען. דאַן אָבער, ווען ער איז געוועזען אין גע־נעראַל־ראַטה האָט ער מיט אַלע כחות געזוכט צו ווירקען, אַז די נייע ארבייטער אסאסיאיישאָן זאָל אָננעהמען די ריכטונג, וועלכע ער האָט געהאַלטען פאַר פּאַסענד. און זיין קענטניס און זיין שאַרפזין האָט איהם באַלד געמאכט פאַר דעם איינפלוסרייכסטען אין דעם גענעראַל־ראַטה, און דורך דעם איז איהם געלונגען צו פיהרען די אינטערנאציאָנאַלע אויף דעם וועג וואס ער האָט גע־האַלטען פאַר ריכטיג. און ער איז דאַן געווארען דער פיהרער.

3

אין דעם ערשטען אויפרוף פון דער ערשטער עפענטליכער בעקאַנטמאַכונג פון דער נייער אָרגאַניזאציאָן געפינט זיך נאָך ניט, ווי מארקס אַליין האָט זיך אויסגעדריקט, „די אַלטע שטאַרקקייט פון שפּראַך", אָבער איהרע גרונד־פּרינציפּען זיינען אייגענטליך דאָס־זעלבע ווי דער אינהאַלט פון דעם „קאָמוניסטישען מאַניפעסט" און דער לעצטער זאַץ פון מאַניפעסט, „פּראָלעטאריער אַלער לענ־דער פעראייניגט אייך", איז אויך געווען דער לעצטער זאַץ פון דעם ערשטען אויפרוף. די „אינטערנאציאָנאַלע ארבייטער אסאָ־סיאיישאָן" האָט שוין געהאַט דעם טהעאָרעטישען פונדאַמענט איי־דער זי האָט נאָך עקזיסטירט, פּונקט ווי די טשאַרטיסטען־בעווע־גונג האָט שוין געהאַט איהר טהעאָריע איידער זי האָט געהאַט איהר נאָמען.

מען האָט אָבער געדאַרפט צוזאַמענגעהמען אַלעס וואס פערבינדעט אַלע גרופּען און טהעאָריעס און ארויסוואַרפען דאָס וואס צושיידט איין פּאַרטיי פון דער אַנדערער. דאָס האָט מען

געמוזט טהאָן אויב מען האָט ניט געוואָלט, אז די אינטערנאַציאַ־נאַלע זאָל זיין דער טומעל־פּלאַץ פאר אלע אינערליכע שטרייטיג־קייטען.

קאַרל מאַרקס, וועלכער איז אין גענעראַל־ראַטה דורך זיין ווי־סען און וייטען בליק גליידך ביים אָנפאַנג ארויסגעשוואומען אלס דער פיהרער, האָט דאָס אַלעס פערשטאַנען אויסגעצייכענט. ער האָט דאָס וואָס פעראייניגט ארויסגעשטעלט אין דער פראָנט, און האָט דורך דעם צוזאַמענגעבראַכט פאר איין צוועק די פּרודאָניס־טען, סאָציאַליסטען, קאָמוניסטען און געווערקשאַפטלער. נאָר בלויז א מאַרקס, וואָס האָט ווי אין א שפּיגעל אריינגעקוקט אין דער נשמה פון דער ארבייטער־בעוועגונג, האָט דיזע אויפגאַבע געקענט ערפילען. אָהן איהם וואָלט די אינטערנאַציאָנאַלע פער־איינינוגג פון די ארבייטער נאָך לאַנג געדאַרפט וואַרטען אויף איהר פערווירקליכונג.

אין דעם ערשטען אויפרוף האָט מאַרקס דערפאַר ארויסגע־רוקט אין פראָנט די אידעע פון קלאַסען־קאַמפף, כדי דורך דעם אוועקצולעגען א פונדאַמענט, אויף וועלכען אַלע ארבייטער קענען שטעהן פעראייניגט און ער ציינט אין דערזעלבער צייט אויך אָן די ליניען וואָס טהיילען אָב די בירגערליכע וועלט פון דער ארביי־טער וועלט. ער האָט צוליעב דעם געשילדערט די קאַפּיטאַליס־טישע ענטוויקלונג אין די יאהרען זייט 1845; האָט אָנגעוויזען אויף איין זייט, דאָס שרעקליכע עלענד, וואָס האָט געבראַכט די ענטוויקלונג פון דעם ארבייטער קלאַס, און אויף דער אַנדערער זייט, דאָס גרויסע רייכטהום, וואָס די הערשענדע קלאַסען האָבען אָנגעקליבען.

פּונקט ווי דער ערשטער אויפרוף, אזוי ווירקונגספול זיי־נען אויך געוועזן די איבריגע וויכטיגע בעקאַנטמאַכונגען פון גע־נעראַל־ראַטה פון דער אינטערנאַציאָנאַלע, וועלכע זיינען געוועזן פערפאַסט פון קאַרל מאַרקס. פּונקט ווי ער האָט אָנגעגעבען די ריכטונג צו די פיהרער פון דער אינטערנאַציאָנאַלע, אזוי האָט ער אויך בעגרינדעט דיזע ריכטונג אין די פערעפענטליכטע מאַ־ניפעסטען. און זייער ווירקונג איז געוועזן, בעזונדערס אין דער ענגלישער פּאָליטיק, פיעל גרעסער ווי מען נעהמט אָן אין אַל־געמיין.

אין דער אגיטאציע פאר פערגרעסערען דאס וואהלרעכט אין ענגלאנד, וועלכע האט אין יאהר 1867 צוגעבראכט א מיליאן פון וועהלער און וועלכע האט זיך שוין אין אנפאנג פון די זעכציגער יאהרען אנגעהויבען צו ענטוויקלען, האט די אינטערנאציאנאלע געשפיעלט א וויכטיגע ראלע. אום אנצופיהרען דיעזע אגיטא־ציע האט זיך אונטער דער ענגלישער ארבייטערשאפט געגרינדעט א „רעפארם ליעג". קארל מארקס האט דעם 1טען מאי 1865, וועגען דעם געשריעבען צו פרידריך ענגעלס פאלגענדעס:

„דער גרויסער ערפאלג פון דער אינטערנאציאנאלע אסא־סיאיישאן איז ווי פאלגט: די „רעפארם ליעג" איז אונזער אר־בייט. אין דעם ענגערן קאמיטעט פון צוועלף (זעקס פון דער מי־טעל קלאס און זעקס ארבייטער) זיינען אלע ארבייטער מיטגליע־דער פון אונזער גענעראל־ראטה (דארונטער עקאריאוס). אלע פערזוכען צו פערפיהרען די ארבייטער קלאסע זיינען ניט געלונ־גען. געלינגט דיעזע ארגאניזירונג פון דער פאליטישער בעווע־גונג פון דער ענגלישער ארבייטער קלאסע, אזוי האט אונזער אסא־סיאיישאן, אהן איבערטרייבונג, מעהר אויפגעטהאן פאר דעם איי־ראפעאישען ארבייטער קלאס ווי עס איז געוועזן מעגליך דורך אירגענד וועלכען וועג. עס זיינען פאראן אלע אויסזיכטען אויף ערפאלג."

און א פאר טעג שפעטער, דעם 13טען מאי, האט מארקס נאך צו ענגעלס געשריעבען פאלגענדעס:

„אהן אונז וואלט דיעזע „רעפארם ליעג" ניט געווען צו־שטאנדע געקומען אדער זי וואלט געווען אריינגעפאלען אין די הענד פון דעם מיטעל קלאס".

נאכדעם ווי די רעפארם בעוועגונג האט אין פערלויף פון נעקסטען יאהר אנגענומען א צו־רעוואלוציאנערען כאראקטער, און נאך דעם ווי די ארבייטער רעדנער, וועלכע זיינען אויך גע־ווען מיטגליעדער פון גענעראל־ראטה, האבען ביי די מאסען דע־מאנסטראציעס דערמאנט, אז דאס ענגלישע פאלק האט שוין א מאל זיין קעניג קורצער געמאכט מיט א קאפ, האט מארקס דא־מאלס, דעם 7טען יולי, געשריבען צו ענגעלס פאלגענדעס:

„די לאנדאנער ארבייטער דעמאנסטראציעס, ווען מען פער־גלייכט מיט דעם, וואס מיר האבען געזעהן אין ענגלאנד אין

יאָהר 1849, זיינען ריין דאָס ווערק פון דער אינטערנאַציאָנאַלע. הערר לוקראַפט, צום ביישפּיעל, דער הויפּטמאַן אויף דעם טראַ־פּאַלגאַר סקווער, איז איינער פון די מיטגליעדער פון אונזער גע־נעראַל־ראַטה. דאָ זעהט מען אַרויס דעם אונטערשיעד פון איי־נעם, וואָס ווירקט הינטער די קוליסען און צייגט זיך ניט אין דער עפענטליכקייט, און פון איינעם, ווי ביי די דעמאָקראַטען, וואָס מאַכט זיך עפענטליך וויכטיג זיין טהוט גאָר ניט".

קאַרל מאַרקס איז אויך געווען דער, וואָס האָט איינגערעדט דעם „גענעראַל ראַטה" צו נעהמען אַ שטעלונג צו דער אירלענ־דישער פראַגע. ער האָט דיעזע פראַגע געוואָלט פּערענטפערען פון אַן אַרבייטער־קלאַס־שטאַנדפּונקט.

ער האָט אָנגעוויזען, אַז דער אַרבייטער קלאַס אין ענגלאַנד וועט קיינמאָל קיין וויכטיגעס ניט קענען טהאָן איידער ער וועט ניט אויף בעשטימט אָבטהיילען זיך פון דער פּאָליטיק פון דעם הערשענדען קלאַס, און ניט נאָר העלפען אירלאַנד, נאָר אויף זיך נעהמען די איניציאַטיווע צו בעפרייען אירלאַנד. דאָס איז אין דעם אינטערעס פון דעם ענגלישען פּראָלעטאַריאַט. די ערש־טע בעדינגונג פון דער אַרבייטער בעפרייאונג אין ענגלאַנד איז דאָס פאַלען פון דער ענגלישער באָדענאָליגאַרכיע (הערשאַפט פון די לאַנדבעזיצער). דאָס איז אבער אונמעגליך.. דיעזע פּאָזיציע קען ניט געשטורעמט ווערען, אַזוי לאַנג ווי דיעזער קלאַס האָלט זיין שטאַרק־בעפעסטיגטע פּאָזיציע אין אירלאַנד. דאָרט איז אָבער פיעל לייכטער צו פערניכטען די לאַנד־אַריסטאָקראַטיע, אַזוי שנעל ווי מען גיט זיי איבער צום אירלענדישען פאָלק, ווייל אין איר־לאַנד איז זי אַן עקאָנאָמישע און נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע פראַגע.

אלס אַ בעשטעטיגונג צו דיעזער מאַרקסיסטישער פּאָליטיק צו אירלאַנד, האָט דער גענעראַל ראַטה פון דער אינטערנאַציאָ־נאַלע זיך געשטעלט אויף דער זייט פון דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג פון די אירלענדישע אַרבייטער און האָט, צום ביישפּיעל, פּראָטעסטירט געגען די אונמענשליכע בעהאַנדלונג פון די אירלענ־דישע שטאַאַטס געפאַנגענע אין ענגלישע קערקערס, וועגען די טויט אורטהיילען און זייער דורכפיהרונג אויף אירלענדישע קעמפ־פער.

אויך די שטעלונג פון גענעראַל ראַטה צו דער פראַגע פון

נעגער שקלאַפעריי און צום אַמעריקאַנישען בירגער קריעג איז געווען די ארבייט פון קאַרל מאַרקס.

עס איז געווען איהם צו פערדאנקען, וואס באלד נאָך דער גרינדונג פון דער אינטערנאציאנאלע אונטער דעם דירעקטען איינפלוס פון איהר גענעראל ראטה, האָבען די לאָנדאָנער אר־בייטער אָבגעהאלטען פראָטעסט פערזאמלונגען, און זיי האָבען זיך געווענדעט געגען די יוניאָן־פיינדליכע האנדלונג פון זייערע פאַבריקאַנטען און געגען דער רעגיערונג פון זייער לאנד. דעם 22טען נאָוועמבער 1864, איז אין גענעראל ראטה אָנגענומען גע־ווארען א בעשלוס צו שיקען צום אַמעריקאַנער פאָלק א בעגריי־סונג, אין וועלכער מען ווינשט זיי גליק צו דער ווידער־ערוועה־לונג פון לינקאָלן אלס פרעזידענט. דער בריעף איז פערפאסט געווארען פון מאַרקס'ען און איז איבערגעשיקט געווארען צו לינקאָלן דורך דעם אמעריקאנער קאָנס־ל אין לאָנדאָן. דער בריעף האָט זיך געלעזען אזוי:

„אזוי לאנג די ארבייטער, די אמת'ע פאָליטישע מאכט פון צפון, האָבען ערלויבט די שקלאַפעריי צו שענדען זייער איי־גענע רעפ־בליק; אזוי לאנג ווי זיי האָבען גערעכענט, אז דער ווייסער ארבייטער איז מעהר יחסן פונ'ם בעהערשטען און פער־שקלאַפטען ארבייטער, ווייל ער קען זיך אליין פערקויפען און אליין אויסקלייבען א בעל הבית; אזוי לאנג זיינען זיי געווען אונפעהיג צו קריעגען די אמת'ע פרייהייט פון די ארבייטער אָדער אונטערצושטיצען זייערע ברידער אין זייער בעפרייאונגס־קאַמפף.

„די ארבייטער פון אייראָפּא זיינען זיכער, אז פונקט ווי דער אמעריקאנער אונאבהענגיגקייטס קריעג מיינט א נייע צייט פאר דער הערשאפט פון דעם בירגער קלאַס, אזוי מוז אויך זיין דער אמע־ריקאנישער אנטי־שקלאַפען קריעג פאר די ארבייטער..."

דיעזער בריעף צו לינקאָלן איז דורך טשאַרלעס פרענ־סיס אַדאַמס, דעם אַמעריקאַנישען געזאנדטען אין לאָנדאָן, איי־בערגעשיקט געווארען קיין אמעריקא. עס ווייזט אויס, אז לינ־קאָלן האָט א חוץ אַן ענטפער אויף דער בעגריסונג אויך געשיקט א בריעף צום גענעראל ראטה, ווייל מאַרקס האָט וועגען דעם גע־שריעבען צו ענגעלס'ען פאלגענדעס:

„דער פאקט, אז לינקאָלן האָט אונז געענטפערט אזוי העפ־

ליך און דעם בורזשואזען עמאנציפּאַציאָנס פעראיין אזוי קאַלט און אפיציעל, האָט די „דיילי ניוס" אזוי פערדראסען, אז זי האָט דעם ענטפער צו אונז ניט אָבגעדרוקט".

עס איז בעקאנט, אז א חוץ דיעזע בעגריסונג צו לינקאָלן האָט די אינטערנאציאנאלע געשיקט נאָך צוויי בעגריסונגען צו אמעריקא, איינעם צו פּרעזידענט דזשאנסאָן, ווען לינקאָלן איז ערמאָרדעט געווארען, און איינעם צום פאָלק פון די פעראייניגטע שטאאַטען. אין דיעזע בעגריסונגען ווינשט די אינטערנאציאנאלע גליק דעם אמעריקאנער פאלק צו דער ענדע פון קריעג און צו דער אויפהאלטונג פון דער יוניאָן.ביידע בעגריסונגען זיינען געשריבען געווארען פון מארקס'ען.

און ניט בלויז די אויסערע ארבייט צו פערטרעטען די אלגעמיינע פּאָליטישע פראגען פון דער אינטערנאציאנאלע האָט מארקס איבערגענומען, נאָר אויך די אינערליכע ארבייט. די מייסטע אויפרופען, וואס זיינען נויטיג געווען פארצובערייטען דעם יאהר קאָנגרעס פון דער אסאָסיאיישאָן, זיינען געווען פון זיין פעדער. פון איהם קומט דער טעקסט פון די וויכטיגסטע רעזאָלוציאָנען, וועלכע זיינען רעקאָמענדירט געווארען פון גענעראלראטה און אָנגענומען געווארען פון קאָנגרעס.

די קלאָהרע רעזאָלוציאָנען איבער די געווערקשאפטען, וועלכע זיינען אויפ'ן קאָנגרעס אין זשענעווא אין יאהר 1866 אָנגענומען געווארען, שטאמען פון מארקס'עס פעדער. זיי זיינען פאר דעם דאמאלסדיגען צושטאנד געווען פון אזא וויכטיגקייט, וואס מען קען זיך היינט קוים פארשטעלען. אין אייראפּא האָבען דאמאלס געווערקשאפטען אויף דעם אופן ווי די טרייד יוניאָנס אין ענגלאנד ניט עקזיסטירט. די מארקסיסטישע רעזאָלוציאָנען פאר דער פערשפּרייטונג פון אזעלכע געווערקשאפטען אויך אין אייראפּא האָבען ארויסגערופען א שטארקע געגנערשאפט ביי די פראנצויזישע און שווייצערישע דעלעגאטען, וועלכע האָבען ערקלעהרט, אז אזא סאָרט געווערקשאפטען וועלען זיך אין אייראפּא קיינמאָל ניט ענטוויקלען. אָבער אין צוויי יאהר ארום זיינען אויפ'ן קאָנגרעס פון דעם אינטערנאציאנאל אין בריסעל געווען אנוועזענד פערציג דעלעגאטען, וועלכע האָבען פערטרעטען געווערקשאפטליכע ארגאניזאציאָנען פון אייראפּא.

די געווערקשאפטס פראגע האט מארקס אליין ארויפגעבראכט אין גענעראל ראטה. פונקט ווי אין דער אינטערנאציאנאלע, אזוי אויך אין גענעראל ראטה, זיינען געווען פערטרעטען די פערשיעדענסטע שטרעמונגען פון דער ארבייטער דעמאקראטיע. מען האט דערפאר געמוזט שאפען מיטעל פאר אויפקלעהרונג און אויב מעגליך דאס הערבפיהרען איינשטימיג. מיט וואס פאר אן איבערמענשליכער געדולד מארקס האט דערפאר געארבייט, ווערט דערצעהלט פון אלע, וועלכע האבען מיט איהם געהאט פערבינדונגען. די לאנגוויילינסטע דעבאטען אין גענעראל ראטה האבען מארקס'ען ניט אבגעהאלטען זיין אויפקלעהרונגס־ארבייט ביי אלע זיצונגען פארטצוזעצען, און זיין דאמאלס זעהר בעשרענקטע צייט — ער איז געווען פערנומען מיט ענדיגע דעם ערשטען באנד פון „קאפיטאל" — האט ער אוועקגעגעבען פאר קלאהר מאכען זיינע אידעען צווישען די מיטגליעדער פון ראטה.

אלס ביישפיעל קען דיענען פאלגענדער פאקט: איינער פון די מיטגליעדער פון גענעראל ראטה, דזשאהן וועסטאן, אן אנהענגער פון ראבערט אוען, האט גע'טענה'ט, אז אן אלגעמיינע העכערונג פון ארבייטס לוין פאר די ארבייטער וועט גאר קיין נוצען ניט ברייננען, ווייל דער קאפיטאל וועט דעם אונטערשיעד פון די העכערונג פון לוין ארויפציהען אויפ'ן פרייז פון זיין סחורה און דער ארבייטער וועט דורך דער טהייערונג בלייבען אין דעמזעלבען אלטען צושטאנד. ער וועט קריעגען בלויז מעהר לוין, אבער וועט בלייבען דער זעלבער ארימאן. און דערפאר איז די ווירקונג פון די געווערקשאפטען שעדליך.

מארקס איז אין גענעראל ראטה ארויס געגען דיעזער מיינונג און האט וועגען דעם אויף איינע פון די זיצונגען געהאלטען א לאנגען טהעארעטישען פארטראג, וועלכער איז שפעטער ארויס אין דרוק אונטער'ן נאמען: „לוין, פרייז און פראפיט". ער האט דארט דורך דער געשיכטע פון די געווערקשאפטען בעוויזען, ווי די ווירקליכקייט צושלאגט וועסטאן'ס ארגומענטען. ער האט דארט קלאהר אנאליזירט די געזעצע, וועלכע בעשטימען די העכערונג פון לוין אין דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט. דורך זיינע קלאהרע ארגומענטען האט ער געוואונען אויף זיין זייט דעם גענעראל ראטה, וועלכער האט שפעטער געשטיצט כמעט איינ־

שטימיג אויפ'ן אינטערנאַציאָנאַלען קאָנגרעס מאַרקס'עס פאָר־שלעגע, ווענען דער פערשפּרייטונג פון דער געווערקשאַפטען אי־דעע.

ווי ביי די געוועהנליכע פראַגען פון פּאָליטיק און די אי־נערליכע אנגעלעגענהייטען פון דער אַסאָסיאיישאָן, אזוי אויך ווע־גען דער פראַגע פון מלחמה און בעזונדערס אין דער שטעלונג צום דייטש־פראַנצויזישען קריעג פון יאהר 1870־71, זיינען מאַרקס'עס מיינונגען געווען ענטשיידענד פאַר דעם גענעראַל ראַטה.

ווען דער דייטשער קריעג האָט אויסגעבראָכען אין יאהר 1866, האָט דער גענעראַל ראַטה אָנגענומען א רעזאָלוציאָן, וועל־כע פאָדערט אויף די מיטגליעדער פון דעם אינטערנאַציאָנאַל, דעם קריעג צו בעטראַכטען אלס א מלחמה צווישען צוויי דעספּאָטען. דער ארבייטער קלאַס איז אויפגעפאָדערט מיט קיינעם ניט צו סימ־פּאַטיזירען, צו בלייבען נייטראַל.

אין דער צייט פון פראַנצויזיש־דייטשען קריעג, האָט דער גע־נעראַל ראַטה פערעפענטליכט צוויי אויפרופען,ביידע געשריבען פון קאַרל מאַרקס. פון דיעזע צוויי אויפרופען איז איינער פון בע־זונדערער וויכטיגקייט.

אין דעם ערשטען אויפרוף, וועלכער איז ארויסגעגעבען גע־וואָרען בלויז א פּאָר טעג נאָך דער קריעגס־ערקלעהרונג, האָט קאַרל מאַרקס געהאַלטען, אז די מלחמה איז פאַר דייטשלאַנד א פערטהיידיגונגס־קריעג. דאָס וואָס די עמזער דעפּעשע איז גע־פּאַלשעוועט געוואָרען, איז נאָך דאַמאָלס ניט געווען בעקאַנט. ווערטערליך איז אין דעם אויפרוף געווען געשריבען ווי פאָלגט:

„מיט וואָס עס זאָל זיך ניט ענדיגען לואיס באָנאַפּאַרטע'ס מלחמה מיט פּרייסען, דער טויטען־גלאָק פון דער צווייטער פּע־ריאָדע פון קייזערטהום האָט שוין געקלונגען אין פּאַריז. עס וועט זיך ענדיגען ווי עס האָט זיך אָנגעפאַנגען: מיט א פּאַראָ־דיע. אָבער לאָמיר ניט פערגעסען, אז די רעגיערונגען און די הערשענדע קלאַסען פון אייראָפּא זיינען עס געווען די, וועלכע האָבען געמאַכט מעגליך לואיס באָנאַפּאַרטע אכצעהן יאָהר לאַנג צו שפּיעלען די ראָלע פון צוריק אוועקצושטעלען די קייזער־פּע־ריאָדע.

„פון דייטשער זייט איז די מלחמה א פערטיידיגונגס־קריעג.

אָבער, ווער האָט דייטשלאַנד געצוואונגען זיך צו פערטיידיגען? ווער האָט געמאכט מעגליך פאר לואיס באָנאפּארטע צו פיהרען מלחמה געגען דייטשלאַנד? — פּרייסען! ביסמארק איז עס געווען דער, וועלכער האָט מיט דעמזעלבען לואיס באנאפּארטע קאָנספּירירט, אום צו דערשטיקען די אָפּאָזיציע פון דעם פאָלק און דייטשלאַנד איבערצוגעבען אין די הענד פון די האָהענצאָלערן דינאַסטיע. וואָלט די שלאַכט ביי סעדאן געווען פערלארען געגאנגען אנשטאָט געוואונען, דאן וואָלטען פראנצויזישע חיל פערטרונקען דייטשלאַנד, אלס די פערבינדעטע פון פּרייסען".

אין דעם צווייטען קריעגס־אויפרוף, וועלכער איז ארויסגעגעבען געווארען נאָכדעם ווי נאפּאָלעאָן איז גענומען געווארען אין פלען ביי סעדאן, האָט מארקס און דער גענעראל ראטה זיך ערקלעהרט געגען דייטשלאַנד'ס פארטזעצונג פון דער מלחמה. דער פערטהיידיגונגס־קריעג איז געווארען אן עראָבערונגס־קריעג, ווי די פערלאנגטע עראָבערונג פון עלזאס און לאָטהערינגען האָט דאן בעוויזען.

„געוויס", האָט קארל מארקס ערקלעהרט, „דער באָדען פון דיזע פּראָווינצען האָט פאר אַ לאנגער צייט צוריק בעלאנגט צום פערשטארבענעם דייטשען רייך. עס זעהט אויס, ווי די ערד און די מענשען וואס געהען ארום אויף איהר, מוזען קאָנפיסקירט ווערען פאר אן אייביגעם אייגענטהום פון דייטשלאַנד. אויב די אלטע מאפּע פון אייראָפּא זאל געענדערט ווערען נאָך דעם היסטאָרישען רעכט, דאן טאָרען מיר אויף קיין פאל ניט פערגעסען, אז די פּרייסישע אייגענטהימער פון קורפירסט פאָן בראנדענבורג זיינען א מאָל געווען די אייגענטהימער פון דער פּוילישער רעפּובליק."

און אין דיזען אויפרוף האָט קארל מארקס פאראויס געזאגט זיין בעריהמט געווארענע נביאות, אז די עראָבערונגען פון עלזאס און לאָטהרינגען וועט פראנקרייך ארייַנטרייבען אין די אָרעמס פון רוסלאַנד. און עס וועט שפּעטער ארויסקומען א נייער גרעסערער קריעג. אָט זיינען וועגען דעם מארקס אייגענע ווערטער:

„גלויבען ווירקליך די דייטשע פּאַטריאָטען, אז פרייהייט און פריעדען וועט זיין געזיכערט אין דייטשלאַנד נאָכדעם ווי זיי צווינגען פראנקרייך ארייַנצופאלען אין די ארעמס פון רוסלאַנד? ווען

דאָס גליק פון די וואפען און דער צופיעל מוטה פון ערפאלג און די דינאַסטישע אינטריגעס וועלען דייטשלאַנד פערפיהרען צו רויבען פראנצויזישען באָדען, בלייבט פאר איהר צוויי וועגען: אָדער זי מוז ווערען דער אָפענער קנעכט פון רוסישע עראָבערונגען, אדער זי מוז זיך נאָך א קורצע פויזע גרייטען צו א נייעם „פערטהיידיגונגס"־קריעג, נישט פאר איינער פון יענע לאָקאַליזירטע מלחמות, נאָר צו א ראַסען־קריעג געגען די פערבינדעטע ראַסען פון סלאווען און ראָמאַנען."

אונזער צייט האָט בעוויעזען, ווי קלאָהר קארל מארקס האָט פאראויסגעזעהן די פּאָליטישע געשעהענישען פון היינט.

אין סעפּטעמבער 1872 איז אין האאג דער לעצטער קאָנגרעס פון דער אינטערנאַציאָנאַלע ארבייטער אסאסיאיישאָן אָבגעהאלטען געווארען אויף אייראָפּעאישען באָדען. עס איז געווען דער ערשטער קאָנגרעס פון דער אינטערנאציאנאלע, אויף וועלכען מארקס האָט זיך פערזענליך בעטהייליגט. מען האָט דאָן בעשלאָסען דעם גענעראל־ראטה פון דער אסאסיאיישאָן איבערצופיהרען פון לאָנדאָן קיין ניו יארק און דערמיט האָט זיך געענדיגט מארקס'עס דירעקטע בעטייליגונג אין גענעראל ראטה.

נאָך דעם ווי דער האאגער קאָנגרעס האָט זיך געשלאָסען האָט מארקס גערעדט ביי א פּאָלקס־פערזאמלונג אין אמסטערדאם, וואו ער האָט געזאָגט פאלגענדעס:

„דער קאָנגרעס אין האאג האָט פּראָקלאמירט די נויטווענדיגקייט פון דעם ארבייטער קלאס צו בעקעמפען אויף פּאָליטישען און סאציאלען באָדען די אלטע געזעלשאפט, וועלכע האלט ביים צופאלען. א גרופּע פון אונזער מיטע האָט געפּרעדיגט, אז די ארבייטער זאָלען זיך דערווייטערן פון פּאָליטיק. מיר האָבען עס געהאלטען פאר אונזער פליכט צו ערקלעהרען, ווי געפעהרליך אזעלכע פּרינציפּען זיינען פאר אונז.

„דער ארבייטער מוז א מאָל האָבען די פּאָליטישע מאכט אין דער האנד, אום די נייע ארגאניזאציאן פון ארבייט אויפצובויען. ער מוז ארונטערווארפען די אלטע פּאָליטיק, וועלכע האלט אויף די אלטע איינריכטונגען, ווען ער וויל ניט, ווי די אלטע קריסטען, גאָר ניט געניסען פון דער וועלט."

צום שלוס האָט מארקס אין זיין רעדע אָבגעגעבען אן ער־

קלעהרונג, וועלכע שטעלט פאַר זיין לעצטע אָפיציעלע טהעטיג־קייט אלס מיטגליעד פון גענעראל־ראטה פון דער אינטערנאציאנאַלע ארבייטער אסאסיאיישאָן:

„איך פון מיין זייט וועל בלייבען טריי די מיר געשטעלטע אויפגאבען און וועל שטענדיג דערפאַר ארבייטען, צו ערקלעהרען אונטער אלע ארבייטער די וויכטיגקייט פון דער סאָלידאריטעט. ניין, איך ציה זיך נישט צוריק פון דער אינטערנאציאָנאלע. מיין גאנץ לעבען אין דער צוקונפט, פונקט ווי אלע מיינע בעמיהונ־גען אין דער פערגאנגענהייט, וועלען זיין געווידמעט פאַר דעם זיעג פון די סאציאלע אידעען, וועלכע וועלען אמאָל פיהרען צו דער וועלט־הערשאפט פון פראָלעטאריאט.”

וואס מארקס האָט דאָרט פערשפּראָכען, האָט ער געהאלטען. אויך נאָך דעם האאגער קאָנגרעס איז קאַרל מאַרקס געוועזן דער, וועלכער האָט מיט זיינע גרויסע געדאנקען פערשפּרייט די פּראָלעטארישע בעוועגונג.

קאַרל מאַרקס קען ניט פארגעשטעלט ווערען אלס דער „גרינ־דער” פון דער אינטערנאציאנאלער ארבייטער אסאסיאיישאָן. די־זע ערשטע גרויסע פערבינדונג פון די ארבייטער פון אלע לענדער האָט ניט געהאט קיין גרינדער אין פולען זין פון ווארט. זי איז ענטשטאַנען אלס א נויטווענדיגקייט פון דער ווירטשאפטליכער ענטוויקלונג. אבער ער האָט דער אָרגאַניזאציאָן ערשט געגעבען איהר אינהאלט. ער האָט בעשטימט איהר ריכטונג און עס איז געוועזן א דאנק זיין אונערמיעדליכע ארבייט וואס די אינטערנא־ציאנאלע איז געווארען וויכטיג.

דערפאַר וועט דער נאָמען פון קאַרל מאַרקס תמיד זיין זעהר ענג פערבונדען מיט דער אינטערנאציאנאלער ארבייטער אסא־סיאיישאָן.

צביון

# קאַרל מאַרקס און די אידען-פראַגע.

קארל מארקס האָט וועגען אידען אָנגעשריבען בלויז איין אַר־טיקעל. וועגען דעם דאָזיגען ארטיקעל זאָגט פראַנץ מעהרינג, דער פערפאַסער פון דער געשיכטע פון דער סאָציאַל דעמאָקראַטישער בעוועגונג אין דייטשלאַנד און דער רעדאַקטאָר פון קארל מארקס „נאכלאַס", אַז דאָס איז דאָס בעסטע און דאָס געניאַלסטע, וואָס קארל מארקס האָט געשריבען, וועהרענד פּראָפעסאָר בולגאַקאָוו זאָגט, אַז דאָס וואָס קארל מארקס האָט געשריבען וועגען דער אידען־פראַגע האָט אויף איהם געמאַכט דעם אָבשטויסענדסטען איינדרוק און ער קען זיך ניט ערקלערען ווי אַזוי קארל מארקס האָט געקענט מאַכען אַזאַ שאַרפען, בעליידיגענדען אַנגריף אויף דעם פאָלק פון וועלכען ער שטאַמט אַליין ארוים.

וועלכע מיינונג איז די ריכטיגע? — מיט דעם גרעסטען רעספּעקט צו פראַנץ מעהרינגס ברייטע און טיעפע קענטניס פון סאָציאַליזם און זיין אונפערגלייכליך גרויסע בקיאות אין קארל מארקס, מעג מען דאָך צו זיין מיינונג, וועגען דעם ארטיקעל פון קארל מארקס איבער דער אידען פראַגע, זיך פערהאַלטען גאַנץ פּאָרזיכטיג. פראַנץ מעהרינג אַליין איז זעהר שטאַרק געשטרוי־כעלט אין אַנטיסעמיטישע געפיהלען. זיי זיינען איהם געבליבען בירושה פון יענע צייטען, איידער ער איז נאָך געוואָרען אַ סאָציאַל דעמאָקראַט. עס שיינט, אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז ביי פראַנץ מעהרינג געוועזען אַזוי שטאַרק איינגעוואָרצעלט אין זיין יוגענד, דאָס ער האָט זיך פון איהם ניט געקענט בעפרייען, ווען ער איז אפילו געוואָרען אַ סאָציאַליסט און איינער פון די פּראָמינענט־סטע טעאָרעטיקער און שריפטשטעלער פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. פראַנץ מעהרינג האָט אַפילו אין זיין געשיכטע פון דער דייטשער סאָציאַל דעמאָקראַטיע, ווען ער קומט צו פער־דינאַנד לאַסאַל, זיך ניט געקענט בעפרייען פון זיינע אַמאָליגע אַנטיסעמיטישע טעאָריעס. אין זיין פערגלייך, וואס ער מאַכט צווישען פערדינאַנד לאַסאַל און קארל מארקס, געפינט זיך זעהר אַ שטאַרקע דאָזע אַנטיסעמיטיזם. פערדינאַנד לאַסאַל האָט קיין חן ניט געפונען אין די אויגען פון פראַנץ מעהרינג. זיינע הויפּט חסרונות געפינט ער אין דער אידישקייט פון לאַסאַל'ען. לאַסאַל האָט זיך ניט בעפרייט פון אידענטום און דאָס האָט אויף איהם געהאַט די שעדליכסטע ווירקונג, וועהרענד קארל מארקס האָט זיך

פאַלשטענדיג בעפרייט פון אידענטום און ער איז דעריבער געווען פריי פון דער שעדליכער ווירקונג פון אידענטום אויף זיין געדאַנקען־גאַנג און אויף זיין לעהרע — דאָס איז די מיינונג פון פראַנץ מעהרינג.

פראַנץ מעהרינג האָט זיך פון זיינע אַנטיסעמיטישע טעאָריען ניט געקענט בעפרייען אפילו אין דער לעצטער צייט, ווען ער האָט געשריבען זיין פאָררעדע אין דעם „נאַכלאַס" פון קאַרל מאַרקס צו דעם אַרטיקעל די „אידען־פראַגע". דיזע פאָררעדע איז געשריבען געוואָרען אין אַ צייט, ווען דאָס אידישע פאָלק האָט שוין געהאַט אַ גאַנץ אַנדער פּנים, ווי אין דער צייט, ווען קאַרל מאַרקס האָט געשריבען זיין אַרטיקעל. די פאָררעדע איז פון פראַנץ מעהרינגען געשריבען געוואָרען, ווען דאָס אידישע פאָלק האָט מיט זיך שוין מעהר ניט פאָרגעשטעלט אַ בורזשואַזען קלאַס, ווי אין די פערציגער יאָהרען פון 19־טען יאָהרהונדערט אין דייטשלאַנד, ווען קאַרל מאַרקס האָט זיין אַרטיקעל געשריבען. די פאָררעדע איז פון פראַנץ מעהרינג געשריבען געוואָרען, שוין לאַנג נאָכדעם, ווי קאַרל קאַוטסקי האָט געשריבען זיין אָבהאַנדלונג וועגען דער אידען־פראַגע, וואו ער נעהמט אַ פאָלשטענדיג געגענגעזעצטען שטאַנדפּונקט, ווי קאַרל מאַרקס אין זיין אַרטיקעל. נאָך מעהר. די פאָררעדע פון פראַנץ מעהרינג איז געשריבען געוואָרען, ווען די אידישע אַרבייטער בעוועגונג אין רוסלאַנד האָט שוין געצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַנצער סאָציאַליסטישער וועלט און ווען די אידישע פאָלקס־מאַסען זיינען בעצייכענט געוואָרען אַלס די טרעגער פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

אין זיין פאָררעדע צו דעם אַרטיקעל פון קאַרל מאַרקס וועגען דער אידען־פראַגע, ערקלערט פראַנץ מעהרינג, אַז די אידען אין דייטשלאַנד האָבען זיך ניט בעטייליגט אין דער לויבענסווערטער אַרבייט פון די דייטשע דענקער און דיכטער. בלויז מענדעלזאָהן האָט זיך פערדיענט געמאַכט פאַר'ן דייטשען פאָלק דערמיט וואָס ער האָט געאַרבייט צו קולטיווירען די אידען. אָבער טאַקע פון מענדעלזאָהן'ס אַרבייט גופא, זאָגט מעהרינג, קען מען זעהן ווי ווייט די אידען זיינען געשטאַנען פון דעם גייסטיגען לעבען פון דער דייטשער נאַציאָן. מענדעלזאָהן האָט געמוזט איבערזעצען די ביבעל אין דער דייטשער שפּראַך מיט אידישע בוכשטאַבען. דאָס בע־

ווייזט, אז די אידען האָבען אפילו רעכט דייטש ניט געקענט. די שפּראַך פון די אידען איז דאַן געווען, דערצעהלט מעהרינג, א אי־דיש־דייטשער זשארגאָן, א שרעקליכער געמיש פון פערדאָרבענע דייטש, העברעאיש, סלאוויש און אנדערע שפּראַכען. דאָס אידישע פאָלק האָט, אלזאָ, נאָך פאַר א לאַנגע צייט ניט געקענט זיין קיין אקער־פעלד פאַר דער זריעה פון דער דייטשער קלאסישער ליטעראַ־טור און פילאָזאָפיע.

פון דיזער קורצער בעמערקונג קען מען זעהן ווי עכט נאַציאָ־נאַל גערמאַניש און ווי בעשרענקט און קאָנסערוואטיוו פראַנץ מעהרינג׳ס בליק איז נאָך א סך שפּעטער פון מארקס׳ען געבליבען וועגען דער אידען־פראגע.

ערשטענס איז די בעהויפּטונג פון פראַנץ מעהרינג פאַקטיש ניט ריכטיג, אז די אידען האָבען זיך ניט בעטייליגט אין דער אר־בייט פון די דייטשע דענקער און דיכטער. ווען פראַנץ מעהרינג האָט זיינע בעהויפּטונגען געשריבען, האָט ער גאַנץ גוט געוואוסט, אז צווישען די גרויסע דייטשע דענקער ווערט גערעכענט דער איד פערדינאַנד לאסאל און אז צווישען די גרעסטע דייטשע דיכטער ווערט גערעכענט דער איד היינע, דער פּאָפּולערסטער דיכטער אין דייטשלאַנד. ער האָט אויך געוואוסט, אז די אידען לודוויג בערנע און סאפיר רעכענען זיך צווישען די דייטשע קלאסיקער.

צווייטענס בעטראַכט פראַנץ מעהרינג די אידען־פראגע בלויז פון א ריין דייטשען נאַציאָנאַלען שטאַנדפּונקט. עס האַנדעלט זיך ביי איהם בלויז וועגען דעם אויף וויפיעל די אידען זיינען דייטשען און וויפיעל די אידען זיינען דורכגעדרונגען מיט דער דייטשער קולטור און אויף וויפיעל זיי האָבען מיטגעהאָלפען די דייטשע קולטור אין איהר ענטוויקלונג. אז די אידען אין דייטשלאַנד האָבען געקענט בלייבען ביי זייער אייגענער קולטור און זיך ענט־וויקלען אויף זייער אייגענער אַרט, פאַלט איהם גאָר ניט איין.

עס וועט אָבער דאָך זיין דורכאויס פאַלש, ווען מען זאָל אָנ־רופען פראַנץ מעהרינג אַנטיסעמיט. שטארקער ווי אַלע וואָלט גע־גען אזא נאָמען פראַנץ מעהרינג אַליין פּראָטעסטירט. ער וואָלט זאָגאר ניט קענען בעגרייפען ווי אזוי מען קען איהם חושד זיין אין אנטיסעמיטיזם, ווען ער אַליין האָט פאַר די לעצטע פאַר צעהנדליג

יאָהר אָנגעפיהרט אזא ענערגישען קאמפף געגען דעם אנטיסעמי־טיזם אין דייטשלאַנד.

אנטיסעמיטיזם איז א פּאָליטישע בעוועגונג אין דייטשלאַנד. אנטיסעמיטיזם בעצוועקט צו בעשרענקען די רעכטען פון די אידען, שאפען פאר זיי בעשרענקונגען. אזא בעוועגונג איז רעאַקציאָנער און דארף פערדאמט ווערען. געגען אזא בעוועגונג מוז מען קעמפ־פען מיט דער גאנצער ענערגיע. אָבער עס האָט גאָר ניט צו טהאָן מיט אַנטיסעמיטיזם, ווען מען קריטיקירט דאָס יודענטום, ווייל קריטיק דארף זיין פריי. אזוי ווי מען מעג קריטיקירען דאָס קריס־טענטום מעג מען אויך קריטיקרען דאָס יודענטום. די אידען דארפען אין דעם פּרט ניט זיין מעהר פּריווילעגירט ווי די קריסטען. פראַנץ מעהרינג זאָגט עס אויך טאַקע אין איין פּלאַץ.

אָבער גאַנץ גלייך וואס עס דארף זיין דער ריכטיגער נאָמען פון פראַנץ מעהרינג׳ס בעציהונג צום יודענטום, מיר זיינען גע־וועהנט צו בעצייכענען אזא בעציהונג מיט דעם נאָמען אַנטיסעמי־טיזם, הגם לויט דעם דייטשען בעגריף איז אזא בעצייכנונג דורכ־אויס פאַלש.

מען דארף דעריבער אָננעהמען, אז די בעגייסטערונג פון פראַנץ מעהרינג פאר דעם ארטיקעל פון קארל מארקס, איז גיבער געקור־מען פון די שאַרפע, געפּעפּערטע אויסדריקע וואָס געפינען זיך אין איהם וועגען יודענטום, איידער די גרויסע ווארהייטען, וועלכע זיי־נען אין איהם ארויסגעזאָגט געוואָרען. דער ארטיקעל האָט איינ־פאַך אפּעלירט צו זיינע געפיהלען, וועלכע זיינען אין איהם געבלי־בען פון זיינע יונגע יאהרען און וועלכע ער האָט פון זיך ניט געקענט אויסוואָרצלען אין זיין טיעפען סאציאליסטישען על־טער.

די ענטריסטונג פון פּראָפעסאר בולגאקאָוו איבער דעם ארטי־קעל פון קארל מארקס איבער דער אידען פראגע איז אַלענפאַלס מעהר א בערעכטיגטע, ווי פראַנץ מעהרינגס בעגייסטערונג. די אויסדריקע וואס קארל מארקס געברויכט אין זיין ארטיקעל מוזען ארויסרופען ענטריסטונג. אָבער אויך פּראָפעסאר בולגאקאָוו האָט שטארק איבערטריבען אין זיין ענטריסטונג. קארל מארקס האָט דאָך ניט געמיינט אזוי שלעכט, ווי זיינע שאַרפע אָנגריפע מאַכען דעם איינדרוק. אַלענפאַלס דארף ניט און קען ניט דער ארטיקעל

פון קאַרל מאַרקס אויסגעטייטשט ווערען אַלס אַן אויסדרוק פון אַנטיסעמיטיזם, ווי מיר פערשטעהען איהם היינט, און נאָך ווענינער קען מען פון איהם דרינגען, אַז קאַרל מאַרקס, דער קעמפּפער פאַר גערעכטיגקייט, פאַר גלייכהייט און פאַר דער בעפרייאונג פון אַלע אונטערדריקטע, איז געווען אַן אַנטיסעמיט.

נאָר לאָמיר צוערשט זעהן וואָס אין דעם אַרטיקעל איז געשריבען געוואָרען, אונטער וועלכע אומשטענדען ער איז געשריבען געוואָרען און אין וואָס פאַר א צייט.

דער אַרטיקעל פון קאַרל מאַרקס איבער דער אידען־פראַגע איז געשריבען געוואָרען אין יאָהר 1844. פיער יאָהר פאַר דער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד. פאַר די אידען אין דייטשלאַנד האָבען דאַן עקזיסטירט פערשיעדענע בעגרענצונגען און בעשרענקונגען. אמערגסטען איז געווען די לאַגע פון די אידען אין פּרייסען. צווישען אַלע אַנדערע פּאָליטישע און רעכטליכע פראַגען, וועלכע זיינען געשטאַנען אויף דער טאַגעס אָרדנונג אין די רעוואָלוציאָנערע און ליבעראַלע קרייזען אין פּרייסען איז אויך געשטאַנען די אידען־פראַגע, דאָס הייסט די גלייכבערעכטיגונג אָדער די עמאַנציפּאַציאָן פון דער אידישער בעפעלקערונג.

די פּרייסישע רעגיערונג האָט געפיהרט אַן אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק. זי האָט געטהאָן דאָס זעלבע, וואָס די צאַרישע רעגיערונג אין רוסלאַנד. זי האָט בענוצט די אידען אַלס א בליץ־אָבלייטער פאַר דעם צאָרן פון פאָלק. אָנהעצענדיג דאָס אונצופריעדענע פאָלק אויף די אידען, האָט די דייטשע רעאַקציאָנערע רעגיערונג זיך דערווייל בעפרייט פון דעם צאָרן פון פאָלק וואָס איז געווען גערינכטעט געגען איהר. דער בעריהמטער לודוויג בערנע האָט פערגליכען די אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק פון דער דייטשער רעגיערונג צו דער טאַקטיק פון די אינדיער, ווען זיי ווילען פאַנגען א ריעזען־שלאַנג. זיי לאָזען לויפען פאַראויס אַן אָקס, דער ריעזען־שלאַנג כאַפּט זיך ארום איהם ארום, צודריקט איהם און פרעסט איהם אויף. נאָך דעם גרויסען, פעטען מאָלצייט, וואָס ער האָט געהאַט, שלאָפט דער ריעזען־שלאַנג איין און דאַן נעהמען איהם זיינע יעגער געפאַנגען. דאָס איז אויך געווען די טאַקטיק פון דער דייטשער רעגיערונג מיט דעם דייטשען פאָלק. זי פלעגט די דייטשע מאַסען אָנרייצען אויף די אידען, זיי פלעגען זיך פערשכור'ען מיט אידען־האַס, אריינ־

פּאַלען אין אַ שלעפּעריגען פּאָליטישען צושטאַנד און דאַן פלעגט די רעגירונג קענען טהאָן מיט'ן פאָלק, וואס זי האָט געוואָלט.

די אידען־פראַגע איז געווארען אַ טייל פון דעם פּראָגראַם פון דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג אין דייטשלאַנד. מען האָט געזוכט אויף איהר אַן ענטפער, אָבער די בעציהונגען צו די אידען אין דייטשלאַנד איז אפילו צווישען די רעוואָלוציאָנערע קרייזען געווען ניט קיין איבריגס פריינדליכע.

די אידען אין דייטשלאַנד, ניט קוקענדיג אויף אַלע בעשרענקונגען און בעגרענצונגען, וואס האָט עקזיסטירט פאַר זיי, האָבען זיך דאָך עקאָנאָמיש געפונען אין אַ פּריווילעגירטע לאַגע. דער גאַנצער גרויסער טייל פון דער אידישער בעפעלקערונג האָט בעלאַנגט צום בורזשואַזנעם קלאַס, קיין ארבייטער זיינען צווישען די דייטשע אידען כמעט ניט געווען. די אידישע בעפעלקערונג אין דייטשלאַנד איז בעשטאַנען פון אַ געלד און אַ האַנדעלס־קלאַס, פון גרויס־בורזשואַזיע, מיטעל־בורזשואַזיע און קליין הענדלער. אַ בעדייטענדער טייל האָט זיך בעשעפטיגט מיט וואוכער, גרויסע פּראָצענטניקעס און קלענערע.

עס איז אמת, אַז די אידישע בעפעלקערונג אין דייטשלאַנד האָט אויך געהאַט אַ גאַנץ גרויסע צאָהל אינטעליגענטען און געלעהרטע, אָבער פילע פון דער אידישער אינטעליגענץ האָבען זיך געהאַלטען פרעמד און אָבגעזונדערט פון זייער אייגענעם פאָלק, מאַסען האָבען זיך גע'שמד'ט און ניט ווייניג פון זיי זיינען געווארען ערגערע אַנטיסעמיטען ווי די דייטשען גופא.

די פאָדערונג פון גלייכבערעכטיגונג פאַר אידען צווישען אַ גרויסען טייל פון די דייטשע רעוואָלוציאָנערען און ליבעראַלען איז ניט געקומען פון אַ סימפּאַטישע געפיהל צו דער פערפאָלגטער אידישער בעפעלקערונג, נאָר פון אַן אַלגעמיינעם פּאָליטיש רעכטליכען פּרינציפּ. אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזען האָט מען ניט בעטראַכט די אונטערדריקונג פון אידען אַלס אַן אונטערדריקונג פון שוואַכע. זיי האָבען גיכער בעטראַכט די אידען אַלס שטאַרקע, אַלס אַ שטאַרקען עקאָנאָמישען קלאַס, וואס האָט אַ גרויסע מאַכט אין לאַנד, ניט קוקענדיג אויף דעם וואס עס עקזיסטירען געגען איהם פּאָליטישע און בירגערליכע בעשרענקונגען.

די בעציהונג צום אידישען פאָלק, וואס האָט עקזיסטירט אין

יענער צייט אין דייטשלאַנד, גיט איבער לודוויג בערנע אין איינער פון זיינע שריפטען, וואו ער זוכט צו ערקלערען פון וואנען עס נעהמט זיך די שנאה פון די דייטשע פאָלקס־מאַסען און פון אַ גרויסען טייל פון דער דייטשער אינטעליגענץ צו די אידען. לודוויג בערנע בעמערקט, אַז דער האַס און דער קאַמפּף פון דעם דייטשען פאָלק געגען דער דייטשער אַריסטאָקראַטיע, האָט דעם דייטשען פאָלק אויך פיינדליך געמאַכט געגען די אידען. דאָס דייטשע פאָלק האָט געזעהן ביי די אידען די מאַכט פון הערשאַפט פונקט ווי זי האָט עס געזעהן ביי דער אַריסטאָקראַטיע. די אידען און דער אַדעל, די פּערזענליכע אַריסטאָקראַטיע און די מיטגעבאָרענע, די הערשאַפט פון געלד און די הערשאַפט פון אַריסטאָקראַטישען יחוס, זיינען ביידע צוזאַמען בעטראַכט געוואָרען פון דייטשען פאָלק אַלס די זיילען, אויף וועלכע עס האַלט זיך די פעאָדאַליסטישע מאַכט אין דייטשלאַנד. דער קאַמפּף געגען דער געבאָרענער אַריסטאָקראַטיע האָט דעריבער אויך אַרויסגערופען דעם קאַמפּף געגען דער פּערזענליכער אַריסטאָקראַטיע, געגען דער אידישער געלד־מאַכט. דערמיט ערקלערט זיך אויך וואָס זאָגאַר אַזאַ ליבעראַלער פילאָזאָף ווי פיכטע איז געווען ניט פריינדליך צו אידען.

דערצו דאַרף גענומען ווערען אין בעטראַכט נאָך עטוואָס. אין יענער צייט האָבען די „יונג־העגעליאַנער", די דייטשע אינטעליגענץ, וועלכע האָט געזוכט דורך די הילף פון העגעל'ס פילאָזאָפיע צו פערשפּרייטען פרייהייטס־אידעען צווישען דייטשען פאָלק, אָנגעפיהרט זעהר אַן ענערגישען קאַמפּף געגען דער קריסטליכער רעליגיאָן, און עס איז געווען ניט מעהר ווי לאָגיש, אַז אָנפיהרענדיג אַ קאַמפּף געגען קריסטענטום זאָלען זיי אויך אָנפיהרען אַ קאַמפּף געגען יודענטום.

אָט דאָס איז געווען די אַטמאָספערע, אין וועלכער קאַרל מאַרקס האָט געשריבען זיין אַרטיקעל וועגען דער אידען־פראַגע.

קאַרל מאַרקס, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ער איז אליין געבאָרען געוואָרען פון אידישע עלטערען, איז לויט זיין ערציהונג און זיין געזעלשאַפטליכען פערקעהר אין גאַנצען געווען פרעמד מיט דער אידישער בעפעלקערונג. ער האָט מיט איהר קיין פערבינדונגען ניט געהאַט און קיין פערקעהר ניט געהאַט. ער האָט זי ניט געקענט און עס קען מעגליך זיין, אַז קאַרל מאַרקס וואָלט

קיין מאָל די אידען־פראַגע ניט בעריהרט, ווען ניט אַן אַבהאַנדלונג פון ברונאָ באַוער, אַ געוועזענער פריינד פון קאַרל מאַרקס, איבער דער אידען־פראַגע, מיט וועלכער ער האָט זיך פעראינטערעסירט און האָט זי גענומען אונטער זיין שאַרפען קריטישען מעסער.

די אַבהאַנדלונג וועגען דער אידען־פראַגע פון ברונא באַוער איז ערשיענען אין יאָהר 1843, און דער גרונד־געדאַנק, וואס ווערט אין איהר דורכגעפיהרט, איז דער פאָלגענדער:

ווי לאַנג דער שטאַאט איז קריסטליך און די אידען זיינען אידיש קענען זיי ניט ערוואַרטען קיין בעפרייאונג. ווארום אייגענטליך וועלכע פרייהייט פאָדערען די אידען? פאָדערען זיי רעליגיעזע פרייהייט? — דאָס איז דאָך אָבער אונמעגליך צו ערוואַרטען פון דעם קריסטליכען שטאַאט. די אידישע רעליגיאָן איז דאָך טויט־פיינדליך צו דער קריסטליכער, טאָ ווי אזוי קען זי ערוואַרטען פון איהר פרייהייט? פערלאַנגען די אידען בירגערליכע פרייהייט? — דער דייטש אַליין האָט דאָך ניט קיין בירגערליכע פרייהייט. פאָדערען זיי פרייהייט אַלס מענשען? — ניט דער איד און ניט דער דייטש צו וועמען ער אַפּעלירט זיינען מענשען.

צווישען דעם איד און קריסט, זאָגט ברונאָ באַוער, עקזיסטירט אַ טיעפער געגענזאַץ. די אידען פערלאַנגען, אַז די קריסטען זאָלען אויפגעבען זייערע פאָראורטיילע געגען אידען, אָבער אויב עס האַנדעלט זיך וועגען אויפגעבען פאָראורטיילע, טאָ ווארום זאָלען די אידען ניט אויפגעבען זייערע פאָראורטיילע געגען קריסטענטום?

נאָר ווי קען דאָך געלעזט ווערען די אידען־פראַגע? — די איינצעלנע לעזונג פון דער אידען־פראַגע, לויט ברונא באַוער'ס מיינונג, קען קומען, ווען עס וועט אָבגעשאַפט ווערען דער געגענזאַץ צווישען איד און קריסט, און דאָס קען בלויז דאַן געשעהן, ווען עס וועט אָבגעשאַפט ווערען די רעליגיאָן.

די אָבשאַפונג פון רעליגיאָן איז דאָס ציעל פאַר וועלכען עס דאַרף געקעמפט ווערען, און כדי דאָס דאָזיגע ציעל צו עררייכען דאַרפען די אידען קעמפען צוגלייך מיט די קריסטען. אָבער זיי דאַרפען קעמפען בלויז אַלס מענשען און ניט אַלס אידען, ווארום אַלס אידען קענען זיי זייער בעפרייאונג ניט קריעגען. דערביי דענקט ברונאָ באַוער, אַז אין דיעזען קאַמפף דאַרפען די אידען זיין

די ערשטע, וועלכע דארפען זיך אָבזאָגען פון זייער רעליגיאָן, ווייל דאָס קריסטענטום איז שוין א שריט פאָרווערטס אין דער מענשליכער בעפרייאונג.

קאַרל מארקס איז ארויסגעטרעטען געגען דעם שטאַנדפונקט פון ברונאָ באוער. דער ערשטער און גרעסטער טייל פון מארקס'עס ארטיקעל איבער דער אידען־פראגע פערנעהמט זיך מיט דער קריטיק פון ברונאָ באוער'ס שטאַנדפונקט. קאַרל מארקס צייגט מיט רעכט אָן, אז דער הויפּטפעהלער פון ברונאָ באוער'ס שטאַנדפונקט בעשטעהט אין דעם, וואָס ביי איהם איז די אידען־פראגע בלויז א רעליגיעזע פראגע. דאָס איז אָבער דורכאוים פאלש. אויב די אידען־פראגע וואלט געוועזען בלויז א רעליגיעזע אדער א טעאָלאָגישע, וואלט זי אין אלע לענדער געדארפט טראגען דעם זעלבען כאראקטער, אין אמעריקא פונקט אזוי ווי אין דייטשלאנד. אין דער ווירקליכקייט איז דאָך דאָס אָבער ניט אזוי. מיר זעהען, אז די לאגע פון די אידען איז בעסער אין די לענדער, וואו די רעליגיאָן איז אָבגעטיילט פון דעם שטאאט. אָבער דערמיט וואס די רעליגיאָן איז אָבגעטיילט פון שטאאט, ווערט די רעליגיאן ניט אָבגעשאפט. דער בעסטער בעווייז איז אמעריקא. די רעליגיאן איז טאקי אָבגעטיילט פון שטאאט, אָבער די רעליגיאָן איז דאָך גענוג שטארק איינגעווארצעלט ביי דעם אמעריקאנער. דערמיט וואס דער שטאאט בעפרייט זיך פון דער רעליגיאָן, בעפרייט זיך נאָך ניט דער מענש פון איהר. עס קען זיין א פרייער שטאאט, אָבער דער מענש אליין זאל דאָך ניט זיין פריי. אויף וויפיעל עס האנדעלט זיך, אלזא, וועגען רעליגיאן אין דער אידען־פראגע, דארף מען ניט געהן אזוי ווייט ווי ביז דער אָבשאפונג פון רעליגיאן אין אלגעמיין, נאָר עס איז גענוג די אָבטיילונג פון דער קירך פון שטאאט.

קאַרל מארקס בעהויפּטעט דעריבער, אז די אידען־פראגע קען ניט בעטראכט ווערען בלויז אלס א רעליגיעזע, און זי קען דעריבער ניט געלעזט ווערען דורך די אָבשאפונג פון רעליגיאָן, פונקט ווי די אלגעמיין מענשליכע בעפרייאונג קען ניט געלעזט ווערען דורך די אָבשאפונג פון רעליגיאָן, ווי ברונאָ באוער גלויבט. עס איז אמת, זאגט קאַרל מארקס, אז די רעליגיאן פערהאלט דעם פראצעס פון דער מענשליכער בעפרייאונג, אָבער רעליגיאן איז ניט

קיין אורזאכע, נאָר אן ערשיינונג פון רעאַלע בע־ציהונגען, און אונטערגראָבענדיג דעם רעאַלען באָדען פון דער רעלי־גיאָן, וועט די רעליגיאָן שוין אליין פערשווינדען.

ווען מען וויל דעריבער בעטראַכטען די אידען־פראַגע, זאָגט קאַרל מאַרקס, דאַרף מען בעטראַכטען דעם וועלטליכען אידען, ניט דעם שבת אידען. מען דאַרף ניט זוכען די געהיימ־ניס פון דעם אידען אין זיין רעליגיאָן, נאָר די געהיימניס פון דער אידישער רעליגיאָן אין דעם ווירקליכען אידען.

און דאָ שטעלט קאַרל מארקס די פראגע: „וואָס איז דער וועלטליכער גרונד פון יודענטום״? און ער ענטפערט: דער וועלטליכער גרונד פון יודענטום איז „דאָס פּראַקטישע בעדירפ־ניש, דער אייגעננוץ״. און קאַרל מארקס געהט אזוי אָן ווייטער מיט פראגען און ענטפערס:

„וואָס איז דער וועלטליכער קולט פון יודענטום?״ — „דער שאכער.״

„וואס איז זיין וועלטליכער גאָט?״ — „דאָס געלד״.

און פאַרטיג ווערענדיג מיט די פראגען און ענטפערס, געהט קאַרל מארקס איבער צו די פאָלגענדע קורצע און שאַרפע בעהויפּ־טונגען:

— די עמאנציפּאציאָן (בעפרייאונג) פון שאכער און געלד, דאָס הייסט, פון רעאַלען, פּראַקטישען יודענטום, וואָלט זיין די זעלבסט־עמאַנציפּאציאָן פון אונזער צייט.

— אן אָרגאניזאציאָן פון דער געזעלשאַפט, וואס זאָל אונ־מעגליך מאכען דעם שאכער, וואָלט געמאכט אונמעגליך די אידען.

— דאָס איצטיגע יודענטום איז אן אלגעמיינער אנטי־סאָ־ציאַלער עלעמענט, וועלכער איז דורך דער געשיכטליכער ענטוויק־לונג געטריבען געווארען צו אזא הויך, דאָס ער מוז זיך אויפלע־זען.

— די גרונדלאַגע פון דער אידישער רעליגיאָן איז עגאָאיזם, אייגעננוץ. עגאָאיזם איז דער פּרינציפּ פון דער בורזשואזער גע־זעלשאַפט.

—געלד איז דער אידישער גאָט. געלד האָט דערנידעריגט אַלע געטער פון די מענשען און זיי פערוואנדעלט אין א סחורה.

דער אידישער גאָט (געלד) איז געוואָרען דער וועלט־גאָט. דער ווירקליכער אידישער גאָט איז דער וועקסעל.

די אידען האָבען זיך אזוי ווייט עמאַנציפּירט, אז די קריסטען זיינען געוואָרען אידען. די געלד־מאַכט איז געוואָרען א וועלט־מאַכט און דער אידען־גייסט איז געוואָרען דער פּראַקטישער גייסט פון די קריסטליכע פעלקער.

— דאָס קריסטענטום איז ארויסגעוואַקסען פון יודענטום, נאָר עס האָט זיך אין איהם ווידער אויפגעלעזט. דער קריסט איז א מאָל געווען דער טעאָרעטישער איד, דער איד אָבער איז געוואָרען דער פּראַקטישער קריסט, און דער קריסט איז דעריבער ווידער א איד געוואָרען.

און פון די אלע בעהויפּטונגען קומט קאַרל מאַרקס צו דעם פאָלגענדען שלוס: די געזעלשאַפטליכע עמאַנציפּאַציאָן פון די אידען איז די עמאַנציפּאַציאָן פון דער געזעלשאַפט פון אידען, ווי ער דריקט זיך איין מאָל אויס, אדער די אידען עמאַנציפּאַציאָן אין איהר לעצטער בעדייטונג איז די עמאַנציפּאַציאָן פון דער מענש־הייט פון יודענטום, ווי ער דריקט זיך א צווייטען מאָל אויס.

אָט דאָס איז אין קורצען די מיינונג פון קאַרל מאַרקס וועגען דער אידען־פראַגע און וועגען יודענטום — די אידישע בעפרייאונג ליעגט אין דער בעפרייאונג פון דער מענשהייט פון יודענטום. דאָס יודענטום מוז פערשווינדען, די געזעלשאַפט מוז זיך פון איהם בעפרייען, ווייל דאָס יודענטום איז אַן אַנטי־סאָציאַלער עלע־מענט.

עס איז ניט נויטיג צו מאַכען קיין פּירושים אויף די „קאָמ־פּלימענטען", מיט וועלכע קאַרל מאַרקס בעשיט דאָס יודענטום, ווייל זיי זיינען גענוג קלאָר און פערשטענדליך אָהן פּירושים, מען קען אָבער גלייך זעהן, אז קאַרל מאַרקס, קריטיקירענדיג ברונא באוער, ווארום ער האָט די אידען־פראַגע בעטראַכט אלס א רעליגיעזע, אָדער טעאָלאָגישע פראַגע, האָט געמאַכט ניט קיין קלענערען פעה־לער, ווי ברונא באוער, בעטראַכטענדיג די אידען־פראַגע אלס א קלאַסען־פראַגע. אין אלע זיינע בעטראַכטונגען און בעהויפּטונגען איז ביי קאַרל מאַרקס'ען דער בעגריף יודענטום דאָס זעלבע, וואָס בורזשואזיע און קאַפּיטאַליזם. דאָס יודענטום איז ביי קאַרל

מאַרקס׳ען דער ענטוויקעלטער, קריסטאַליזירטער קאַפּיטאַליזם און דער ריינסטער אויסדרוק פון איהם.

קאַרל מאַרקס האָט פאַר זיינע אויגען געהאַט בלויז די אידען אין דייטשלאַנד, און די אידען אין דייטשלאַנד האָבען אין יענער צייט, אין פערגלייך מיט די קריסטען, מיט זיך ווירקליך פאָרגעשטעלט מעהר א קלאַס, ווי א נאַציאָן. דאָס קען נאָך געזאָגט ווערען אויך היינט אויף די אידען אין דייטשלאַנד. די אידישע בעפעלקערונג אין דייטשלאַנד אין דער צייט פון קאַרל מאַרקס איז, ווי עס איז שוין פריהער בעמערקט געוואָרען, בעשטאַנען כמעט אויסשליסליך פון דעם בורזשואַזען קלאַס. פאָרמעל האָט קאַרל מאַרקס געהאַט רעכט צו אידענטיפיצירען דאָס דייטשע יודענטום מיט קאַפּיטאַליזם. און אזוי ווי אין פערגלייך מיט דעם קריסטליכען קאַפּיטאַליזם אין דייטשלאַנד איז דער אידישער געווען פיעל מעהר ענטוויקעלט, האָט קאַרל מאַרקס פאַר דעם קריסטאַליזירטען קאַפּיטאַליזם געברויכט דאָס וואָרט יודענטום. דער אויסדרוק בעפרייאונג פון יודענטום איז ביי קאַרל מאַרקס דאָס זעלבע וואָס בעפרייאונג פון קאַפּיטאַליזם.

דער אונטערשיעד צווישען ברונא באַוער און קאַרל מאַרקס אין דער בעטראַכטונג פון דער אידען־פראַגע בעשטעהט, אַלזאָ, אין דעם, וואָס ביי דעם ערשטען איז עס א נאַציאָנאַל־רעליגיעזע פראַגע און ביי דעם צווייטען א סאָציאַל־נאַציאָנאַלע. און ווען קאַרל מאַרקס איז פאַלשטענדיג גערעכט אין זיין קריטיק, אז דער שטאַנדפּונקט פון ברונא באַוער איז אַ פאַלשער, איז אָבער דער שטאַנדפּונקט פון קאַרל מאַרקס וועגען דער אידען־פראַגע נאָך א פאַלשערער.

עס ווערט אָנגעוויזען פון פערשיעדענע קריטיקער פון קאַרל מאַרקס, אז אין דער צייט, ווען ער האָט געשריבען זיין ארטיקעל וועגען דער אידען־פראַגע איז ער נאָך אַליין ניט געווען קיין אמת׳ער מאַרקסיסט, ער האָט נאָך ניט געהאַט פאַלשטענדיג אויסגעאַרבייט זיין היסטאָריש מאַטעריאַליסטישע וועלט־אַנשויאונג. און וואָס איז שייך צום יודענטום איז ער געשטאַנען אונטער דער ווירקונג פון דעם פילאָזאָף פייערבאַך, ווייל אין זיין אַרטיקעל וועגען דער אידען־פראַגע דריקט ער אויס וועגען יודענטום דיזעלבע געדאַנקען, וואָס פייערבאַך, וועלכער האָט געזאָגט, אז דאָס יודענטום איז

דאָס וועלטליכע פון קריסטענטום, וועהרענד קריסטענטום איז דאָס גייסטיגע פון יודענטום, ווייל די גרונד־לאַגע פון יודענטום איז עגאָאיזם און אייגננוץ.

בעטראַכטען דאָס אידישע פאָלק אַלס קלאַס איז מאַרקסיס־טיש פונקט אזוי פאַלש און נאָך פאַלשער ווי בעטראַכטען די אי־דען־פראַגע בלויז פון א רעליגיעז טעאָלאָגישען שטאַנדפונקט, ווי ברונא באַוער האָט עס געטהאָן.

עס איז ריכטיג, ווי עס איז שוין פריהער בעמערקט געוואָרען, אז אין בעצוג צו די אידען אין דייטשלאַנד, ווי אויך אין יענער צייט אין פראַנקרייך, האָט מען ווירקליך געקענט פערבייטען דעם בעגריף פון נאַציאָן אויף קלאַס, ווייל כמעט די גאַנצע אידישע בע־פעלקערונג אין דייטשלאַנד, ווי אויך אין פראַנקרייך האָט גע־הערט צו דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס, אָבער קאַרל מאַרקס רעדט אין זיין אַרטיקעל ניט בלויז וועגען דעם יודענטום אין דייטש־לאַנד און פראַנקרייך, נאָר וועגען דעם יודענטום אין אַלגעמיין. ער זאָגט דאָך גלייך אין אָנפאַנג פון זיין אַרטיקעל, אז אין יעדען לאַנד האָט די אידען־פראַגע אן אנדער כאַראַקטער. און ווען ער האָט זיך שוין יא גענומען צו דער אידען־פראַגע האָט ער ניט גע־דאַרפט ציהען זיינע שליסע פון די עטליכע הונדערט טויזענד אי־דען אין דייטשלאַנד און אין פראַנקרייך, נאָר ער האָט געדאַרפט שטודירען די צושטענדע פון די מיליאָנען אידען אין רוסלאַנד, פּוילען און עסטרייך. און וואָלט ער זיך גענומען די מיה אזא שטודיום צו מאַכען, וואָלט ער געקומען צו גאַנץ אנדערע רעזול־טאַטען. אַלענפאַלס וואָלט ער ניט געקומען צום שלוס, אז דאָס יודענטום שטעלט מיט זיך פאַר א סאָציאַלען קלאַס, אז יודענטום און קאַפּיטאַליזם איז איינס און דאָס זעלבע.

קאַרל קאַוטסקי, איינער פון י' טרייעסטע נאָכפאָלגער פון קאַרל מאַרקס, וועלכער האָט זיך געגעבען מעהר מיה ווי קאַרל מאַרקס צו שטודירען די אידען־פראַגע, איז געקומען צו פונקט א געגענזעצליכען שלוס וועגען יודענטום, ווי קאַרל מאַרקס. אין דעם אַרטיקעל וועגען דער אידען־פראַגע, וואס קאַרל קאַוטסקי האָט גע־שריבען אין דעם יאָהר 1872, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס אין יענער צייט האָט נאָך ניט עקזיסטירט צווישען די אידען אין רוס־לאַנד און אין גאַליציען קיין רעוואָלוציאָנערע מאַסען־בעוועגונג,

איז ער דאָך געקומען צום שלוס, אז מען דאַרף דאָס אידישע פאָלק גיכער פערדעכענען אלס אַזוינס, וואָס שטעהט נעהנטער צום פּראָ־לעטאַריאַט איידער צו דער בורזשואַזיע, אלס אַ פאָלק, וואָס העלפט גיכער די רעוואָלוציע איידער די רעאַקציע. קאַרל קאוט־סקי האָט בעסער פערשטאַנען ווי קאַרל מאַרקס די ענטוויקלונג פון אידישען פאָלק. ער האָט אין איהם געזעהן ניט קיין איין קלאַס, נאָר קלאַסען און ער האָט אויך פאָראויסגעזעהן, אז די דיי־פערענצירונג פון די קלאַסען אין אידישען פאָלק וועט פיהרען דער־צו, אז די גרויסע מעהרהייט פון אידישען פאָלק וועט זיין נעהנטער צום פּראָלעטאַריאַט ווי צו דער בורזשואַזיע. קאַרל קאוטסקי האָט אויך בעסער פערשטאַנען דעם גייסט, וואָס האָט זיך אויסגעאַר־בייט ביים אידישען פאָלק. ער האָט געזעהן, אז דער אידי־שער גייסט איז אַ רעוואָלוציאָנערער און אז ער מוז אַזעלכער זיין צוליעב די אונטערדריקונגען און פערפאָלגונגען, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט אויסצושטעהן.

עס איז אמת, אז צווישען דער צייט, וואָס קאַרל מאַרקס האָט געשריבען זיין אַרטיקעל און קאַרל קאוטסקי זיינעם, זיינען פער־לאָפען אַן ערך 28 יאָהר און אין דעם משך זיינען פאָרגעקומען גרויסע ענדערונגען אין דעם לעבען פון אידישען פאָלק, אָבער ווען קאַרל מאַרקס וואָלט ניט געווען אַזוי שטאַרק בעאיינפלוסט פון פייערבאַך'ס טעאָריע, אז די גרונדלאַגע פון יודענטום איז עגאָ־איזם און אייגעננוץ, וואָלט ער זאָגאַר אין זיין צייט געקענט בע־מערקען, אפילו צווישען די דייטשע אידען, אַ שטאַרק ענטוויקעל־טען רעוואָלוציאָנערען גייסט.

זיינען עס דאָך געווען די אידען לודוויג בערנע, היינריך היי־נע, פערדינאַנד לאַסאַל, מאָזעס העס, יאַקאָבי און פיעלע, פיע־לע אַנדערע, וועלכע האָבען אין זעהר אַ גרויסער מאָס געהאָלפען רעוואָלוציאָנירען די מוחות פון דעם דייטשען פאָלק. זיינען דאָך אין דער צייט, ווען קאַרל מאַרקס האָט זיין אַרטיקעל געשריבען, געווען צווישען די אידען אין דייטשלאַנד, לויט דער פּראָפּאָרציע פון דער אידישער בעפעלקערונג, אַ גרעסערע צאָהל רעוואָלוציאָנע־רען ווי צווישען די דייטשען.

און קאַרל מאַרקס האָט אין די שפּעטערע טעג פון זיין לע־בען געקענט זעהן, אז צווישען די אַפּאָסטאָלען פון זיין רעוואָלו־

ציאַנערע סאָציאַליסטישע לעהרע אין דייטשלאַנד, ווי אין אַלע אַנ־דערע לענדער, האָבען אידען פערנומען דעם ערשטען פּלאַץ. מאָזעס העס, עדוארד בערנשטיין, פּאָול זינגער זיינען געווען נעמען, וועלכע קאַרל מאַרקס האָט נאָך געקענט. און ווען קאַרל מאַרקס וואָלט געלעבט ביז דער איצטיגער צייט, וואָלט ער געזעהן, אַז די פּערטרעטער פון דעם אונקאָמפּראָמיסליכען מאַרקסיסטישען סאָציאַליזם אין דייטשלאַנד זיינען דוקא אידען. האאזע, קאָהן, שטאַדטהאָגען, בערנשטיין, לוקסענבורג — אַלע אידען — זיינען די פיהרער פון דער נייער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין דייטשלאַנד, וועלכע האָט זיך אָבגעשפּאָלטען פון דער אַלטער פּאַרטיי, וואו שיידעמאַן, דאַוויד און עבערט — אַלע עכטע דייטשען — זיינען די פיהרער.

נאָך קאַרל מאַרקס האָט פאר זיין לעבען נאָך צייט געהאַט צו הערען, אַז זיין רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטישע לעהרע איז אַ אידישע, אַז זי שטאַמט פון יודענטום און אַז בלויז דער איד קאַרל מאַרקס האָט געקענט אויפבויען אזא טעאָריע, וואס איז בעגרינדעט בלויז אויף עקאָנאָמישע און מאַטעריאַליסטישע יסודות.

די געגנער פון קאַרל מאַרקס האָבען געגען זיין היסטאָריש מאַטעריאַליסטישען סאָציאַליזם בענוצט דיזעלביגע אַרגומענטען, וואס ער האָט בענוצט געגען יודענטום, זיי האָבען מיט איהם געטהאָן דאָס זעלבע וואס ער האָט געטהאָן מיט העגעל׳ס דיאַלעקטיק, זיי האָבען זיינע ארגומענטען געגען יודענטום איבערגעקעהרט מיט׳ן קאָפּ אַראָפּ. די געגנער פון קאַרל מאַרקס האָבען זיין היסטאָרישען מאַטעריאַליזם ערקלערט מיט דעם מאַטעריאַליזם פון יודענטום און זיי האָבען זיין טעאָריע פערבונדען מיט זיין אידישער אָבשטאַמונג.

אנדערע געגנער פון קאַרל מאַרקס זיינען געגאַנגען נאָך ווייטער. זיי האָבען געזוכט צו ערקלעהרען דעם רעוואָלוציאָנערען מאַרקסיזם מיט דעם צושטערענדען גייסט פון דעם פאָלק, פון וועלכען דער בעגרינדער פון דיזער לעהרע שטאַמט אַרויס. בלויז אַ זוהן פון דעם אידישען פאָלק, וואס איז אַן „אַנטי־סאָציאַלער עלעמענט״, האָט געקענט בעשאַפען אזא אַנטי סאָציאַלע טעאָריע, בלויז אַ קינד פון דעם פאָלק וואס בעזיצט אַ צושטערענדען גייסט, האָט געקענט שאַפען אזא סאָציאַל צושטערענדע טעאָריע.

און ניט בלויז געגנער, נאָר אויך פריינד פון קאַרל מאַרקס האָבען זיינע לעהרען פראָבירט פערבינדען מיט זיין אידישער אָבּ־שטאַמונג, מיט דעם יודענטום, וואס ער האָט גע'ירש'ענט פון זיי־נע עלטערן און אור־עלטערען. די לעהרען פון סאָציאַלער גלייכ־הייט און סאָציאַלער גערעכטיגקייט פון די אידישע נביאים, די גערעכטיגקייט אויף דער מ א ט ע ר י ע ל ע ר וועלט, אין וועל־כער מיר לעבען, ניט אָבּלעגענדיג איהר אויף א מיסטעריעזער וועלט נאָכ'ן טויט, זיינען איבערגעגאַנגען אין דעם אידישען פאלק פון דור צו דור ביז זיי האָבען געקראָגען זייער אויסדרוק אין דעם מאָדערנעם, היסטאָריש־מאַטעריאַליסטיש בעגרינדעטען סאָציאַ־ליזם, וועלכער איז פאָרמולירט און בעגרינדעט געווארען פון אידען.

די עקאָנאָמישע לעהרען פון דעם איד ריקאַרדאָ אין ענגלאַנד, די סאָציאַליסטישע לעהרען פון דעם איד פערדינאַנד לאַסאַל און דער היסטאָריש מאַטעריאַליסטישער סאָציאַליזם פון דעם איד קאַרל מארקס האָבען געשאַפען דעם מאָדערנעם סאָציאַליזם, די לעהרע פון סאָציאַלער גלייכהייט און סאָציאַלער גערעכטיגקייט, אויף וועלכע די נייע מענשליכע געזעלשאַפט דאַרף זיין געגרינ־דעט.

דער פערשטאָרבענער פראָפעסאָר הילטי, פון בערנער אוני־ווערזיטעט, האָט זיך א מאָל אויסגעדריקט וועגען דעם בוך „קאַ־פיטאַל" פון קאַרל מארקס דאָס פאָלגענדע: „קאַפּיטאַל" פון מארקס איז א לאַנגע צייט געווען די ביבעל פון סאָציאַל־עקאָ־נאָמישער לעהרע. אלע קריטיקען, וועלכע זיינען געשריבען גע־ווארען איבער „קאַפּיטאַל" האָבען ניט געהאט קיין וויסענשאַפטלי־כען ווערטה. דער איינציגער, וואָס האָט אָנגעשריבען א וויסענ־שאַפטליכע קריטיק איבער „קאַפּיטאַל", וועלכע דאַרף גענומען ווע־רען ערנסט, איז עדוארד בערנשטיין. עס האָט געמוזט קומען א איד וואס זאָל קענען אָנשרייבען אווירקליכע קריטיק אויף דעם געניאַלען ווערק פון אַן אַנדער אידען.

פראַנץ מעהרינג האָט פּראָבירט פאָרשטעלען קאַרל מארקס אלס איינעם, וואס האט זיך פאָלשטענדיג בעפרייט פון יודענטום, די וועלט אָבער האָט פראַנץ מעהרינגס מיינונג ניט אָנגע־נומען. די וועלט האָט ניט בעפרייט מאַרקס'ען פון יודענטום, ניט זיינע געגנער און ניט זיינע פערעהרער ווילען איהם בעפרייען פון

יודענטום. סאי זיינע געגנער, סאי זיינע פערעהרער זוכען אין זיינע לעהרען דאס יודענטום, וואס קארל מארקס האט גע׳ירש׳עט, און פון וועלכען ער האט זיך ניט געקענט בעפרייען.

מאנכע ווילע זאגאר ערקלערען די שארפע מעטאדע פון אנאליטישער קריטיק, וועלכע קארל מארקס האט געברויכט, זיין חריפות, זיין פלפול גייסט און זיין ליעבע צום שפיעל־ווארט, וואס ער האט אזוי גלענצענד בענוצט, מיט זיין אידישער אבשטאמונג. מען וויל ערקלערען, אז די אלע אויסגערעכענטע אייגענשאפטען האט קארל מארקס בעקומען בירושה פון זיינע זיידעס און עלטער־זיידעס, פון דער פאמיליע רבנים און גאונים, פון וועלכע ער שטאמט ארויס.

עס איז א ווירקליכע איראניע פון דעם שיקזאל, אז דאס יודענטום, געגען וועלכען קארל מארקס איז אזוי שארף ארויסגעטרעטען, איז שפעטער אזוי ענג פערבונדען געווארען מיט זיין לעהרע.

נאר ניט אין זיינע בעציהונגען צו אידען אליין האט קארל מארקס געמאכט אזא גרויסען פעהלער, ער האט פונקט דעמזעלבינען פעהלער געמאכט אין זיינע בעציהונגען צו די סלאוויאנישע פעלקער, ווי עס בעמערקט גאנץ ריכטיג ה׳ בערלין אין זיינעם אן ארטיקעל אין „יעוורייסקי מיר״ פון יאהר 1909.

אן ערך אין דערזעלבינער צייט, נאהענט צו דער רעוואלוציע פון דעם 48טען יאהר, ווען ער האט בעצייכענט די אידען אלס אן אנטי־סאציאלען עלעמענט, פון וועלכען די מענשליכע געזעלשאפט דארף זיך בעפרייען, האט ער אונגעפעהר געשריבען דאס זעלבע וועגען די סלאוויאנישע פעלקער אין עסטרייך. ער האט בעצייכענט די סלאווען אין עסטרייך אלס די שטיצע פון רעאקציע, ווייל די סלאווען זיינען א פויערים־קלאס, וועלכע לעבען נאך אין א פאטריארכאלישען צושטאנד און זיי מוזען דעריבער זיין רעאקציאנער און קאנטער־רעוואלוציאנער.

נאך פיעל שארפער איז קארל מארקס ארויסגעטרעטען געגען די סלאווען, ווען עס האט זיך נאך דעם 48טען יאהר אנגעפאנגען די קאנטער־רעוואלוציע אין עסטרייך. אין איינעם פון זיינע אנטי־סלאוויאנישע ארטיקלען דריקט ער זיך אויס, אז די קומענדע וועלט־מלחמה וועט אבווישען פון דער ערד אזעלכע רע־

אקציאָנערע פעלקער, ווי די סלאַוועז און דער מענשליכער פּראָגרעס וועט מעהר קיין שטערונג ניט האָבען אין זיין וועג.

קאַרל מאַרקס האָט מיט די סלאַוועז געמאַכט פּונקט דעמ־זעלביגען פעהלער ווי מיט די אידען. ער האָט די סלאַוועז בע־טראַכט ניט אַלס פאָלק, נאָר אַלס אַ קלאַס. די אידען האָט ער בעטראַכט אַלס אַ בורזשואַזען קלאַס און די סלאַוועז אַלס פּויערים קלאַס. ווען קאַרל מאַרקס וואָלט אין דער צייט, ווען ער האָט געשריבען זיינע אַרטיקלען וועגען אידען און וועגען די סלאַוועז גע־ווען דער פולער מאַרקסיסט, אין וועלכען ער האָט זיך שפּעטער ענטוויקעלט, וואָלט ער אַזאַ פעהלער ניט געקענט מאַכען. זיין אייגענע מאַרקסיסטישע לעהרע וואָלט איהם אונטערגעזאָגט, אַז מיט דער צייט וועט אויך ביי די סלאַוועז אויסוואַקסען אַ פּראָ־לעטאַריאַט און אַז די רעאַקציאָנערע סלאַוועז וועלען זיך פער־וואַנדלען אין רעוואָלוציאָנערען, ווי דאָס האָט אויך פּאַסירט.

קאַרל מאַרקס האָט ניט דערלעבט די צייט צו זעהן, ווי סאַי די אידען און סאַי די סלאַוועז, וועלכע ער האָט בעצייכענט אַלס אַנטי־סאָציאַלע עלעמענטען, פון וועלכע די געזעלשאַפט דאַרף זיך בעפרייען, זיינען גאָר היינט די רעוואָלוציאָנערסטע עלעמענ־טען אין דער וועלט. דאָס רעוואָלוציאָנערסטע פאָלק אין עסטרייך איז היינט אַ סלאַווישע, דאָס טשעכישע פאָלק, און די גרעסטע רעוואָלוציע אין דער וועלט האָט געמאַכט אַ סלאַוויש פאָלק, די רוסען, און דער זויער־טייג פון דער רוסישער רעוואָלוציע איז גע־ווען דאָס אידישע פאָלק.

נאָר ניט קוקענדיג אויף דעם פעהלער, וואָס קאַרל מאַרקס האָט געמאַכט אין זיינע בעציהונגען צו אידען און צו די סלאַווי־שע פעלקער, וועט עס דאָך זיין פאַלש צו בעהויפּטען, אַז מאַרקס איז געוועזען אַן אַנטיסעמיט פּונקט ווי עס וועט זיין פאַלש צו בע־הויפּטען, אַז ער איז געוועזען אַן אַנטי־סלאַוויאַנער.

קאַרל מאַרקס האָט פיינט געהאַט ניט די אידען נאָר דעם בורזשואַזען קלאַס, וועלכען ער האָט אידענטיפיצירט מיט׳ן יו־דענטום, און ער האָט פיינט געהאַט ניט די סלאַווישע פעלקער, נאָר דעם דאַמאַלסדיגען פּויערים־קלאַס, וועלכער איז געוועזען רע־אַקציאָנער און קאָנטער־רעוואָלוציאָנער.

פאַר דעם אַנטיסעמיט איז קיין אונטערשיעד ניט פון וועל־

בע קלאסען דאָס אידישע פאָלק בעשטעהט. ער האָט פיינט דעם אידישען ארבייטער, דעם אידישען פראָלעטאריאט, די אידישע פאָלקס־מאסען פונקט ווי די אידישע בורזשואזיע. די גענגער־שאפט פון קארל מארקס צום יודענטום האט זיך אָבער בלויז בע־גרענעצט אויף דעם, וואס ער האָט בעטראכט די אידען אלס א קלאס פון בורזשואזיע. ער האָט ניט געהאסט דעם אידען אין דעם בורזשוא, נאָר דעם בורזשוא אין דעם אידען. און גראָד איז עס אזוי געווען, דאָס אין יענער צייט, ווען קארל מארקס האָט זיין ארטיקעל געשריבען, האָט מען דעם פאָלשטענדיג קריסטאליזירטען בורזשוא אין דייטשלאנד געפונען אין דעם אידען.

קארל מארקס האָט אין אלגעמיין זיך ניט פיעל אָבגעגעבען מיט דער נאציאנאלער פראגע, און ווען ער האָט פערבייגעהענדיג איהר דערמאָהנט, האָט ער זי ניט בעהאנדעלט אין דעם זין, ווי מיר פער־שטעהען זי היינט. ווען קארל מארקס רעדט וועגען נאציאן מיינט ער דעם שטאאט, ניט די נאציאנאליטעט. די איינהייט, דאָס גאנצע איז דער שטאאט. די סלאוויאנישע פעלקער אין עסטרייך, אלס בעזונדערע נאציאָנאליטעטען מיט בעזונדערע שטרעבונגען און נא־ציאָנאלע אויפגאבען, האָבען ניט קיין אינטערעסע פאר קארל מארקס, זיי אינטערעסירען איהם בלויז אלס טיילען פון דעם עסטרייכישען שטאאט און אויף וויפיעל זיי העלפען דעם פראָגרעס פון שטאאט אָדער שטערען איהם. דאָס זעלבע איז ביי איהם אויך דאָס אידישע פאָלק. די עקזיסטענץ פון אידישען פאָלק אלס א בעזונדערע נאציאנאליטעט, מיט אן אייגענארטיגער קולטור און מיט אן אייגענער היסטאָרישער ענטוויקלונג, נעהמט ער אין גאנ־צען ניט אין אנבעטראכט. די אידען אינטערעסירען איהם אויף אזוי פיעל, אויף ווי פיעל זיי זיינען א טייל פון דעם דייטשען שטאאט און די ראָלע וואס זיי שפיעלען אין דעם לעבען און אין דער ענטוויקלונג פון דעם דייטשען שטאאט.

די נאציאנאלע פראגע ווי מיר פערשטעהען זי היינט, די

טיילונג צווישען נאַציאָנאַליטעט און שטאַאַט, איז פערהעלטניס־מעסיג א גאַנץ נייע אויפפאַסונג פון די לעצטע פאַר צעהנדליג יאָהר. אין דער צייט ווען קאַרל מאַרקס האָט געשריבען זיינע אַר־טיקלען וועגען די סלאַווישע פעלקער און וועגען די אידען האָט מען וועגעז דער איצטיגער אויפפאַסונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע ווייניג געוואוסט. אין ליבעראַלע און אין סאָציאַליסטישע קרייזען איז די קאָסמאָפּאָליטישע אידעע דאַן געווען די הערשענדע. די אסי־מילירונג און די פערשמעלצונג פון נאַציאָנען, בעזאָנדערס פון די קליינע און ניט זעלבסטשטענדיגע נאַציאָנען, איז געווען אַן אָנ־גענומענע וואָרהייט. דער קאַמפּף פאַר נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ פון די קליינע און ניט זעלבסטשטענדיגע נאַציאָנען האָט זיך דאַן ווייניג געפיהלט אפילו אין עסטרייך, וואס איז היינט דער כאַראַק־טעריסטישער נאַציאָנאַליטעטען שטאַאַט, און פון וואַנען אַלע מאָ־דערנע טעאָריען וועגען דער נאַציאָנאַלער פראַגע שטאַמען ארויס. בעטראַכטען די אידען־פראַגע פון דעם איצטיגען מאָדערנעם נאַציאָ־נאַלען שטאַנדפונקט איז דאַן געווען אונמעגליך. עס האָט דאַן איבערהויפט ניט עקזיסטירט קיין נאַציאָנאַלע בעוועגונג צווי־שען אידען אין קיין לאַנד און צווישען די דייטשע אידען וואָלט דאַן די נאַציאָנאַלע אידעע, ווי מיר פערשטעהען זי היינט, געווען מעהר ווי אונבעגרייפליך.

און ווי גרויס קאַרל מאַרקס איז ניט געווען, האָט ער אויך נור געקענט צוטרעטען צו דער אידען פראַגע אין די ראַהמען פון די בע־גריפען, וועלכע האָבען עקזיסטירט אין זיין צייט. ער האָט אָבער געמאַכט דעם פעהלער, וואס ער האָט די אידישע נאַציאָן פאַרגעשטעלט אַלס אַן איינהייטליכען עקאָנאָמישען און סאָציאַלען קלאַס, וועלכער האָט דערגרייכט די העכסטע שטופע פון שעדליכ־קייט פאַר דער געזעלשאַפט און ער מוז דעריבער אויפגעלעזט ווע־רען. ווען קאַרל מאַרקס וואָלט בעטראַכט די אידישע נאַציאָן אין איהר היסטאָרישער ענטוויקלונג, ווען ער וואָלט צו דער אידען־

פראגע אַנגעווענדעט זיין דיאַלעקטישע מעטאָדע, וועלכע ער האָט שפּעטער אזוי טיעפזיניג און ברייט ענטוויקעלט, ווען ער וואלט זיך געהאלטען אויך אין דער אידען־פראגע פאר דעם כלל, אז אלעס פליסט, אלעס כדערט זיך, וואָלט ער געקומען צו א גאַנץ אַנדערען שלום וועגען די אידען, ווי אין זיין אַרטיקעל, וועלכען ער האָט אָנגעשריבען אין יאָהר 1844.

ב. פייגענבוים

# קאַרל מאַרקס און די טרייד יוניאָנס.

פון צוויי זייטען ווערט בעהויפּטעט, אז די לעהרע פון קארל מארקס איז א געגנערין פון די טרייד יוניאנס, — ווען זיי, די יוניאָנס, זיינען נאָך ניט דערגאַנגען צו די סאָציאַליסטישע פאָדערונגען — ווען זיי קעמפּפען נאָך דערוויילב לויז פאר א קליינע פערבעסערונג פון דער לאגע פון די ארבייטער אין דער קאפּיטאַליסטישער אָרדנונג, פאר מעהר לוין און וועניגער ארבייטס־שטונדען: פון איין זייט שרייען די קאָנסערוואטיווע טרייד יוניאָניסטען, אז די מארקסיסטען זיינען געגנער צו דער יוניאן־בעוועגונג און אז אזוי האָט זיי געלערענט זייער רבי קארל מארקס. פון דער אַנדערער זייט בעהויפּטען דאָס זעלבע די „אויבער־רעוואָלוציאָנערען", וועלכע רעדען זיך איין, אז זיי זיינען די איינציגע „ריכטיגע מארקסיסטען"; כאָטש זיי פערשטעהען זעהר ווייניג פון מארקס'עס לעהרע, און וויפיעל זיי האָבען געהערט פון איהר פערשטעהען זיי זי פונקט קאפויר.

רעדענדיג וועגען אזעלכע „מארקסיסטען", האָט מארקס אליין אמאָל געזאגט: „גאָט זיי דאנק, איך בין ניט קיין מארקסיסט!"

דארום איז עס היינט, ביי דעם הונדערטסטען געבורטס־טאג פון קארל מארקס, בעזונדערס נויטווענדיג קלאָר צו מאכען זיין אמת'ן שטאנדפּונקט אין דיעזער פראגע.

* * *

דער רעכטער עיקר פון דער לעהרע פון קארל מארקס איז דער געדאנק, אז די „סאציאלע רעוואלוציאָן" איז אונמעגליך, וואו דער מאָדערנער ארבייטער קלאס, דאָס פּראָלעטאריאט פון די היינטיגע פאבריקען, מינעס, אייזענבאהנען, איז ניט געוואָרען די אָרגאַניזירטע אויבער־מאכט אין דער געזעלשאפט; און אז דיעזער קלאס ווערט די אָרגאניזירטע אויבערמאכט אין דער געזעלשאפט, מעהר ווי אלעס, דורך די טרייד יוניאָנס. ניט דוקא ווען די טרייד יוניאנס זיינען זיך שוין בעוואוסט, אז זייער צוועק איז די סאציאלע רעוואלוציאן, נאָר אפילו ווען זיי ווייסען נאָך ניט פון קיין אַנדער אויפגאבע פאר זיך ווי „עטליכע סענט מעהר לוין און עטליכע שטונדען וועניגער ארבייט". אפילו בלויז דיעזער קאמפף ענטוויקעלט זיי אלס אן אָרגאניזירטע פּראָלעטארישע קלאסען־מאכט. און נאָר דארום — ווייל אין אלע לענדער וואו דער קאפּיטאליזם ענטוויקעלט זיך, ענט־

שטעהען אויך טרייד יוניאַנס מיט סטרייקס און באָיקאָטס, און עס ענטוויקעלט זיך אן ארגאַניזירטע פּראָלעטאַרישע קלאַסען־מאַכט — נאָך דארום, זאגט די לעהרע פון קאַרל מאַרקס, איז די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציאָן א זיכערער סוף פון דער קאַפּיטאַליסטישער ענטוויקלונג.

פון דעם אליין איז שוין גענוג צו זעהן, ווי „קאַפּויר" דאָס איז צו בעהויפּטען, אז קאַרל מאַרקס און זיין לעהרע זיינען „גענגנער פון די טרייד יוניאַנס"!

* * *

אויף וואס קוקענדיג אבער ווערט אזוי בעהויפּטעט?

אויף צוויי זאכען: אויף „ראיות" פון קאַרל מאַרקס'עס „פּסוקים" און אויף די „לאָגיק" פון זיין אלגעמיינע לעהרע.

„ראיות" פון זיינע „פּסוקים" ברייננגט מען זעהר ווייניג. די וועלכע בעהויפּטען, אז מאַרקס איז א געגנער פון די יוניאַנס, זיינען סתם ניט שטאַרק בעהאַווענט אין די פּסוקים... און ווען זיי וואָלטען עס געוועזען, וואָלטען זיי ניט געפונען קיין סך פּסוקים וואס זאָלען אויסדריקליך בעשטעטיגען זייער בעהויפּטונג. אין גאַנצען ברייננגען זיי צוויי ראיות פון „פּסוקים":

איינער איז פון דעם וואס קאַרל מאַרקס בעמיהט זיך אזוי שטאַרק „אויפצואווייזען, אז די לאגע פון די ארבייטער „מוז אימער ערגער ווערען", אין דער קאַפּיטאַליסטישער ארדנונג, און אז דאָס מוז פיהרען צו דער פערניכטונג פון קאַפּיטאַליזם. בכן, „טאָרען" דאָך קיין סאָציאַליסטען ניט שטיצען די טרייד יוניאַנס, וועלכע ווילען גאר פ ע ר ב ע ס ע ר ע ן די ארבייטערס לאגע. זיי וואָלטען דאָך דערמיט „אָבגעהאַלטען די סאָציאַלע רעוואָלוציאָן".

און א צווייטער בעווייז איז פון א פּסוק, וואו קאַרל מאַרקס אליין זאגט טאַקי בפירוש, אז די „סאָציאַליסטען" זיינען געגען די יוניאַנס, ווייל זיי ווילען זיך ניט אָבגעבען מיט אזעלכע קלייניגקייטען, וועלכע שאַפען ניט אָב די ארבייטער'ס שקלאַפעריי צו קאַפּיטאַל אין גאַנצען.

דאָס זיינען די צוויי ראיות פון „פּסוקים".

און די אלגעמיינע לאָגיק פון מאַרקס'עס לעהרע קומט ביי זיי אויס אזוי: מאַרקס לערנט, אז די געזעלשאַפט פון פּריוואַט־

אייגענטהום מוז אבגעשאפט ווערען. אום אז די ארבייטער זאלען קענען אגיטירט ווערען צו קעמפפען פאר דעם, איז נויטיג, אז זיי זאלען פערלירען יעדע האָפנונג צו קענען פערבעסערען זייער לאגע אזוי לאנג ווי די קאפיטאליסטישע ארדנונג עקזיסטירט. קומען אָבער די טרייד יוניאנס און זאגען צו די ארבייטער גילדערנע בערג, ווען זיי וועלען זיך ארגאניזירען און קעמפפען פאר פער־בעסערונגען אינערהאלב דער קאפיטאליסטישער ארדנונג.

דאָ קומען די טרייד יוניאנס אין דירעקטען צוזאמענשטויס מיט דער סאציאליסטישער לעהרע. אויב די ארבייטער קענען זיך מאכען זייער לאגע אזוי פיעל בעסער, אפילו אין דער קאפי־טאליסטישער ארדנונג, צו וואס טויג זיי סאציאליזם?

דיעזע אויפהעצערס פון א שנאה צווישען דעם טרייד יוניא־ניזם און מארקסיזם רעדען זיך נעמליך איין, אז מארקס'עס לעהרע איז, דאָס „וואס ערגער איז בעסער". זאלען די ארבייטער האָבען פון קאפיטאליזם וואס ערגערע צרות, וועלען זיי קומען צום שכל און ווערען סאציאלע רעוואלוציאנערען.

אויף דיעזע אלע בעהויפטונגען וועל איך יעצט ענטפערען פונקט פאר פונקט.

*   *   *

אָט איז וואס קארל מארקס זאגט אין אמת'ן, אין זיין סך הכל, וואס ער מאכט פון זיינע פארשונגען, צום סוף פון זיין בוך „דאָס קאפיטאל".

ער צייגט, אז דורך דער ענטוויקלונג פון דער גרויס־קאפיטא־ליסטישער אַרט ארבייט און געשעפטען „וואקסט די מאסע פון עלענד, פון דעם דרוק, פון דער קנעכטשאַפט, פון פערדאָרבענהייט, פון דער אויסבויטונג, — *אָבער עס וואקסט אויך דער ווידערשטאַנד פון דער ארבייטער קלאַסע*, וועלכע ווערט אלץ גרעסער אין צאָהל און *אלץ מעהר געשולט, פעראייניגט און אָרגאַניזירט דורך דעם מעכאַניזם פון דעם קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס זעלבסט*". (24סטעם קאפיטעל, צו ענדע.)

אין דיעזען סך הכל, וואס מארקס אליין מאכט פון זיין לעה־רע, קען דער אויפמערקזאמער לעזער זעהן קלאָר און דייטליך,

אז דער גרויסער סאַציאַליסטישער דענקער זאָגט דאָ פּונקט קאַפּויר פון דעם, וואָס יענע חכמים ווילען פון זיינע ווערטער ארויסנעהמען. ער ליגט ניט זיינע סאַציאַליסטישע האָפנונגען אויף דעם וואָס די ארבייטער׳ס לאַגע ווערט אַלץ ערגער אין דער ווירקליכקייט. ער צייגט בלויז, אז עס איז די נאַטור פון דער קאַפּיטאַליסטישער ענטוויקלונג צו ברייננען א שטענדיגע פערשלעכטערונג פון די ארבייטער׳ס לאַגע, *ווען די ארבייטער זאָלען דאָס דערלאָזען*. אבער די האָפנונג פון דער וועלט ליגט אין דעם, וואָס די ארבייטער *דערלאָזען דאָס ניט*; וואָס „עס וואַקסט זייער ווידערשטאַנד" געגען דעם און זיי ווערען אַלץ מעהר „געשולט, פעראייניגט און ארגאַניזירט".

די גאַנצע האָפנונג ליגט אַלזאָ מאַרקס, ניט אויף דער וואַקסענדער פערשלעכטערונג און ערנידעריגונג אין די ארבייטער׳ס לאַגע, נאָר פערקעהרט, אויף זייער וואַקסענדען *ווידערשטאַנד* געגען דעם; אויף זייער וואַקסענדער איינינקייט און אָרגאַניזאַציאָן אין קאַמפּף פאַר פערבעסערונג אין זייער לאַגע.

* * *

און גאַר דייטליך וועגען די טרייד יוניאָנס רעדט מאַרקס טאַקי אין דעם „פּסוק", וועלכען מיר האָבען אויבען געשטעלט אלס „צווייטען בעוויז". דאָס איז זעהר א טשיקאַווע ציטאַטע. מיט דיעזער ציטאַטע האָט זיך בענוצט סעמיועל גאָמפּערס אליין, און נאָך איהם זיינע אונטער־משרתים. זיי האָבען דאָס ארומגעטראַגען אויף שיסעל און אויף טעלער: נאַט, זעהט, ווי קאַרל מאַרקס זאָגט בפירוש, אז די סאַציאַליסטען זיינען געגען די טרייד יוניאָנס! אָבער אימיצער האָט דאָ פיליכט גאָמפּערס׳ען אָבגעטהאָן א שפּיצעל: ער האָט איהם הפנים געצייגט דעם דאָזיגען „פּסוק" פון מאַרקס׳ען, כדי איהם אריינצונאַרען אין זאַק. דען אין אמת׳ן בעווייזט דאָרט מאַרקס די *פאַלשקייט* פון דיעזען שטאַנדפּונקט!

דאָס געפינט זיך אין מאַרקס׳עס בוך געגען פּרודאָן („דאָס עלענד דער פילאָזאָפיע"). מאַרקס קריטיקירט דאָרטען זעהר שטאַרק פּרודאָן׳ס געגנערשאַפט צו די טרייד יוניאָנס און זייערע קעמפּפע. דערביי זאָגט ער דאָס, אז „די סאַציאַליסטען" וועלען אייך זאָגען, דאָס עס לוינט זיך ניט צו קעמפּפען דעם טרייד יו־

ניאן קאמפף, ווייל וויפיעל די ארבייטער זאלען דערביי ניט גע־ווינען, וועלען זיי אלץ בלייבען שקלאפען צו די באָסעס. ווער זיינען דאָס אָבער „די סאציאליסטען", פון וועלכע מארקס רעדט דאָרט? דאָס יי־קלערט ענגעלס דאָרטען אין אן אָנמערקונג אין א שפּעטערער אויסגאבע פון דעם בוך. ער זאגט, אז אין דער צייט ווען מארקס האָט דעם בוך געשריבען (1852) האָבען סאציאליס־טען פון מארקס'עס חדר זיך ניט גערופען סאציאליסטען, נאָר קאָ־מוניסטען. און „סאציאליסטען" האָט מען דעמאָלט גערופען אלער־ליי אנדערע סאציאלע רעפארמער, וועלכע זיינען געווען געגנער פון דעם ארבייטער קאמפף. מיט יענע „סאציאליסטען" האָבען מארקס און ענגעלס כסדר געהאט שארפע ויכוחים. און פון יענע „סאָציאליסטען" רעדט דאָס מארקס, ווען ער זאגט, אז „די סאָ־ציאליסטען" זיינען געגנער פון טרייד יוניאנס. אבער ער זאגט דאָס, אום צו צייגען ווי א ו נ ג ע ר ע כ ט זיי זיינען דערמיט.

* * *

וואָס אנבעטרעפט די אלגעמיינע לאָגיק פון מארקס'עס לעה־רע, זאגט זי ניט, אז די ארבייטער מוזען פערליערען יעדע האָפ־נונג צו קענען פערבעסערען זייער לאגע אונטערן קאפּיטאליזם, אום זיי זאלען „מאכען די סאָציאלע רעוואלוציאן", נאָר פונקט פערקעהרט דערפון. מארקס'עס לעהרע איז ניט, אז „וואס ערגער איז בעסער", נאָר אז „וואָס בעסער איז בעסער".

מארקס'עס לעהרע צייגט, אז וואָס מעהר די ארבייטער קעמפ־פען פאר טאָג טעגליכע פערבעסערונגען און געווינען זיי, אלץ מעהר אנשפּרוך און שטאָלץ און מוטה און קאמפפס־לוסט און — ווי די קאפּיטאליסטען רופען דאָס — „חוצפה", קריעגען זיי.

קארל מארקס האָט דארום מיט אלע זיינע כוחות אגיטירט פאר אלערליי פערבעסערונגען אין דער לאגע פון די ארבייטער, פארלויפיג אין דער קאפּיטאליסטישער ארדנונג. אלס פיהרער פון דער בעריהמטער „אינטערנאציאנאלער ארבייטער פערבינדונג", האָט ער פערפאסט כמעט אלע רעזאָלוציאנען פון די קאָנגרעסען פון דיעזער „ערשטער אינטערנאציאנאלע", וועלכע האָבען אָהן אויפהער געפאדערט אלערליי רעפארמען און פערבעסערונגען, — ווי געזעצע וועגען א קירצערען ארבייטס־טאָג; געזעצע צום שוץ פון די ארבייטער; שטיצע פאר קאָאפּעראציאנען א. ז. וו. בעזונ־

דערם שאַרפע רעזאָלוציאָנען האָבען אַלע קאָנגרעסען פון די „אינ־טערנאַציאָנאַלע" אָנגענומען צו גונסטען פון טרייד יוניאָנס, סטרייקס און באָיקאָטס.

און דארום האָט קאַרל מארקס געזאָגט, אז דער 10־שטונ־דיגער ארבייטס טאָג געזעץ, וואס דער ענגלישער פּאַרלאַמענט האָט אָנגענומען פאר פרויען און קינדער, איז געוועזען ניט בלויז א גרוי־סער געווינס פאר די ארבייטער קלאַסע, נאָר אויך „א זיעג פון א פּרינציפּ".

וועגען די טרייד יוניאָנס בעזונדערס האָט מארקס געהאַלטען א ויכוח מיט א געוויסען וועסטאָן, וועלכער האָט בעהויפּטעט, אז אין די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג קענען די ארבייטער בשום אופן ניט פערבעסערען זייער לאַגע, ווייל ווען זיי קעמפּפען אויס הע־כערע פערדיענסטען, ווערען לעבענס מיטלען אויף „פּונקט אזוי פיעל טייערער" און די ארבייטער מוזען אויסגעבען ביי זייער קויפען לעבענס־מיטלען פּונקט אזוי פיעל מעהר געלד, ווי זיי קריעגען מעהר לוין. דארום האָבען די טרייד יוניאָנס קיין שום ווערדע ניט. אויף דעם האָט קאַרל מארקס אבגעענטפערט מיט א גלענ־צענדער רעדע, וועלכע איז ארויסגעגעבען געוואָרען אין א בראָ־שורע אונטער דעם נאָמען „לוין, פּרייז און פּראָפיט". דאָרטען בעווייזט מארקס מיט אייזערנע לאָגיק, אז וועסטאָן'ס בעהויפּטונג איז א פאַלשע; אז די ארבייטער קענען יא פערבעסערען זייער לאַגע אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט; אז וואס די אר־בייטער געווינען דורך סטרייקס דאָס איז און בלייבט טאקי א געווינס פאר זיי; און אז דארום זיינען די טרייד יוניאָנס און זייערע קעמפּפע זעהר וויכטיג פאר די ארבייטער.

מארקס האָט אלזא געהאַלטען שטאָהל און אייזען פון די טרייד יוניאָנס. און ניט בלויז, ווי מאַנכע מיינען, ווייל זיי זיינען „א שוהלע פון סאָציאַליזם", „א פּלאַץ צו רעקרוטירען סאָציאַליסטען". ניט בלויז, ווי אונזערע טרייד יוניאָניסטישע געגנער בעשולדיגען אונז, — ווייל מיר קענען „אויסנוצען" די טרייד יוניאָנס פאר אונ־זער סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע. ניין, מארקס האָט געהאַלטען שטאַרק פון די יוניאָנס, ערשטענס, טאקי פּשוט ווייל די ארביי־טער פערבעסערען זיך דורך זיי זייער לאַגע; און צווייטענס, ווייל

דורך זיי ענטוויקעלט זיך דער פראלעטאריאט אלס אן ארגאניזיר־טער קלאס.

געוויס האָט ער אויך געהאלטען די טרייד יוניאן בעוועגונג פאר דעם הויפט־מיטעל, וואס פיהרט צום סאציאליזם. דאָס איז געוועזן, ווי שוין געזאגט, דער גרונד־געדאנק פון זיין לעהרע. אָבער דערמיט איז ניט געמיינט, אז דאָס איז, ווייל די סאציאליס־טען קענען „אויסנוצען", „עקספלואטירען" די טרייד יוניאנס פאר סאציאליסטישע „רעקרוטירונג". מארקס'עס געדאנק, דאָס די טרייד יוניאנס פיהרען צום סאציאליזם, בעדייטעט — ווי ער האָט אונצעהליגע מאָל ערקלעהרט — אז די נאטור פון דעם ארביי־טער־קאמפף דורך די טרייד יוניאנס, איז צו ענטוויקלען אן אר־גאניזירטע מאכט פון דעם אַרבייטער קלאס, און דיעזע מאכט מוז מ מ י ל א ווערען א סאָציאל רעוואלוציאָנערע.

נאטירליך האָט ער גערוואונשען, אז די טרייד יוניאניסטען זאלען ווערען ב ע ו ו א ו ס ט ז י נ י ג דערפון. נאטירליך האָט ער געהאלטען פאר די אויפגאבע פון סאציאליסטען אריינ־צוברייגנען אזא בעוואוסטזיניגקייט אין די טרייד יוניאנס. אבער ער איז געווען אן ענטשיעדענער געגנער פון גרינדען סאציאליסטי־שע אָפּאָזיציאנס יוניאנס. ער האָט דאָס דייטליך אויסגעדריקט אין א בריעף צו פאָן שווייצער אין דייטשלאנד, לאסאל'ס נאָכ־פאָלגער, וועלכער האָט איהם אָנגעפרעגט, אויב ער זאָל גרינדען אין דייטשלאנד סאציאליסטישע געווערקשאפטען, אין אפאזיציאן צו די פאך־־פעראיינען וואס זיינען דעמאָלט בעשטאַנען, וועלכע האָבען זיך ניט געוואלט אָנשליסען אָן זיין בעוועגונג. מארקס האָט איהם געענטפערט, אז עס איז געווען דער פעהלער פון לאסאל, „וואָס ער האָט ניט געזוכט דעם רעאלען פונדאמענט פון זיין אגיטאציאן אין די ווירקליכע עלעמענטען פון דער קלאסען־בעווע־גונג פון די ארבייטער (די טרייד יוניאנס), נאָר ער האָט גע־וואלט פאַרשרייבען דער ווירקליכער ארבייטער בעוועגונג א געווי־סען רעצעפּט פון זיין איינזייטיגען פּאָליטישען געדאנק, א רע־צעפּט וועגען דעם, וואס פאר א ריכטונג זי זאל נעהמען....."

„איהר פערלאנגט, אז די קלאסען־בעוועגונג זאָל דוקא נאָכ־געהן אויף דעם וועג פון אייער סעקטען־בעוועגונג"....

* * *

דאָ וועט מאַנכער לעזער שטעלען די פראַגע: אויב מאַרקס האָט שטאַרק געגלויבט אין פערבעסערען די לאַגע פון די אַרבייטער, אויך אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, פאַר וואָס זאָגט ער, אַז די לאַגע פון די אַרבייטער ווערט דורך די ענטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם „אַלץ ערגער"? דעם ענטפער אויף דעם גיט מאַרקס אַליין גענוג דייטליך.

ערשטענס, צייגט ער, ווי פון נאַטור, ווען די אַרבייטער זאָלען ניט קעמפּפען דאַגעגען, וואָלט עס געוועזען די טענדענץ פון די קאַפּיטאַליסטישע ענטוויקלונג צו מאַכען זייער לאַגע אין יעדער בעציהונג אַלץ ערגער און ערגער. אָבער ער זאָגט אַליין, ווי שוין אויבען געצייגט, אַז אין דער ווירקליכקייט ענטוויקלען די אַרבייטער אַ קאַמפּף־מאַכט, וועלכע דערלאָזט ניט דיזע טענדענץ פון קאַפּיטאַליזם אויספיהרען דאָס איהריגע; אַלזאָ, ווערט אין פיעלע בעציהונגען די לאַגע פון די אַרבייטער אימער בעסער.

צווייטענס, זאָגט טאַקי מאַרקס, אַז טראָץ דעם וואָס אין מאַנכע בעציהונגען ווערט די לאַגע פון די אַרבייטער, דורך די שווערע קעמפּפע פון זייערע יוניאָנס, אימער בעסער, ווערט זי — די אַרבייטער'ס לאַגע — דאָך, אין אַנדערע בעציהונגען, אימער ערגער און ערגער, וואָס מעהר די קאַפּיטאַליסטישע ענטוויקלונג געהט פאָרווערטס.

אָט איז, פאַר אַ ביישפּיעל, ווי מאַרקס דריקט דאָס אויס:

„...אינערהאַלב דעם קאַפּיטאַליסטישען סיסטעם איז אַזוי: אַלע נייע איינפיהרונגען, וואָס ווערען געמאַכט מיט דעם צוועק אַז די געזעלשאַפטליכע אַרבייט זאָל בעשאַפען וואָס מעהר, ווערען אויסגעפיהרט אויף די קאָסטען פון דעם איינצעלנעם אַרבייטער. וואָס מעהר די פּראָדוקציאָן ענטוויקעלט זיך, אַלץ מעהר ווערט זי אַ מיטעל צו בעהערשען און אויסצובויטען דעם אַרבייטער; אַלץ מעהר מאַכט זי פון איהם אַ צוקאַלעטשעטען טייל־מענש; ערנידעריגט זי איהם צו זיין אַ נאָכשלעפּעניש נאָך דער מאַשין; מאַכט זי פאַר איהם די אַרבייט צו זיין אָבקומעניש און דערמיטטויטעט זי דעם אינטערעסאַנטען אינהאַלט פון דער אַרבייט; זי מאַכט איהם פאַר אַ פרעמדען צו דעם שכל און די קענטשאַפט פון זיין אַרבייט; וואָס מעהר וויסענשאַפט עס ווערט אריינגענומען

אין דער ארבייט, אלץ ווייניגער וויסענשאפט האט דער ארבייטער אין איהר. זי (די קאפיטאליסטישע ענטוויקלונג) מאכט העסליך די בעדינגונגען, אונטער וועלכע ער ארבייט; זי אונטערוואַרפט איהם ביי דער ארבייט צו די געמיינסטע, העסליכסטע דעספאָטיע; זי פערוואנדעלט זיין לעבענסצייט אין ארבייטס צייט; זי ווארפט ארונטער זיין ווייב און קינדער אונטער דעם ריעזיגען ראַד פון קאפיטאל.... דארום, וואס מעהר דאָס קאפיטאל ווערט אָנגעקליעבען, אלץ מעהר מוז זיך פערשלעכטערען די לאגע פון דעם ארבייטער, אלץ איינס וואָס זיין בעצאָהלונג (לוין) איז, צי הויך צי ניעדעריג"! (23טעם קאפיטעל, 4.)

דאָ קען דער לעזער זעהן, ווי מארקס זאגט דייטליך, אז די בעצאָהלונג, דער לוין פון די ארבייטער, קען ווערען העכער, אבער דאָך ווערט די לאגע פון די ארבייטער אלץ געדריקטער, אין די אויסגערעכענטע פונקטען.

אין פיעלע אנדערע ערטער זאגט מארקס אויך דייטליך אז די לאגע פון די ארבייטער פערבעסערט זיך ווירקליך אין אבסאָלוטער בעציהונג, אין פיעלע הינזיכטען; אָבער רעלאַטיוו, אין פערגלייך מיט דעם וואקסענדען רייכטהום און וואָהלשטאַנד פון דער געזעלשאפט, ווערט זיין לאגע אלץ שווערער. אויך דריקט אויף איהם אלץ מעהר די אונזיכערהייט צו האָבען דעם מאָרגענדיגען אָנבייסען, די אָפטע נויטען דורך די אימער וואקסענדע קריזיסען.

אבער אין אנדערע בעציהונגען קענען די ארבייטער־קעמפפע פעבעסערען זייער לאגע. און זיי טהוען עס. און דאָס איז שטארק ווינשענסווערטה, לויט דער לעהרע פון קארל מארקס. דען זיין לעהרע צייגט, אז ערנידעריגטע, אָבגעלאָזענע, צולומפטע פראָלעטאריער קענען נים מיט איין מאָל אריינשפרינגען אין א סאציאליסטישען גן־עדן דורך א סאָציאלע רעוואלוציאָן. פריהער מוזען זיי זיך „אויסמענשלען" און „לייטיש" ווערען, דורך יאָהרען פון קאמפף און פערבעסערונג אין זייער לאגע, — דורך די טרייד יוניאָנס און דורך פאָליטישען קאמפף.

א. ב. קאהאן

# מאַרקסיזם און מאַרקסיסטען.

עס זיינען פאראן צוויי זארטען מארקסיסטען: איינער האלט קארל מארקס'ען פאר א גאט; דער אנדערער האלט איהם פאר א גרויסען מענשען.

גאט אונטערשיידעט זיך פון א מענשען, אפילו פון דעם גרעסטען, אין פיעלע זאכען. צום ביישפיעל: גאט מאכט קיין מאל קיין גרייזען ניט, ער האט קיין מאל ניט קיין טעות, ווענדער א מענש, אפילו דער גרעסטער, קען יא אמאל האבען א טעות. גאט איז געגליכען צו א קעניג. דער כלל איז אז א קעניג קען ניט טהאן קיין אונרעכט, קען ניט האבען אונרעכט; וואס ער טהוט און וואס ער זאגט, איז רעכט. דאס זעלבע איז מיט דעם „קעניג־פון־אלע־קעניגע", מיט גאט. מיט א מענשען אבער — ער מעג זיין דער גרעסטער פון אלע גאונים פון אלע דורות — קען אמאל פאסירען, אז ער זאל עפעס זאגען אדער טהאן, וואס איז ניט ריכטיג און ניט רעכט. מען איז דאך ניט מעהר ווי א מענש.

גאט איז א י ן א ל ץ א גאט — אין יעדע זאך וואס ער טהוט אדער רעדט ארויס, אין יעדען קעהר וואס ער טהוט זיך. א גרויסער מענש אבער איז גרויס בלויז אין ג ע ו ו י ס ע זאכען, אבער ניט אין אלע. א גרויסער מאהלער, למשל, קען זיין א גאנץ געוועהנליכער שאך שפיעלער.

דער פערגלייך קען אפשר אויסקומען ווי א שפאס. עס איז אבער ניט קיין שפאס. עס זיינען פאראן מארקסיסטען, וועלבע פערגטערען קארל מארקס'ען אין דעם ווערטערליכען זין פון דעם אויסדרוק. זיי האלטען איהם בוכשטעבליך פאר א גאט, ניט פאר קיין מענשען.

מיט עטליכע יאהר צוריק האט איינער פון די אמעריקאנער מארקסיסטען, איינער פון די אנגעזעהענסטע, און טאקי אויך פון די פעהיגסטע, געשריבען א קריטיק אויף א געוויסען ווערק פון אן אנדער מארקסיסט וועגען קארל מארקס'ען. אונטער אנדערע זאכען האט ער שארף קריטיקירט א שטעלע, וואו דער פערפאסער האט זיך אויסגעשפראכען געגען מארקס'עס א געוויסע האנדלונג. „די צרה מיט דעם פערפאסער איז" — אזוי אונגעפעהר האט געזאגט דער קריטיקער — „וואס ער בעטראכט מארקס'עס האנדלונגען, אזוי ווי ער, מארקס, וואלט געווען א

געוועהנליכער מענש. ער איז אָבער געווען אַן אויסער־געוועהנליכער מענש, און דאָס מוז מען האָבען אימער אין זי־נען, ווען מען שאַצט אָפּ וואס ער האָט געטהאָן אָדער געזאָגט.״

מיט אַנדערע ווערטער ריידענדיג, הייסט עס, אַז קאַרל מאַרקס איז געווען אַ גרויסער מאַן, אַן אונגעוועהנליכער מענש, ניט בלויז אַלס אַ דיינקער, ניט בלויז אַלס אַ עקאָנאָמיסט און אַ פערשטע־הער פון דער מענשליכער געשיכטע, נור אין אַלץ, אַבסאָלוט אין אַלץ: עס הייסט, אַז ער האָט געגעסען ניט ווי אַלע מענשען, געשלאָפען ניט ווי אַלע מענשען, גערויכערט אַ פּאַפּיראָס ניט ווי אַלע מענשען.

מען וועט אפשר בעמערקען, אַז דאָס איז שוין אַ צו גרויסער מאַרקס־פאַנאַטיקער, אַן אויסנאַהמע. עס איז אָבער ניט אַזוי. אַזעלכע פאַנאַטיקער געפינט מען צווישען מאַרקסיסטען אַ היבשען פּראָצענט. און פאַנאַטישע מאַרקסיסטען פון אַ ביסעל אַ מילדערען זאָרט, געפינט מען שוין גאַר אַ היבשען פּראָצענט.

דיעזע מילדערע פאַנאַטיקער האַלטען אויך מאַרקס׳ען ניט בלויז פאַר אַ גרויסען מענשען נור פאַר אַ מין גאָט. זיי קענען זיך אויך ניט פאָרשטעלען אַז פאַר איהם איז געווען מעגליך אין וואס עס איז אַ טעות צו האָבען. אַי עס מאַכט זיך פאָרט מאַרקס׳עס אַ בעמערקונג אָדער אַ מיינונג, וועלכע שטעלט זיך ארויס פאַר אַ אויגען־שטעכענדען טעות? נעהמען זיך דיעזע איבערטריעבען־בעגייסטערטע מאַרקסיסטען דאָס צו פער׳פּשט׳לען, פערגלעטען מיט פּלפּולים.

איך בין איבערצייגט אַז מאַרקס׳ען אַליין וואָלט פיעל אַנ־גענעהמער געווען אַז מען זאָל איהם האַלטען פאַר אַ מענשען איידער פאַר אַ גאָט. ווארים וואס פאַר אַ כבוד איז דאָס צו זיין אַ גאָט? אַ קונץ איז דאָס צו קענען אַלץ טהאָן, ווען מען האָט אַי־בערנאַטירליכע קרעפטען? פאַר וואס קומט אַזעלכען אַ קאָמ־פּלימענט?

קאַרל מאַרקס האָט פיינט געהאַט געטער. ער האָט זיי ארונטערגעריסען. ער האָט געגלויבט בלויז אין מענשען, אין אמת׳ע מענשען, מענשליכע, עהרליכע, פרייע און ברידערליכע מענשען. די וואס מאַכען איהם פאַר אַ גאָט, בעליידיגען איהם אַנשטאָט איהם צו עהרען.

* * *

ניט אלץ וואס מארקס האט געשריבען, בעלאנגט צו דעם מארקסיזם.

אין די פערשיעדענע שריפטען וואס ער האט אליין געגעבען צום דרוק אדער וואס זיינען פון איהם איבערגעבליבען ניט געדרוקט, געפינען זיך זאכען, וועלכע האבען צו דעם מארקסיזם קיין שייכות ניט. אין זיי זיינען זאגאר פאראן מיינונגען, וועלכע שטימען ניט מיט מארקסיזם. זיין ארטיקעל וועגען די אידען, צום ביישפיעל, איז א שרייענדער ווידערשפרוך צו דער לעהרע וועלכע טראגט היינט זיין נאמען. דאס זעלבע דארף מען זאגען וועגען זיין טהעאריע אין בעצוג אויף די סלאווישע פעלקער.

יא, קארל מארקס איז ניט געווען פריי פון טעות'ן. ער איז געווען א גאון, און מיט זיין גאונ'ישע אויג האט ער די וועלט פערשטאנען אזוי טיעף אז ער האט פאראויסגעזעהן דעם גאנג פון דער מענשליכער ענטוויקלונג. ווען מיר נעהמען זיינע פאראויסזאגונגען אין א ברייטען זין, זיינען זיי פערווירקליכט געווארען, און ווערען ווייטער און ווייטער פערווירקליכט. דאס הייסט אבער ניט אז ער איז געווען א נביא. איינצעלהייטען פון זיינע פאראויסזאגונגען זיינען ניט אימער מקוים געווארען.

אפילו יענע מיינונגען זיינע, וועלכע זיינען אנגענומען געווארען אלס פונקטען פון דער סאציאליסטישער לעהרע, זיינען אויך ניט אימער א טייל פון דעם מארקסיזם. דער אינטערנאציאנאליזם, צום ביישפיעל, אין דער פארמע אין וועלכער ער האט איהם געפרעדיגט אין דעם קאמוניסטישען מאניפעסט, האט ניט קיין וויסענשאפטליכע פערוואנדשאפט מיט יענעם מאטעריאליסטישען געדאנק, מיט יענע ערקלעהרונגען וועגען פאליטישער עקאנאמיע און היסטאריע, וועלכע זיינען די הארץ און די נשמה פון דעם מארקסיזם.

די בעדייטונג פון קארל מארקס אין דער וויסענשאפט און אין דער געשיכטע פון דעם קאמפף פאר פרייהייט און גערעכטיגקייט בעשטעהט הויפטזעכליך אין זיינע אויפטהואונגען אלס עקאנאמיסט און אלס געשיכטע־פילאזאף — דאס הייסט, אלס פאטער פון אן איינג צוזאמענגעקניפטע לעהרע, פון א וויסענשאפטליך גאנצע זאך.

אַט דיזע היסטאָריש־עקאָנאָמישע, און עקאָנאָמיש־היסטאָרישע לעהרע זיינע איז דער מארקסיזם. אַט מיט דעם האָט ער דאָס אריינגעגעבען א נייעם גייסט אין דער מענשהייט׳ס קאמפף פאר איהר בעפרייאונג און גליק.

אַן אגיטאַציע אָבצושאפען פריוואַט אייגענטום און קאָנקורענץ און צו אָרגאניזירען ציוויליזירטע געזעלשאפטען אזוי אז א נאַציאָן זאל לעבען ווי א גרויסע משפחה פון ברידער און שוועסטער, אזא אגיטאַציע איז אָנגעפיהרט געווארען נאָך איידער מארקס איז געבאָרען געווארען און — אפילו אין זיין צייט — פון מענשען וואס האָבען קיין בעגריף ניט געהאט פון מארקסיזם. דיזע אידיאליסטישע אגיטאַציעס זיינען אָבער געווען געגרינדעט ב ל ו י ז אויף אידעאליזם, אויף א גילדערנעם װ ו א ו נ ש, אז מענשען זאלען אויפהערען צו לעבען ווי חיות און אָנפאַנגען זיך פיהרען אמת מענשליך. אָבער א גוטער וואונש איז פונקט אזא אונזיכערע זאך ווי א תפילה. דער אונטערשיעד איז נור אין דעם וואס געוועהנליך איז מען מתפלל צו גאָט, און די דערמאָנטע אידעאליסטען האָבען מתפלל געווען צו מענשען — אפעלירט צו זיי, אז זיי זאָלען אויפהערען צו לעבען ווי חיות.

זייער תפילה איז געבליבען ווי א שטימע אין דער וויסטעניש. זייער וואונש איז געבליבען א הוילער ג ע פ י ה ל; זייער פלאַן האָט אויסגעזעהן ווי א חלום, א גילדערנער, אָבער דאָך ניט מעהר ווי א חלום.

איז געקומען קארל מארקס און האָט צו דעם געפיהל צוגעגעבען שכל.

דאַן איז דער הוילער וואונש פערוואנדעלט געווארען אין א קלאָהרע פּאָראויסזעהונג; אין דעם גילדערנעם טרוים איז אריינגעגעבען געווארען די ממשות פון ווירקליכקייט. מען האָט בעגריפען אז עס איז ניט קיין פראגע פון בעטען, נור פון פאָדערען, פון קאמפף. און מען האָט זיך ארומגעזעהן, אז דער קאמפף געהט סאַי ווי סאַי אָן. מען האָט איהם דערפיהלט, דעם קאמפף, און מען האָט איהם פערשטאַנען; מען האָט פערשטאַנען זיין זין און צו וואס ער פיהרט.

אַט מיט דעם — מיט דעם וואס קארל מארקס האָט צוגעגעבען שכל צום וואונש, האָט ער דאָס אבגעשטעמפעלט זיין נאָמען

אויף דער אַלוועלטליכער אַרבייטער־בעוועגונג אַלס אַ קראַפט וואָס פיהרט צו אַ נייעם מענשליכען לעבען; אָט מיט דעם איז ער דאָס געוואָרען אַ ריעזיגע פיגור אין דער געשיכטע פון דעם 19טען און 20טען יאָהר־הונדערט און פון אַלע צייטען.

דער מאַרקסיזם ווערט בעשטעטיגט. וואָס ווייטער, אַלץ דייטליכער צייגט זיך אַרויס זיין ממשות. יעדע גרויסע היסטאָרישע פּאַסירונג ווייזט ווי טיעף און ווי ריכטיג מאַרקס האָט פערשטאַנען די קאַפּיטאַליסטישע וועלט און די פערשיעדענע קרעפטען, וואָס קומען אין צוזאַמענשטויס אין איהר.

דאָס געהט אָבער בלויז אויף דעם מ אַ ר ק ס י ז ם, אָבער ניט אויף אַלץ, וואָס איז ווען עס איז ערשיענען פון קאַרל מאַרקס'עס פעדער.

און דעם מאַרקסיזם גופא דאַרף מען אויך פערשטעהן אין אַ ברייטען, ניט אַ איינגען זין.

ווען מען זאָגט, אַז דער מאַרקסיזם איז אַ וויסענשאַפט, הייסט דאָס ניט, אַז ער איז אַזאַ וויסענשאַפט ווי מאַטעמאַטיק, אָדער פיזיק, צום ביישפּיעל. ווען די מאַטעמאַטיק זאָגט אונז אַז צוויי מאָל צוויי איז פיער, למשל, איז דאָס ריכטיג אויפ'ן האָר, און עס איז אַזוי אימער און אומעטום; אין יעדען יאָהר־הונדערט און אין יעדען לאַנד איז צוויי מאָל צוויי פיער. אָדער די פיזיק זאָגט, למשל, אַז ווען אַ מענש זאָל זיך שטעלען אויף אַזאַ און אַזאַ שטרעקע פון אַזאַ און אַזאַ שפּיעגעל, וועט ער אין דעם שפּיעגעל אויסקומען מיט'ן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. נו, וועט עס אַזוי טאַקי זיין אימער און אומעטום. דאָס איז אַ שטריינגער און פּינקטליכער כלל, וועלכער איז בעגרינדעט אויף שטריינגע און פּינקטליכע געזעצען פון דער נאַטור און פון לאָגיק. מאַטעמאַטיק און פיזיק זיינען פּ י נ ק ט ל י כ ע וויסענשאַפטען.

די וויסענשאַפטען, אָבער, וואָס בעטראַכטען די מענשהייט מיט איהר געשיכטע, אָדער איהרע קעמפּפע, אָדער איהר ענטוויקלונגס־גאַנג זיינען נ י ט ק י י ן פּ י נ ק ט ל י כ ע וויסענשאַפטען.

דער מאַרקסיזם איז אַלזאָ ניט קיין פּינקטליכע וויסענשאַפט.

ער גיט אונז אַן אַלגעמיינעם שכל, אַן אַלגעמיינעם גרונד־פּרינ־ציפּ.

ער איז אַ לייטענדער שטערען וואס ווייזט אָן דעם וועג, אויף וועלכען דער שיף פון אונזער בעוועגונג דאַרף זיך פערנעה־מען איבער דעם שטורעמדיגען ים פון דעם קלאַסען־קאַמפּף. ער מוז אָבער פערשטאַנען ווערען בלויז ווי אַ גרונד־פּרינציפּ, ניט אימער פּינקטליך, ניט ווי אַ מאַטעמאַטישער געזעץ, ניט אימער ווערטערליך.

עס זיינען אָבער פאַראַן מאַרקסיסטען — און זייער צאָל איז ניט קליין — וועלכע פערהאַלטען זיך צו דעם מאַרקסיזם אַזוי ווי צו געאָמעטריע, פיזיק, כעמיע אָדער אַסטראָנאָמיע. ניין, זיי פערהאַלטען זיך צו דעם מאַרקסיזם, אַזוי ווי דאָס וואָלט גע־ווען אַ גאָט־געגעבענער חומש, וואָס זיין יעדער וואָרט איז היילינ.

דער מאַרקסיזם דאַרף דיענען אַלס אַ פונדאַמענט פון דער אָרגאַניזירטער אַרבייטער בעוועגונג. דאָס הייסט אָבער ניט אַז יעדע שורה וואָס איז פערבונדען מיט דיעזער טהעאָריע איז דורכ־געדרונגען מיט רוח הקדש און אַז מען מוז אויף יעדען שריט פריהער אַ קוק טהאָן אין פּסוק און דאַן טהאָן ווי אין פּסוק שטעהט.

די מאַרקסיסטישע לעהרע איז אונז טהייער ווי אַ רעליגיאָן איז טהייער די וואָס דיענען איהר. דאָס הייסט אָבער ניט, אַז מיר פערהאַלטען זיך צו איהר אַזוי בלינד, אַזוי פאַנאַטיש ווי רעליגיעזע מענשען פערהאַלטען זיך צו זייער אמונה. די לעה־רען פון אַ רעליגיאָן זיינען דאָגמאַס — לעהרען אויף וועלכע מען טאָר קיין קשיות ניט פרעגען. די לעהרען פון קאַרל מאַרקס זיי־נען ניט קיין דאָגמאַס.

ליידער אָבער זיינען צווישען סאָציאַליסטען פאַראַן ניט ווי־ניג דאָגמאַטיקער, — מאַרקסיסטען, וואָס פערהאַלטען זיך צו מאַרקס'עס ערקלעהרונגען אַזוי ווי צו דאָגמאַס; מאַרקסיסטען, וועלכע נעהמען אַלץ, וואָס מאַרקס האָט געזאָגט, ווערטערליך און איינג־זיניג.

דער דאָגמאַטיקער קוקט ניט אויף קיין אומשטענדען; איהם קימערען ניט קיין פראַגען פון צייט, פון מאָס, פון מענשליכען געפיהל. ער ווייס נור פון אַ פערגליווערטען היילינען פּסוק, וועל־

כען מען מוז פאָלגען, ניט פרעגענדיג קיין קשיות — אז ניט, איז מען אן אפיקורוס.

דאָס איז יענער טיפּ מארקסיסטען, וועגען וועלכע קארל מארקס האָט געזאגט אז זיי זיינען מעהר מארקסיסטען ווי ער, מארקס, אליין.

* * *

איך גלויב אז אונזער בעוועגונג האָט אין זיך א היבשע ביסעל פון דיעזען זארט פאנאטיזמוס און אבערגלויבען; און איך גלויב אז די איצטיגע וועלט מלחמה האָט שוין פיעלעס פון דיעזען פאנאטיזמוס און פון דיעזען אבערגלויבען צושמעטערט. פיעלייכט זיינען נאָך ניט אלע בערייט דאָס אנצואנערקענען. אבער פריהער אדער שפּעטער וועט דאָס פאר אלעמען דייטליך ווערען.

איך גלויב אז ווען די מלחמה וועט זיך ענדיגען, און די וועלט וועט קומען צו זיך, וועט אונזער בעוועגונג זיין א געענדערטע — ניט אין דעם עיקר, נור אין פיעלעס פון איהר אויסערליכע פארמע.

יעדער נייער אידעאל שאפט פאנאטיזמוס. עס געדויערט צייט, עס פאדערט זיך א סך פּראקטישע ערפאהרונג אָבצוטיילען דאָס ממשות'דיגע פון דאָס וואָס האָט קיין ווערטה ניט.

דער מארקסיזם ווערט מקוים, און וואס פריהער ער וועט פריי ווערען פון דעם פאנאטישען גייסט, פון דער דאָגמא שקלאָפעריי, אלץ מעהר וועט ער זיך צופּאסען צו דער אונגעהויערער ראָלע וואס ערוואַרטעט איהם.

די מלחמה האָט שוין א היבשע ביסעל פון דיעזער דאָגמא־שקלאפעריי פון אונז אראבגעטרייסעלט.